STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01034

IN KANADE

Sholem Shtern

Permanent preservation of this book was made possible by Fred & Rita Richman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום שטערן

אין קאַנאַדע

באַנד צוויי

הילע געצייכנט פון דעם מאָלער און דיכטער

משה קיש

•

ארויסגעגעבן דורך דעם שלום שטערן בוך-קאָמיטעט
מאָנטרעאל, קוויבעק, קאַנאַדע
פעברואַר, 1963

SHOLEM SHTERN

IN CANADA

VOLUME TWO

PUBLISHED BY THE SHOLEM SHTERN BOOK COMMITTEE
MONTREAL, QUEBEC, CANADA
FEBRUARY, 1963

•

PRINTED BY EVEREADY PRINTERS
72 TECUMSETH STREET
TORONTO, ONTARIO, CANADA

PRINTED IN CANADA

28

ס אָ נ י ע ן
אין
ל י ב ש אַ פ ט

אין די בערג

אינדעפּרי

ביימער אָנגעטאָן אין גראָבע קאָרע הויטן
פלאַמען אין פרימאָרגן דעם רויטן.

צווישן גערטנער אין בלי,
די בערג שטייען אין וואַסער
ביז די קני.

שטיינער אין מאָכיקן גרוי
וואַרעמען זיך אין דער זון,
וואָס שווימט אין הימל-בלוי.

טעלערדיקע טאָלן
אין גראָזענע וואָלן,
טראָגן אויף זייערע פלאַכן
שטילע דערפלעך, גאָלדענע שליאַכן.

פאַרמערישע פורלעך אָנגעפּאַקט
מיט קעסטלעך און קוישן
לויפן און רוישן.

אַ קלויסטערל נידעריק, שמאָל,
גליט אין פאַרנעפּלטן טאָל.

אַ גלח מיט פרום-פרידלעכע טריט
בענטשט די שמייכלענדיקע פאַרמער, וואָס
ציען די שטרויענע היט.

די בערג שפּאַרן זייערע שטיינערנע קעפּ
און שטאַרן צו יאָסלען און פיערן, וואָס
טראָגן דעם קראַנקן חבר
אויף די הויכע, הילצערנע טרעפּ.

דאָס היי שמעקט.
דער טייך אין גאָלדענעם גלי
ליכטיקט און לעקט
די פעלדזענע קני.

אַ בין זשומעט און זעגט
די שטילקייט אויפן
זאַמדיק־דאָרפישן וועג.

שטיבלעך פון ברעטער
אין די וואַלדיקע טיפן.
די נאַסע בלעטער
טראָפּענען און טריפן.

נעכט אין פיין

זומערדיקע, בלענדיקע נעכט
גייען מיטן טויט אין געפעכט.

דער הימל, דער הויכער מיט שטערן פאַרשטאָכן.
לבנה־פאַסן צאַפּלען און בלאַסן
אויף די שויבן פון האַלצערנעם פאַרמער־שטיבל
פאַרזונקען אין גרין פון האָריקע מאָכן.

ביימער־שפּיצן בלאָען.
פיר שווייגנדיקע זיצן
און ציילן די שעהן.

קיינער קאָן מערנישט פאַרגעסן,
אַז דעם חברס לעבן ציילט זיך
אין מעת לעתן.

העכער פון פעלדזן, טיפער פון היילן,
זיינען די פיינען, וואָס מ׳קאָן נישט צעטיילן.
זומערדיקע, בלענדנדיקע נעכט.

שעהן פון וואכן
צינדן זיך און לעשן
אויף בערגיקע שליאכן.
לבנה בלאנדזשעט און שלייכט
אויפן זילבערנעם שליאך פון טייך.
דער קראנקער חבר אין צעפיבערטן געדאנק,
שרעקט זיך פאר זיין לעצטער שעה וואס צאנקט.

א, ווי לאנג איז פון פיין די מינוט,
ווען פון קראנקען חבר קאפעט דאס בלוט?

דער טויט צעשפרייט זיינע שאטנדיקע פליגל
און טרינקט די פרישע, רויטע טראפנס
וואס שווימען אין וואסער־קריגל.

איבער פארמער־שטיבלעך געהויקערט און אלט,
וואשט זיך דער הימל אין די וואסערן פון בלוי.
און דער וואלד וואס רייט אויפן בארג,
בלעטערט און שווימט אין די זילבערנע פארהאנגען פון טוי.

זיצן חברים פיר
און וואכן אוןווארטן,
אז אויפטאגן
זאל די שויבנטיר.

א שאטן שלינגט איין א שאטן.
דער ווינט קלעטערט
אויף די טעלעגראף־דראטן.

לבנה זילבערדיק גליט.
און דער טויט אין גרויל
פליט מיט א פייער־שווערד אין מויל.

טויט

באַגין.
אין דער גרינער רו
פֿאַשעט זיך אַ קו.
אין אַ מאַכיקן העמד
דין און גרין,
דרימלט דער שטיין
אין גראַזיקן געשפּין.

דאָס שטיבל וועבט זיך
אין שאָטנס פֿון טרויער.
דער הימל עפֿנט
דעם גאָלדענעם טויער.

אין טאָל, דאָס דערפֿל שמעקט
מיט האָניק און היי.
אַ פֿאַרמער־ייִנגל אויף אַ האַרמאָניק באַגט
מעלאָדיען פֿון ווײ.

אויטאָמאָבילן רעדערן אין רויך פֿון זאַמדנשטויב.
דער פֿרימאָרגן דער נייער זוניקט אויף דער שויב.

אויגוסט. אַ בלאַט פֿלאַמיקט אויפֿן בוים.
דער אומעט לויטערט זיך אין טרוים.
עס איז פֿרימאָרגן. עס איז שטיל.
היימיש איז דעם הונטס געביל.
אַ חיה פּלאָנטערט זיך אין דאַרנדיקן גרין.
און פֿאַרן קראַנקן חבר צאַנקט דער לעצטער באַגין.

דער חבר פֿיבערט און רעדט
צו די באַרגיקע שטיינער.
און אַלע פֿיר
אַרום זיין בעט,
הערן און וויינען.

פייגע מיט אַ האַנטעך,
וואָס פּראַקטיקט פון אייז־קאַלטן פאַס.
לעשט דאָס פייער אויף זיין צעהיצטן שטערן,
און פון זיין פּנים ביינערדיק און בלאַס,
זי ווישט די אַנגסטיקע טרערן.

די ביימער אונטערן זוניקן בויגן
שטראַלן אין לויטערן ליכט.
נאָר פּאָר זיינע אויגן
וויקלען זיך נעפּלען גרוי און געדיכט.

פּלוצלינג, און זיין קול שאַלט:
חברים, פירט מיך צו אַ קילן קוואַל!

חברים, האַלט זיך מוטיק! האַלט זיך פעסט!
מיר זיינען אַרום אין לעצטן פאַרמעסט!

אַרבעטער פון שאַפּ און שאַכט,
קעמפט אויפן פעלד פון שלאַכט!

„אַל אַן דהי פייערינג לאַין"!
שלאַגט די מערדער און באַפרייט
די וועלט פון יאָך און פּיין.

די שויבן בליצן ווי שאַרפן פון שטאַל.
בלוט שטראָמט און דערוואַרגט זיין קול.

לעצטער צאַפּל. דאָס וואַסער פון באַרג־שפּיץ
קייקלט זיך אויף שטיינערנעם שטאַפּל.

גוף גליווערט. און עס גלאָזן
די פענצטערלעך פון זיינע אויגן
צום טאָל, וואו עס גאָלדיקן
אין דער זון די פרישע היי־סטויגן.

אין טרויער

אַ האַק טעסעט אין וואַלד
דעם חברם פּנים שטייניק־קאַלט.

דער הימל טריפט זיין בלוי
אויף די ביימער־מאַסטן.
דער פּאַרמער הובליעוועט
דינע, לאַנגע ברעטער
פאַר אַ פרישן קאַסטן.

וואַלדן־וועג געדרייט און גרין
קירעוועט זיך צווישן שטיין און דאָרן־געשפּין.
דאָס דאָרף וועקט זיך אין קלויסטער־געקלאַנג.
שטראַלנצונג לעקט דעם טוי
פון דער באַבלעטערטער צווייגן־שטאַנג.

יאָסל גייט.

אין טויאיקע רויכן
שווייגן די באַרגיקע הויכן.

אַ הירש פּאַרפּלאָנטערט אין צווייגן־שטריק
קוקט אויף אים מיט אַ דערשראָקענעם בליק.

די פּאַרמער־פרוי מיט טרויער אין געדאַנק,
זיצט פּאַרטרערט אויף דער גראָזנבאַנק,
און זי גלעט דעם האָריקן הונט
וואָס טוליעט זיך צו איר און בילט
אין דער מאָרגנשטיל.

די פּאַרמער־פרוי פּאַרברוינט און שלאַנק,
דערפילט דעם עלנט פון זיין געזאַנג.

זי שאָקלט מיטן קאָפּ און באַגריסט:
טייערער, וואָר, דער טויט פּאַרוויסט.
אָדער גאָט אַליין אין הימל טרערט
אויף איטלעך איינעם, וואָס
ווערט פרי פּאַרצערט,

איז מענטש אין טרויער,
בענטש גאָט פאַר עפּענען
אין פרימאָרגן פון ליכט דעם טויער.
געפין טרייסט אין הייליקן געדענקען,
און דאַנק דעם באַשעפער פאַר יעדן טאָג,
וואָס ער טוט אונדז דאָס לעבן שענקען.

אַ בוים הוידעט זיך אין בלעטער־קלייד,
יאָסל טראַכט פון די טרייסטנדיקע רייד.

אין וואַלד שמעקט דער צעזעגטער ברעט.
יאָסל גייט און בעט:
— אָ, לייטער מיך טרויער,
אָ, גלויבן, עפן
פון ליכט דעם טויער.

יאָסל גייט.
אויפן פעלד קניט אַ בינטל שטרוי.
אַ פערד הירזשעט און טרינקט
פון וואַסער דאָס בלוי.

די זון מיט איר שטראַלנשווערד
בליצט אויפן טוי פון דער גראָזן־ערד.

דער טרויער אין הארצן טריפט
ער לייענט דעם טאַטנס לעצטן בריוו:
„לך לך מאַרצך —
וואַגל אַרוים פון דיין געבוירנלאַנד.

נישט פאָרכט, אומעטום איז גאָט,
אומעטום איז מענטש און שטאָט.

פארטרייב די שרעק.
ווייל פון אָנהייב,
דיין וועט זיין
דער וועג פון פיין.

וואָגל און געפין
דאָס לאַנד פון גראָזן־גרין.
גיין, זאָלסטו גיין,
און גרונטפעסטיקן אַ נייע היים.
איך וועל ווי יעקב אָבינו נידערן צו דיר
און בענטשן די שוועל פון דיין אָפענער טיר״.

אויגוסט. עס פלאַמען אין וואַלד די בלעטער.
יאָסל זוכט טרייסט אין טאַטנס ווערטער.

דעם חברס יונגע, גאָלדענע קאַיאָרן
ווערן פאַרשלאָסן אין פרישן אָרון.

אַ וואַסערל קייקלט זיך צווישן שטיינער.
און עס טרערט אין אים דער טרויער דער ריינער.

אַ שטיבל, אַ לאָנקע, אַ קו און אַ פערד.
די רו פאַשעט זיך אויף דער גראָזיקער ערד.
— — — — — — — — — — — — —

טרערן

אין וואַלדיקן טאָל
טעסען די העק פון שטאָל.

באַנען־געברום וועקט
דעם שטומען אָרום.

און דיביימער אין דער בלויער הויך,
וויקלען זיך אין שטריק פון רויך.

און די פיר מיט אַנגעטרערטע אויגן קוקן
אויף חבר גאַרמאַנס ליפּן, וואָס צוקן.

אויפן פעלד גאָלדיקן בינטלעך קאָרן.
חבר גאַרמאַן ביים פאַרמאַכטן אָרון,
דערמאָנט דאָס שטיין אין דער הונגעריקער ריי
אין ווינטערדיקע דרויסנס, וואָס
גליען מיט פראָסט און שניי.

און אונדזער חבר רעדאַקטאָר פּלעגט
ציטערן אין אָפּגעקראַכענעם פּאַלטן,
און דאָס הונגערן פון די סאַמע נאָענטסטע
ער האָט אויסבאַהאַלטן.

און דער סוף פון פרירן און פאַסטן?
זיין אויסגעברענטער גוף גליוועט
אין אַ הילצערנעם קאַסטן.

אויגוסט. שורות פייגל פליען.
און די בערג מיט גאָלדן ליכט זיך פאַרציען.

צום שטיבל אין וואַלד זיי גייען צוריק.
און די גראָבע שטריק פון רויך
דרייען זיך ווי שלאַנגען אין דער בלויער הויך.

זיי קערן זיך אום
צו דער וואַלדיקער שטום.

וואַסער־שוים
לעקט דאָס זאַמד
פון טייכן־ברעג.

דאָס לייב פון אַ הויכן, ברייטן בוים
גריזשען די שאַרפע ציינער פון דער בליציקער זעג.

עס וואָיעט די באַן.
די פאַרמערקע דערלאַנגט
פרישע מילך וואָס בלעזלט
אין דער האַלצערנער קאַן.

די פיר זיצן און שווייגן און הערן,
ווי די עופות רוישן מיט די פליגל
אין די דראָטענע שטייגן.

עס אומעטיקט דער האַרבסטיקער אָרום.
און עס שמעקט דער ריח
פון פריש־צעזעגטע ברעטער, וואָס
וואַרעמען זיך אויף דער זון.

אַ בריוו פון חבר גאָרמאַן

טייערע חברים: —

איין הימל איבער אַלעמען וואַכט.
און וואויל איז דעם מענטש,
וואָס לעבט און גייט קעגן
אומרעכט אין שלאַכט.

אין טרויער מיר טאָרן זיך נישט פאַרלירן.
דעם מענטש צו אַ שענער לעבן
מיר מוזן פירן.
דערצו איז קיינער פון טויט נישט באַוואַכט
דער עיקר איז, וואָס דער מענטש
פון זיין לעבן מאַכט.

מעסערדיק דער ווײ.
און מיר טאָרן נישט וואַקלען,
ווײל מיר קעמפער אין דער פאָדערשטער רײ,
טראָגן פון גלויבן די פאַקלען.

זײט מער נישט פון טרויער געפאַנגען.
זאָל די פרײד פון קאַמף קלינגען
אין יאָסלס נײַע געזאַנגען.

אַזוי האָט אונדז געבאָטן
אונדזער חבר רעדאַקטאָר,
אײדער דער טויט האָט אים אַרומגענומען
מיט זײַן פינצטערן שאָטן.

איז פרישע כוחות שעפּט.
און באַוואונדערט פון די בערג
די צעשטראַלטע קעפּ.
ווײל ביז איצט אין דאָרף אײער זײַן,
איז געווען פול מיט שרעק און פּײַן.
און היות דער וועג אין וואַלד גערדרײט און געקרומט,
זאָל יאָסל, ווי תמיד, מיט אַ גלוסטיק האַרץ
קוקן אויף פײַגען פאַרליבט און פרום.
יאָ, אין דאָרף זאָלט איר בלײבן,
ביז די קאַלטע ווינטער ווינטן
וועלן פון די בערג אײַך אַהײם טרײַבן.
אין הײסן באַטאָג באַהאַלט זיך
צווישן די גרינע שאָטנס אין וואַלד.
און פאַרנאַכט לאָזט זיך אַרום אויפן שליאַך,
און מיט די פאַרמער פון באַרגיקן לאַנד
הײמישט זיך און ווערט אַלצמער באַקאַנט.

עס איז אַ הייסער אויגוסט.
אין מויל פון דער בלום גליט די זון.
טרינקט און עסט און מיט די פיס מעסט
דעם גראַזנשטעג אויפן שטייניקן באַרג,
וואָס יעגער־טראָט האָט געצייכנט
ביזן שפּיץ פון צעזוניקטן קאַרק

מיר טראָגן אַ שווערן עול.
און מיר פרייען זיך, וואָס
אין יאָסלס ליד הערט זיך שוין
דעם אַרבעטערס קעמפעריש קול.
היות יאָסל מיט זיין טאַלאַנט
קאָן שילדערן דאָס לעבן פון די פאַרמער
אין שיינעם באַרגלאַנד,
זאָלן הויך שטייגן זיינע טריט,
און די רו פון וואַלדיקן שווייגן
זאָל זיך גיסן אין זיין געמיט.
וואָרים, ער דאַרף מער נישט זאָרגן וועגן דזשאָב,
ער וועט שוין לאַנג נישט זיצן אין שאָפּ.
היות ער וויל פאַרלענגערן פון דורות די שנור,
וועלן מיר אים ווינטער שיקן אין דער „וועסט".
צו רעדן צו יידן וועגן דער אַרבעטער־קולטור.

סיי ווי אין שאָפּ דער סעזאָן,
שפּעט אין האַרבסט הויבט זיך אָן.
דעריבער פון אָרט זאָלט איר זיך נישט רירן,
ביז די טייכן וועלן נעמען פרירן.

זייט געזונט,
און ציט אָרויף אויפן לייב
אַ פּאָר פונט.
אין שטאָט ביים באַרג, מיט אַלע דופטן שמעקט
דער גרינס־און־פרוכטן־מאַרק

אייער, י. גאָרמאַן.

גלוסטונג

א

אין די נעכט, לבנה אין וואלדיקן גארטן,
בינדט די ביימער מיט א זילבערנעם שאטן.

צווישן די שטיינער גליטשן זיך די שלענג.
אויפן האלצערנעם קרייץ א צעבלוטיקטער יעזוס הענגט.

נאר אין שענק-הויז שכורים וויינען און ברומען,
און קאנען נישט שטילן דעם דארשטיקן גומען.
אין דער שענק-שטוב שלאגט אן איבלדיקער ריח
פון געוויקטע הערינג, פון ווארשטן,
און פון ביר-פעסער וואס מען ציט ארויף פון קעלער-גרוב.

פאר די שכורים אין שענק-הויז, אין געווימל
ווי א בלוי-געפארבטע ברעט
זעט אויס דער פארסודעטער הימל.
זיי ווילן אין טרינקען דערטרענקען
דעם ווייטיק פון בענקען.

אפט צעביילט מען זיך אין א געשלעג.
אנגעטרונקענע, צעבלוטיקטע
פאלן זיי אוועק ביים וואלדיקן וועג,
וואו לבנה מיט זילבערנע שנורן
וויקלט איין זייערע פיבערדיקע פיגורן.

יאסל אין צימער אליין,
הערט פון עלנט דאס געוויין.
דאס הארץ מיט בענקשאפט אנגעזויגן
פארמיידט דעם שלאף פון זיינע אויגן.

ער טראכט פון פייגען, וואס דורך די פייערן פון פיין
איז ער אין איר יונג לעבן אריין.

זיין געדאַנק קלעטערט און שרעקט זיך פאַרן מאָרגן
אין שאָטן פאַרבאָרגן.
און ער ראַנגלט זיך און טרייבט
די גלוסט, וואָס גליט אין זיין לייב.
אין שאָפּ דאָס געניי,
קלעקט נישט פאַר צוויי,
און אין דער שטאָט פון שטיין
זאָרגט איטלעך איינער נאָר פאַר זיך אַליין.
און טאָמער ווערט אַ קינד געבאָרן,
וועט ער מער נישט קאָנען וואוינען
ביי דער מומען אויפן גאָרן.
שווער וועלן דריקן די יאָכן,
און די ליבע אין דער ביטערקייט פון דער נויט,
קאָן איינפאַלן און ווערן צעבראָכן,
ווי אַן אַלט־צעפוילטער פלויט.
עס בויערן אין אים די געדאַנקען,
ביז די שטערן הויבן אָן צאַנקען.
אין זעקס נעכט פון די שטערן אויפן דאָרפישן שליאַך,
ער לערנט זיך אויפסניי פון בענקשאַפט די שפּראַך.
גלוסטיק און אַלייניק.
אין טרויער פון טראַכטן
ווערט די גלוסטונג גערייניקט.
נאָר אויף דער זיבעטער נאַכט,
דערהערט ער טריט אין צימערל
הינטערן בוידעם־דאַך.
ער דערקענט אין פייגעס גאַנג,
אַז זי וויסט פון זיין ליגן וואַך
ביזן שטערן־צאַנק.
אירע פינגער שפּרינגען אויף זיין פאַרריגלטער טיר.
די לאַנקע ליכטיקט אין טויאיקן געפריר.
פייגע רופט זיין נאָמען.
און דאָס בלוט הויבט אָן
גלוסטיק אין אים שטראָמען.
עס סקריפּעט דער ריגל.
זי רעדט צו אים פון לייטער־שטיגל.

און אירע ווערטער קלאַמערן אים אַרום.
פייגע קוקט אויף אים פון אַ לייטער־שטיגל.
זי רעדט מיט כעס און שפּאָט.
און אירע ווערטער שניידן זיין לייב
ווי די שאַרפן פון שטעכיקן דראָט:
„פאַרפּלאָנטערט אין דער קנויל פון זאָרגן,
ליגסט הינטער דער שוועל פאַרבאָרגן,
און דו לייטערסט אין גלוסטונג דיין זעל.
לויפסט אין קרייז פון אייגענעם ראָד.
און דער לבנה אויפן באַרג
דו פאַרטרויסט דיין סוד:
אַז מיין ליבע איז אַ שטריק וואָס ווארגט . . .
איז זאָג־זשע, וויפיל נאָך נעכט,
וועסטו גיין מיט זיך אַליין אין געפּעכט?

אין דיין צימערל האָסט זיך פאַרשפּאַרט ווי אין אַ צעל.
האַלסט אין איין קלערן, ווען
וועט דאָס פאַרליבטע מיידל נאָס מאַכן די שוועל
מיט אירע בעטנדיקע טרערן?
ווייס, איך שעלט דעם טאָג וואָס
איך האָב דיך געפונען,
און מיין ליבע האָט מיין לעבן
אין דיינעם פאַרשפּונען.

יאָסל פון איר פיין געטראָפן,
האַלט פאַר גערעכט איר צאָרנדיק שטראָפן.
און ער ענטפערט און דערקלערט
מיט ווערטער ציטערדיק און דורכגעטרערט:
— ווייס, דער באַגער אין מיינע גלידער,
ברענט אין דער בענקשאַפט פון מיינע לידער.
אָבער איך שרעק זיך:
טאָמער קומסטו זיך מיט מיר צונויף,
וועסט פון דער אָרעמקייט קיינמאָל
נישט האָבן קיין אַנטלויף.
היות, די יונגע ליבע איז אַ וויכער,
וואַרט איך דו זאָלסט מיט זיך אַליין זיין זיכער.

זאָלסט אין דער אָרעמקייט זיין גרייט
צו טראָגן פון ליבע די פרייד.
און גרויס גליק ליגט אין ווארטן
אויפן טאָג דעם געגאַרטן.
דעריבער פאַרנאַכט איז מיר ליב דאָס זיצן ביים קוסט,
און לייטערן אין בענקשאַפט די גלוסט.

נאָר פייגע ענטפערט מיט צאָרן און שפּאָט:
ווייסט אָפילו נישט אַז די ליבע
איז פאַרן מענטש דאָס גרעסטע גנאָד.

און דו קליינבירגער רק דו גריבלסט,
און ווי מאַטקע פראַנט, וואָלסטו געוואָלט
אַ פּאַלאַצל מיר אויפשטעלן אין היגן לאַנד.
דערצו ווילסטו באַוואונדערן דיין כלה-מיידל,
וואָס צוימט אירע באַגערן
פרום און איידל . . .
איז מיין ליבער, לויטן אַלטן שטייגער שפּרינג,
שפּאַר געלט און קויף מיר אַ האַנט-זייגער
מיט אַ גאָלדענעם רינג.
איצטער, הער וואָס איך וויל צום לעצטן מאָל
דיר זאָגן: הלואי, וואָלט איך געקענט
די ליבע צו דיר, פון מיין זעל אַרויסיאָגן.
נאָר איך גיי אַרום, ווי אין אַ פייער-ווינט
און באַגער צו האָבן פון דיר אַ קינד.
איך וויל מער נישט האָבן דאָס גרויסע גליק
פון ווארטן אויפן טאָג דעם געגאַרטן.
איך וויל דיך מאַכן גרייט
צו דער ליבע, צו איר פרייד".

פייגע לאָזט אים איבער אַליין,
מיט דער בענקשאַפט אין זיין געביין.
די בערג שווימען אין טויאיקן נעפּל.
אין גאָרטן שמעקן די רויטע עפּל.

דער הונט היט פון שטאל דעם ריגל.
לבנה פארוויגט די נאכט
אין א זילבערן שטראלנוויגל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גלוסטונג

ב

אין בלויען ברונען
שווימען רויטע, פארנאכטיקע זונען.
יאסל און פייגע זינקען אין די מאכן
און טראכטן פון די לעצטע שטיל-צעקריגטע וואכן.
פייגע פון זון-אפגעברענט וויינט
אין יאסלס גלעטנדיקע הענט:
קענסט זאגן, אז דו לייטערסט דיין ליבע ווי ווייז.
נאר איך וועל אין זיך מער נישט טראגן פון גלוסטעניש
דעם פיין.
דערווייטער זיך, ווער פרעמד.
וועל איך מערנישט ארומגיין אין גארן פארשעמט.
אין דיינע לידער זינגסטו צו דער פרוי,
וואס איר לייב שמעקט מיט מארגנטוי.
אין דיין הארץ נישט דיין ליבע, נאר דיין יוגנט צאנקט.
ווייל דו טוסט זיך לייטערן און גרייטן ביז דו טוסט אז
דיין אייגענעם געדאנק אין אייזערנע קייטן.
דיך שרעקט די מארגנדיקע נויט.
אבער דיך ארט נישט, ווען אין פיין
איך שאב פון זיך אליין די הויט.
ביסט אזא צעקראכענער אינטעליגענט,
אז פון דיין ליבשאפט קען מען אויסגיין
אונטער דיינע צערטלדיקע הענט.
די גארונג וואס איז אין ווייטיק שרייט,
איז גאר בא דיר ווילד און פארשייט.

ווילסט אפשר פריער הערן קלעזמער-שפילן?
שעם זיך נישט, אַנטפּלעק אַלע דיינע קליינבירגערלעכע געפילן.

יאָסל שמייכלט און זאָגט: ליכטיקע פרייד
צינדט דיינע תמימותדיקע רייד.
און בענקענדיקע טרערן הייליקן
אונדזערע טיפע באַגערן.
איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר גראָד איצטער
אויפן קילן גראָז, מאָל איך זיך אויס יעקב אָבינוס
אַנטלויפן פון פאָטערס הויז.
אָט איז דער שליאַך. אָט איז דער ברונען.
אין גאָלד פון פאַרנאַכט זיינען דיביימער פאַרשפּונען.
רינדער און שאָף. רחל איז שענער,
ווי דער חלום אין שלאָף.
און צוליב רחלס אויגן גלוסטיק און ריין,
פאַרגייט זיך יעקב אין פריידיקן געוויין.
איצטער ווייסט ער עשום האָט
האָט אים פון פאָטערס הויז פאַרטריבן,
אַז ער זאָל קומען אין פרעמדן לאַנד רחלען צו ליבן.
און יעקב האָט רחלען אויסגעקליבן.
אַזוי איז אין חומש פאַרשריבן.
פייגע טוליעט זיך אין אים איין און שעפּטשעט:
איצטער ביסטו אין גאַנצן מיין.
עס קילט די גראָזענע נידער.
זיסער פלאַם גיסט זיך
אין אַלע זייערע גלידער.
פייגע קינדיש צאַרט
ציטערט און גאַרט.
האַרבסטיק, ווינטישער געפאַך
שמעקט מיט וואַלד און מאָך.
פייגע קינדיש, צאַרט
טוליעט זיך און גאַרט.
איבער אירע אויגן די פייכטיקע און דערשטווינטע,
פלאַטערן די בלעטער די פאַרברווינטע.

לבנה — אַ ווייסע לאָם פּאַשעט זיך
אין דער גראָזענער נידער.
און פון גאַרונג דער פלאַם
זיסט די פיבערדיקע גלידער.
לבנה טרערט איר ליכט
אויף פייגעס קינדיש־גאַפנדיק געזיכט.
איר לייב שמעקט מיט מאָך און ווייַן.
און זי שעפּטשעט: איצטער ביסטו אינגאַנצן מיין . . .
מיידלשער גוף היים צעבלענדט
צאַפּלט אין זיינע פאַרקלעמטע הענט.
אין דער טיף פון די פעלדזנשטיינער
בלעזלט און מורמלט אַ קוואַל אַ ריינער.
פאַרליבטע רייד, לויטערע באַגערן
רוישן אין דער פרייד פון פינקלענדיקע טרערן.
פלוצלעם —ביידע דערזעען
דאָס ליכט פון די גאָלדענע שטערן.
די גראָזן קילן. עס וועקט פון דאָרף
דאָס הינטישע בילן.
פייגע פליסטערט: איך וועל שטענדיק געדענקען
אָט דעם האַרבסטיקן וואַלד מיט די רויט־ברוינע בלעטער,
און דאָס ליכטיקע שעפּטשען פון די פאַרליבטע ווערטער.
יאָסל ענטפערט: און איך וועל שטענדיק געדענקען
די לבנה אויפן טייכיקן שליאַך,
און די פרייד פון דער היינטיקער נאַכט.
אויף די שפּיצן פון פעלדזנשטיין
וואָיעט ווינטיש געוויין.
לבנה מיט זילבערן ליכט
קושט פייגעס קינדיש־צעשמייכלט געזיכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

באָנער

צוקאָפּנס דעם מאַכיקן שטיין
רוט פייגעס איינגעשטילט געביין.
אויף די מאַכן מיט טוי אָנגעטרונקען,
זי ליגט אין שלאָף פאַרזונקען.
איר פּנים צעשמייכלט און ראָז,
שמעקט מיט דער פרישער קילקייט
פון פייכטן, צעווינטלטן גראָז.
אירע אויגן מיט חלום פאַרצויגן
חלומען און בענטשן אין חלום די נאַכט,
וואָס האָט די גאַרנדיקע פרייד איר געבראַכט.
יאָסל קושט איר טוי-באַטריפטן שטערן.
פייגע שעפּטשעט אין טרערן:
איך בין דיין ווייב,
און מיין האַרץ און מיין לייב
וועלן תמיד דיך באַגערן.

דאָס וואַסער כוואַליעט זיך צום ברעג.
ביידע האָרכן דעם יאָמערדיקן גרילץ
פון דער צייניקער זעג.
יאָסל בינדט-אָפּ פון שיפל דעם שטריק
צוגעקניפּט צו די צעפּוילטע פּיס
פון דער הילצערנער בריק.
שטראַלנדראָטן אויפן טייכיקן שליאַך,
צערייסן דעם שאָטן פון דער נאַכט.
צווישן וועלדער גרין און געדיכט
גליטשט זיך דאָס שיפל
אויפן וואַסער-געזיכט.
דער הימל בלוי און לויטער
ווערט העלער, ווערט רויטער.
די וויעסלעס מעסערן דעם טייכיקן שליאַך.
דאָס וואַסער שטראָמט פון פעלזנדאַך.
יאָסל פאַרחלומט און בלייך,
קוקט צו דער זוניקער הייך.

ער בענטשט דעם קאיאַר,
און די ליבשאַפט, וואָס
ליכטיקט פאַר אים אין דער יונגשאַפט
פון פייגעס גאַרנדיקע יאָר.
ווייט איז פון מיל דאָס געטומל.
דאָ איז שטיל און פייגע מורמלט:
זיס איז פון גלוסטונג דער פיין,
ווען דו ביסט אינגאַנצן מיין.
היינטיקע נאַכט האָסטו לעבן
אין מיין לייב געבראַכט.
יאָסל פון גלוסטונג באַרוישט
שעפּטשעט: עס האָט
די ליבע נישט אַנטוישט.
יאָסל פון אירע רייד צענומען,
קירעוועט דאָס שיפל צווישן
בערג און וואַסער־שטראָמען.
די זון שליכט אויף דער פעלדזנוואַנט.
דאָס שיפל שלאָגט זיך צו צום ברעג
פון וואַלדיקן לאַנד.
דער שטריק כאַפּט אָן
דעם אייזערנעם רינג פון דער ברעטלדיקער בריק.
יאָסל זאָגט: פייגע, מיינע ליפּן שעפּטשען דיין נאָמען,
און טראָפּנס ווייַן זיסן מיין גומען.
און זע אָט יענעם ווייסן שטאָם,
מיט די ציין פון דיין קאָם,
אויף זיין קאָרע־הויט איך פאַרשרייב!
— אין פרייד און אין נויט,
איך בין דיין מאַן און דו מיין ווייב.
שווער, אַז וועסט פון מיר נישט אַוועק,
אַנישט וועסטו אין די קליידער שווימען ביזן ברעג.
און ווייס, כאָטש דו ביסט אַזוי לינק,
וועסטו מוזן אונטער דער חופה שטיין,
און צו מיר געהייליקט ווערן
מיט אַ קידושין־רינג . . .
דער פרימאָרגן שטראַלט.

און פון זון און העלער שיין שכורט דער וואלד,
און די לופט שמעקט ווי לויטערער ווײַן.
פייגע אין ליכטיקן געוויין,
קלאמערט זיך איין אין יאסל געביין.
דער ווינט שויבערט,
און קושט אירע פלאטערדיקע האר.
די פרייד פיבערט אין אירע צוואנציק,
פרילינגדיקע יאר.
יאסל טוט אן אויף איר האלדז פון וואסער-ליליען
א גאלדן שנירל.
פייגע שעפטשעט: אויב איך וועל האבן א מיידל,
וועלן מיר זי רופן צירל.
פרימארגנדיק שווייגן הויערט אויף די בערג-ווענט.
יאסל טראגט, און וויגט פייגען אוף זיינע הענט.
פייגע שפרינגט אראפ און לאכט:
פארהוילן איז אין וואלד דער גראזנשליאך.
איך האב פאר דיר מיין לייב אנטפלעקט,
און די ליבע האט די גלוסט דערוועקט.
איך וויים, איך בין פון דיר באגערט,
וועל איך ווארטן אויף דיר הינטער א קוסט,
וואו דאס גראז איז הויך און מיט טוי דורכגעטרערט.
ווארום אלץ וואס איך טו צינד באגערן,
איך וויל א קינד פון דיר געבערן . . .
און איך פארלאנג נישט קיין זיידנס, קיין סאמעטענע טיכער,
איך וויל בלויז אז דאס לעבן פון ארבעטער,
זאל זיך אפשפיגלען אין דיינע ביכער.
דער פרימארגן שטראליק, העל.
עס בענקט די פארליבטע זעל.
פייגע אנטלויפט, פייגע אנטרינט.
יאסל געפינט זי אין דער טיף פון טויאיקן גרין.
אין הויכן גראז ביים שטיין,
זינקט פייגעס צאפלדיק געביין.
די פרייד פינקלט
אין לויטערקייט פון די טרערן.

הינטערן בוים מיט שאָטן פאַרשפרייט,
די ליבע הייליקט זיך אין ליכטיקן באַגערן.

פרימאָרגנדיק און שטיל.
אויפן זאַמדנוועג אַן אויטאָ
שטויבט און ברילט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דערמאָנונג

ביים ראָד פון טראַק

א

מאַרגנפרי. ווי תמיד די ביימער שטייען אין טוי
ביז די קני.
פיער רוט אויפן רוקן פון פעלדזנשטיין
און זעט, די זון מיט אירע גאָלדענע ציין
גריזשעט פון מישעלם ליידיק שטיבל
דאָס צעפוילטע ברעטערדיקע געביין.

די צעפלאַצטע שייבלעך אויסגעשמירט אין קויט.
דאָס גרויע טירל הוידעט זיך אויפן איינגעבויגענעם פלויט.

אין פייכטן גרין זשאַווערט אַ צעשרויפטע שנייד-מאַשין.
דער דאַך פון דער צעלעכערטער שטאַל
פאַרצויגן מיט אַ מאָכיקער שאַל.

מאָרגנפרי. פייגל זינגען צום זון-גאָלדענעם גלי.
דורך דער וואַלדיקער שטיל,
לויפט דאָס וואַסער צו דער מיל.
די שטראָמען ברויזן ביים ברעג
און קירעווען די רעדער פון דער געשליפענער זעג.
אַ לאַנגער, שאַרפער גרילץ
מעסערט דורך דאָס גראָבע געהילץ.
דער טייך אָנגעזאַפּט מיט אויל,
ווערט גלאַנציקער און פעטער פון די פריש-צעשניטענע ברעטער וואָס
שפּרינגען אין זיין תהומיק מויל.

פיער פאַרזונקען אין גראָזענעם וואַל,
קוקט צו די שטיבלעך, וואָס חלומען
אין גרין פון טאָל.
אין פלאַקער פון זון אויפגאַנג,
נאָגט די בענקשאַפט זיין צעצונדענעם געדאַנק.
און אין דערמאָנונג ער קערט זיך צוריק
צו יענע יוגנט-יאָרן, ווען ער האָט דאָהי
צום ערשטן מאָל צעריסן פון יאָך די שטריק.

דאָס זעלביקע, גרויסע ציגל-הויז
רויטיקט ביים שליאַך
און בלישטשעט מיט אָפּגעזילבערטן, בלעכענעם דאַך.

דאָרטן וואוינט נאָך אַלץ מסיו ראָשאָן,
וואָס אויף זיין הויכן, גרינעם באַלקאָן
ווינטלט און קרייעט אַ געל-געפּאַרבטער האַלצערנער האָן.
איטלעך איינער אין דער זעג-מיל
ציטערט פאַר מסיו ראָשאָנס טראָט און געבריל.

אַ גאַנץ דערפל צוימט פאַר אים דעם וואַסער-שטראָם.
קליידער, שפּייז און געצייג
קויפן אַלע פאַרמערס אין זיין קראָם.

קלויסטער-גלאָק קלינגט און קלאָגט:
גאָט אַליין-אַליין דרייט פון זון דאָס ראָד.
און ער — דער אַלמעכטיקער פאַרהוילט דעם סוד:
פאַרוואָס אין דאָרף בלויז צו איין משפּחה,
ער שיקט פון שפע די ברכה.

זונטיק דרשנט דער גלח:
— רואיק זיינען גאָטס געצעלטן,
נאָר נישט איטלעך איינער ירשנט
ביידע וועלטן.

איז מענטש דאַנק פאַר וויי און צאָרן,
ווי פאַרן שמעקענדיקן היי און גאָלדענעם קאָרן.
גאָט האָט אונדז געשענקט אַ גרויס פאַרמעג:
טאָלן מיט טייכן וואָס גייען און גיסן.
און די זאַטע טעג רואיק און פרום פליסן.

דער גלח מערט ברכות פרומלעך, זיס,
כאָטש ער ווייסט, אַז שטייניק און מאָגער
איז דאָס שטיקל ערד אונטער די פיס.

און דעריבער איטלעך איינער פון דאַזיקן באַרגלאַנד
האָט אין לעבן איין ציל צו ווערן אַ האַנט
אין מסיו ראַשאַנס זעגמיל.

און ווער איז דאָ אַ וואַזשנער פּאַרשוין,
ווּעמען מסיו ראַשאַן צאָלט אַ מאָגערן לוין
פאַרן וואַלדן-וועג דורכגעבראָכענעם מיט האַק-און-זעג?
אַזאַ איינעם איז גוט, ער האָט אַ בערנפּעלץ
מיט אַ שווערן, פוטערנעם הוט.
און פּיער געדענקט דעם פּלאַקער פון יענעם אָוונט-צאַנק,
ווען ער אַ אינגל פון זיבעצן יאָר
בעט אַרבעט ביי מסיו ראַשאַן, וואָס זיצט אויף דער
הויכער באַנק אין זיין קאַנטאָר,
און זיין בייזער בוויערנדיקער בליק
שאַרפּט זיך אין אים איין,
און ער ציטערט אין צאַנק פון רויטן אָוונט-שיין.
און פּיער רעדט מיט טרערן:
— דער טאַטע איז נישט קיין אַלטער מאַן,
נאָר אים איז שווער אַליין צו שלעפּן דעם שפּאַן.
גאָט וועט מערן אייער רייכקייט אין דער מיל,
פאַר אייער חסד און מיטגעפיל.

אַרבעט פאַר מיר באַוויליקט.
איך שווער, איך וועל אַרבעטן געטריי און ביליק.
וואָרים פון הויז יאָגט דער מאַמעס געוויין:
אַז כאָטש דער הונגער האָט שאַרפע ציין,
קאָנען קינדערלעך יונג און קליין פאָרט
נישט גריזשען דעם גרינעם מאָך פון גרויען שטיין.

דער געלער, אויסגעפּאַשעטער מסיו ראַשאַן
הויך, האַריק און ברייט
ציילט זיינע פּאַמעלעכדיקע רייד:
— אַ נייע האַנט דאַרף זיין, ווי אַ גוט שטיקל געוואַנט
פאַר אַ ניי קלייד.

איז הער וואָס איך זאָג:
לערן זיך קירעווען פון טראָק דאָס ראָד,
וועסטו פירן מיינע ברעטער אין שטאָט.
און אויב וועסט האָבן אַ קאָפּ אַ קלאָרן
וועסטו נאָך קאָנען געלט אָפּשפּאָרן.
זיי געהאָרכזאַם און פרום,
וועסטו נישט פאַרבלאָנדזשען אויף וועגן בייז און קרום.
און אויב ווילסט נישט פינצטערן אין אַ תפיסה־צעל,
געדענק, מייד אוים די שוועל פון דעם גאָט־לעסטערער מסיו מישעל.
דאָס לעבן מוז האָבן אַ פעסטן פונדאַמענט,
און דאָס הייסט זיך פירן, ווי עס איז פאַרשריבן
אין נייעם טעסטאַמענט . . .

פּיער פירט ברעטער אַ פולן טראָק.
זונטיק גייט ער אין קלויסטער,
ווי נאָר עס צעקלינגט זיך דער קופּערנער גלאָק.
פּיער דער זיבעצן־יאָריקער ערלעך און שטאַרק
האָרעוועט און בויגט פאַר מסיו ראָשאָן דעם קאַרק.

מ י ש ע ל

ב

איינמאָל אין אַ ווינטער אינדערפרי,
דער פראָסט גליט.
דער טראָק דורכן וואַלד פליט.
און מסיו מישעל, וואָס באַגריסט
אים תמיד אַ פריילעכער פון דער שוועל,
שטעלט אים אָפּ און זאָגט:
— פּיער כאַפּ זיך באַנאַכט צו מיר אַראָפּ.
אויף מיין טיש הייסע טיי,
ברויט און אַ בוך,
און דער הימל איבערן שניי
שפּרייט זיך ווי אַ בלויער טוך.

דאַרפסט זיך לערנען קעמפן קעגן רייך,
וואָס פאַרכאַפּן ערד און טייך.
דער גלח פּרעדיקט: איטלעך איינעם האָט גאָט געשענקט אַ זעל.
איז שוין צייט, אַז זאָלסט באַקלערן:
פאַרוואָס קומט מסיו ראַשאָן דעם וואַלד,
און די פעל פון פוקסן און בערן?
פאַרוואָס זיינען אַלע פאַרמערס זיינע יעגער און העקער?
און פאַרוואָס בוקט זיך צו אים דער גלח
מיט אַלע זיינע קלויסטער-גלעקער?
ער האָט פאַרכאַפּט דעם וואַסער-שטראָם,
אָנגעפּראָפּט מיט סחורה זיין טיפן קעלער,
די גרויסע קראָם.
ער האָט טראָקס, און אין אַ גלאַנציקן אויטאָמאָביל,
ער פאָרט יעדן פרימאָרגן צו דער זעגמיל;
און דאָ ביים וואַלד, אין שנייאיקן רויך,
גאַרטלען פון שטרוי, טראָגן אַלטע, פאַרמערישע שטיבלעך
אויפן האַלצערנעם בויך.

פון דעמאָלט אָן לערנט מיט אים מישעל,
וואָס אַרבעטער דאַרפן טאָן.
ער פאַרטייטשט אים קאַרל מאַרקס ווערק,
און ער קלערט אים אויף,
אַז מלחמות ברעכן אויס,
צוליב רוי-שטאָפן און וועלט-מערק.
דעם אַלטן מישעלס
טיפע, שוואַרצע אויגן
מיט דער שיין פון פרייד באַצויגן.
און זיין פנים מיט דער געקאַרבטער הויט
שמייכלט און גיסט זיך אָן מיט העלן רויט.

מישעל היימיש מיט וואַלד און טייך,
איז אין דער יוגנט געווען פלייציק און גלייך.

פון מיטל-וואוקס, מיט אַ קרעפטיקן געבוי,
האָבן מיידלעך מיט אויגן פאַרלאָפן מיט בלוי,
באַוואונדערט זיין געטאַקט געביין,
און געבענקט נאָכן געלעכטער וואָס
האָט פריידיק געבלענדט דורך זיינע שאַרפע, בלאַנקע ציין.
און היינט מיטן עלנט ער באַהאַלט זיך
אין אַ שטיבל, וואָס אומעטיקט אין וואַלד.
עס טאָמלט זיין גאַנג.
ער גייט מער נישט אויף פאַנג.
מיט קאַרבן פאַרצויגן פון זיין פנים די הויט.
און ער איז געבויגן, ווי אַרום זיין שטיבל
דער אַלטער, האַלצערנער פלויט.
דאָס וואַסער שטראָמט דורך פעלדזנבויך.
און ער קאַרמעט זיינע קראַנקע לונגען
מיט האַרבן ליולקע-רויך.
נישט די עלטער, נאָר פון יאָרן די פיין,
האָבן וויים געמאַכט זיינע האָר
און פאַרטונקלט פאַר די אויגן די שיין.
אין זיין גוף צאַנקט די לעבנס-קנויט.
און ער גלויבט, אַז אַ וועלט גוט און גערעכט
וועט ווערן פון קעמפער געבויט.
און ער איז נישט קיין קלאָגער.
נאָענט, פאַרטרוילעך שרייבט ער
לאַנגע, האַרציקע בריוו צו זיין שוואָגער —
אַז אים איז ליבער צווישן די שניי-סטעפּן
אין עלנט, אין אַליין:
איידער אין שטאָט מיט די גליטשיקע טרעפּן
און הויכע טרויעריקע שטיבער פון גרויען שטיין.
וואָר, שטייניק איז דאָ די ערד,
נאָר מיר איז פריילעך, ווען אין שטאַל
הירזשעט דאָס פערד.

וואָר, אין עלנט איז שווער,
נאָר אַ מענטש ווי איך דאַרף נישט מער,
ווי אַ טיש, אַ בעט און אַ באַנק, און
זשורנאַלן און ביכער אין דער שראַנק.
עס זילבערן די פּאַרשנייטע בערג
און איך לייען פון גרויסע שרייבער
די וואונדערלעכע ווערק.
טײַלמאָל לייען איך די מעשיות פון דער ביבל
און דאָס ווייטע לאַנד כנען צעגרינט
זיך אין מיין שטיבל.
און כאָטש איך בין נישט קיין קלאָגער
וויינען אין מיר די טרערן
פון דער פאַרטריבענער הגר.
איך הער הגרס גרויס געוויין
אין מדבר צווישן זאַמד און שטיין.
און איך זע: מאַמע־הגר
שוואַרץ און שיין, וויינט איבער
ישמעאלס צעפּיבערט געביין.

מישעל האָט ליב מעשהלעך,
וואָס אין הארצן צילן, און דורך
זיי אין לאַנגע בריוו דערציילט ער
זיינע געפילן, אַז
דער גרעסטער פּיין איז הונגעריק צו זיין.
און אַז מען דאַרף אויפשטעלן אַ וועלט אַ נייע
וואו עס וועט נישט זיין קיין הפקר דאָס לעבן
אפילו פון דער מינדסטער חיה.
ביים יעגער איז זיין ביקסנציל
נישט קיין „ספּאָרט״, קיין שפּיל.
כדי זיך צו דערנערן שיסט ער מיט געווערן.
אָבער דער מענטש פון שטאָט, וואָס קומט
מיט ביקס און דראָט,
אין אים ברענט סתם
פון מאָרד דער פלאַם.

און טיילמאָל, ווען אין עלנט דער טרויער
פאַרציט זיין בענקענדיק געמיט
שטעלט ער זיך מיטן פנים צו דער וואַנט
און קוקט אויף אַ בילד פון אַ שלאַנקער, שמייכלדיקער פרוי,
וואָס שפּאַנט אין אָוונט-בלוי אויף
לאַנקעס טויאיק גרין פאַרוועבט אין שווייגן,
און איבער איר, ווי סטרונעס פון אַ מאַנדאָלין
ציטערן די שטראַלן אויף די צווייגן.
זיין פאַרטרערטער בליק גלעט דעם פרויען-פּאָרטרעט
און ער מורמלט: זשערמען, זינט עס האָט אויסגעברענט
דיין לעבנס-קנויט
וויין איך יעדן טאָג אויף דיין יונגן טויט.

זומער קומען צו אים זיין שוועסטערס קינדער.
זיצט ער מיט זיי אויף דער ווייכער גראָזן-פעל
וואו עס פיטערן זיך שאָף און רינדער
און ער דערציילט זיי מעשיות פון לואי ריעל.
ער פירט זיי צו גריבער און פעלדזנשטיין,
וואָס זיינען פאַר די ערשטע פראַנצויזישע יעגער געווען אַ היים,
און וואו „די קוריער דע בואר” פלעגן צעלייגן פייערן
און זייערע פליישן בראָטן
אויף שטאַנגען און דראָטן.
עס ציטערט זיין שטים,
ווען ער רעדט און רימט
פּאַפּענאָו און מעקענזי, וואָס
כאָטש זיי האָבן די שלאַכט פאַרלוירן,
האָבן זיי געעפנט צו פרייהייט די טויערן.
די קינדער גייען אין וואַלד דעם געדיכטן
און הערן פון אים די פאַרצייטישע געשיכטן.
דאָס גראָז טויאיק-נאָס, ווי נאָך אַ רעגן.
און די זעגן אין דער האָלצערנער מיל
שניידן די פאַרנאַכטיקע שטיל.

איצטער שטאָלפּערט ער מיט אַ שווערן גאַנג
עלנט און אַלט איז מישעל אין זיין שטיבל
ביים פעלדזנשפּאַלט.
ער לעבט אָפּגעזונדערט און אַליין,
און האָט ליב דעם פּשוטן פּיער
ווען ער לערנט
אין גערעכטע וועגן צו גיין.

פּיער און הענריעט

ג

פּיער גייט אַרום אַ טרויעריקער, אַ שטומער
כאָטש דער הימל בלענדט אין בלוי פון זומער.
די ערשטע ליבע אין זיין געמיט
טרוימט און גליט.
זיין געדאַנק, וואָס וואַגלט און גייט,
גאַרט נאָך דער ליבע,
נאָך דעם רויש פון איר פרייד.
געהיטן און געהיים הענריעטס טריט,
ער זוכט זי צווישן די בערג פון שטיין.

זון-פאַרגאַנג: אַ יעגער יאָגט זיך נאָך פאַנג.
אין וואַלד שמעקן די צעזעגטע ברעטער.
גאָלד-פלעקן פינקלען אויף די צערוישטע בלעטער.
הענריעטס פאַרליבטע געזאַנגען
קלינגען אונטער צווייגן-שטאַנגען.
אָפּגעברענט, גאָלד-רויט
איז איר פרישע הויט.
אירע מעלאָדיען פאַרליבט און זיס, און
אין וואַסערל לויכטן אירע געשניצטע פיס.

דער זאַמד־ברעג זוניק, זויבער,
און די צווייגן פאַרפלאָנטערט
ווי דיקע שטריק.
און הענריעט ציט און צויבערט
מיט איר גלאַנציקן בליק.
איינמאָל אין אזא פאַרנאַכט
בלייבט זי שטיין אינמיטן שליאַך
און זי שמייכלט און זי פרעגט:
וואָס חלומט, וואָס זוכט אַ אינגל
איין־אַליין אויף זאַמדן־ברעג?
אירע אויגן די צעברווינטע שמייכלען פריידיק און דערשטווינטע,
און זי שמייכלט און זי פרעגט:
האָסט אויך ליב צו הערן, ווי עס וויינט אין וואלד די זעג?
פיער זאָגט: איך האָב איין ענטפער —
איך וויל פאַר אייער ליבע זיין אַ קעמפער.

די זון פאַלט אין מויל פון פעלדזנשפאַלט.
גאָלדיק, רויט איז הענריעטס זון־פאַרברווינטע הויט.
הענריעט שמעקט דעם ריח פון וואלד,
און זי שמייכלט און זי פרעגט:
— יינגל, וויפל ביסטו אַלט?
הענריעט טרייסלט די גאָלדענע לאָקן.
און פיער קוקט אויף אירע שלאַנקע פיס,
וואָס לויכטן דורכן קאָלירטן געוועב
פון אירע דינע, דורכזיכטיקע זאָקן.
אירע אויגן די צעברווינטע שמייכלען פריידיק און דערשטווינטע,
און זי זאָגט: קורץ און קלאָר, ביסט אַלט אַכצן יאָר.
דעריבער ווער איך נישט דערשראָקן,
פאַר דיין קוקן אויף מיינע דינע, זומערדיקע זאָקן.
עס רייצן אירע רייד,
און זאָגן־צו פון ליבע
די ערשטע, רווישנדיקע פרייד.
איר דיך־גלוסטיק געביין
וויגט זיך מיידליש־שיין.

זיי זעצן זיך אויפן גרין פון גראָזנבעט.
זיין פאַרליבטער בליק גאַפּט
און גלעט איר צאַרטע פיגור
וואָס איז לויז פאַרצויגן מיט אַ ברוין-לעדערנעם שנור.
פּיער פאַרשכורט פון פרייד
רעדט און באַרוישט מיט פאַרליבטע רייד:
„—הענריעט, ביסט מיין שיינע, צאַרטע לאַם
אין די געוועבטע זאָקן, און מיין האַרץ
ציט זיך צום פלאַם פון דיינע גאָלדענע לאָקן”.

פייגל שווימען איבער די הויכע היי-סטויגן.
אויף פּיערס פּנים אידל-געשניצט,
צינדט זיך פון צעגליטע אויגן — דער בליץ.
הענריעט זאָגט: „אויב אַזוי, מיט דיינע אויגן פאַרליבט און קלאָר,
קלאָג אויף מיינע יונגע, בענקענדיקע יאָר.
ביסט דאָך אַ יינגל פון אונדזער באַרגיקן שליאַך.
זאָג, פונוואַנען קומט צו דיר אַזאַ איידעלע שפּראַך?
היות דיין ליבע איז יוגנטלעך און שיין,
ווען מיר ביידע ביים טייך-ברעג
הערן דאָס געוויין פון דער זעג . . .
היות דער פלאַם פון דער ערשטער ליבע איז זיס און ריין,
איז לאָמיר פאַרזוכן דעם שכורדיקן כּם פון דיינע גלוסטיקע ציין”.
און עס בריט דער קוש פון איר רויטער ליפּ:
טייערער, איך האָב דיך ליב.

עס נידערט די נאַכט.
אין דערפל לויכט דער לאַמטערן.
און אין וואַלד, אין גרינעם שאָטן,
טריפן די ערשטע, פאַרליבטע טרערן.
קושן פון זיסן סם לויטערן זיך אין ריינעם פלאַם.
פּיער וועקט זיך דער ערשטער און זאָגט:
„—עס איז שוין באַלד פאַרטאָג, און איך בין אַ יינגל פון יאָך.
אונדזער ליבע איז קרישלדיקער פון טרוקענעם מאָך”.

העגריעט פליסטערט אין פיבער:
„—הער מיינע רייד, יינגל ליבער,
אין שטאָט היט מיך דער טראָט פון אַ פאַרליבטן סטודענט,
אין וועמעס הענט מיין פרייד ווערט פאַרברענט.
ער וועט זיין אַן אַדוואָקאַט און טראָגן אַ זיידענעם שלאָף־כאַלאַט.
זיין ליסעוואַטער קאָפּ גלאַנציק, גלאַט.
און זיינע גראָבע, תאוהדיקע ליפּן ווערן קיינמאָל נישט זאַט.
ער איז נידעריק, בייכלדיק־צעגאָסן.
זיין פּנים פליישיק, פעט, ווי דאָס שמאַלץ וואָלט פון אים געפלאָסן.
זיין טאַטע איז אַ רייכער פאַבריקאַנט.
איך קאָן נישט אַנטרינען פון זיין האַנט".
פיער ענטפערט אויף איר ווײ:
„—העגריעט, באַלד וועט וועקן דאָס האַנען־געקריי.
מ'דאַרף נישט זיין קיין גרויסער דענקער
צו פאַרשטיין אַז אויך דיר וועט נישט אָנשטיין,
אַז איך זאָל ווערן דער איידעם
פון דיין טאַטן — דעם רייכן שענקער.
דעריבער אין נאַכטיקן שאָטן, דורך
דער פאַרהוילענער סטעזשקע צווישן שטיין
איין־אַליין אייל צו דיין היים".

העגריעטס ליפּן, וואָס טרינקען פון זיינע קושן
דעם זיסן וויין, פליסטערן אין גלוסטיקן פּיין:
מיין טייערער, די ליבע ווייסט נישט פון קיין זעט.
לאָמיר ווידער פאַרזינקען אין גראָזנבעט . . .

און אַזוי אין גלוסטעניש פליסן די וואָכן.
טרערן פון די פאַרליבטע צווײ גיסן
אין וואַלד, צווישן די מאָכן, ביזן ערשטן
האַנען־קריי.
העגריעט קושט זיין שטערן און כליפּעט:
„—יינגל ליבער, איך וויל דיין ווייב ווערן.
וואָס טויג מיר אין קאַלעדזש צו שטודירן.
אַז נאָך דיר וועל איך בענקען הינטער זיינע רייכע טירן.

ער איז אַ יורידישער סטודענט,
כדי אַ סך געלט זאָל שפּעטער
לויפן דורך זיינע הענט.
סיי־ווי געדענק: איך וועל זיך מיט דיר נישט שיידן.
איז לאָמיר איצטער הנאה־האָבן פון דער ליבע
וואָס שענקט אונדז אַזוי פיל ליכטיקע פריידן״.
אַזוי אַנטרינען די זומערדיקע וואָכן.
די נאַכטיקע שטערן מיט זייערע שטראַלן־ציינער
צינדן זילבערן־ליכט אויף די סאַמעטנע
מאָכן פון די הויערנדיקע שטיינער.
איבער די פאַרליבטע צוויי
פעכערן זיך די בלעטער אויפן צווייגן־שטאַנג.
דער ווינט ברענגט דעם
שכורנדיקן ריח פון אָפּגעקאָסעטן היי,
און דאָס נאָגנדיקע געזשום פון דער
הוידענדיקער זאַנג.
און אין דערפל ביי מסיו ראָלאַנס שענק
פינטלט אַ לאַמטערן. יעגער זיצן
אויף ברייטע, האָלצערנע בענק, רעדן
פון פוקסן, פון וועלף און פון בערן.
און צו די ווענט מיט יאַגד־בילדער באַצירט
זיי הויבן די פולע, שוימענדיקע גלעזער ביר.
לבנה קייקלט זיך אויפן הימל־דאַך.
די שטיבלעך בוקן זיך צום וואַלדיקן שליאַך.
בלויז דער יעגער דזשעראָם מיט די לאַנגע הענט
און הויכן, דינעם געביין, לויערט ביים שטראָם
פון די פעלדזנוועגט און הערט פון ווייט דאָס הינטישע געוויין.
און אין איינער אַזאַ נאַכט געשעט:
דזשעראָם, וואָס קלעטערט אויף שפּיצן־ביימער
דערזעט דעם זאַמדן־ברעג רואיק, ריין.
נאָר אין וואַלד צווישן די שאָטנדיקע שטיינער
צייכנט זיך אַ פריש שטעגל גרין און קליין.

דזשעראַם, וואָס ציט נאָך די אַנטפּלעקטע טריט,
דערקענט העגריעטס קול וואָס פליסטערט
גלוסטיק אין שאָטן־טאָל.
יעגער געדענקט נישט מער דעם דערשראָקענעם הירש,
וואָס ברעכט די צווייגן מיט זיין שאַרפן האָרן.
ער לויפט אין שענק אויפצורייצן מסיו ראַלאַנס גאווה און צאָרן.

דזשעראַם דערשפּירט דעם ריח פון שוימיקן ביר,
טרינקט ער שטייענדיקערהייט פון אַ פולער, בלויער פלאַש,
און אויפן דיל טרייסלט ער פון ציגאַר דעם הייסן אַש.
און מיט אַ שכורן מוט ער טוט אַ זאָג:
„—איך האָב אַ סוד וועגן איינער, וואָס טראָגט
אַ גרוים־שטאָטישן הוט,
און וואָס וועגן איר וועט, ווי אין דער מיל דאָס ראָד,
זיך דרייען די צונג ביי אַלט און יונג”.
און אין דערפל מיט די שטיבלעך פון רויטן שטיין
גריזשעט איטלעך איינער זייער געביין.

עס פליסן די לעצטע, זומערדיקע וואָכן.
און באַנאַכט די בלענדנדיקע שטערן מיט די שטראַלן־ציינער,
געפינען מערנישט קיין גאַרנדיקע טרערן
אויף די מאָכן פון די פעלדזנשטיינער.
אין פרימאָרגן אַ פורל רעדערט אין זאַמד.
דער פאַרמער מיט אַ צעכוואָשטשעטער בייטש
מעסט יעדעס פיצל גאָרטנלאַנד.
אויפן שליאַך גייט אויף דער שטויב
און פאַלט אויף זון־צעבלענדטער שויב.
און די שטראַלן גאַלדיק, דין
פּאַשען זיך אויפן טויאיקן גראָזן־גרין.
און מסיו ראַלאַן מיט די אַרבל פאַרקאַשערט
שילט און סטראַשעט:
אַז פּיער איז אַ שלאַנג און אין טורמע וועט ער אים
פאַרזעצן אויף יאָרן לאַנג.

אונ פיער שטייט פאר מסיו ראשאן אין קאנטאר.
און מסיו ראשאן רעדט צו אים מיט א שטראפנדיקער שפראך:
— ביסט שוין א ייִנגל פון אכצן יאר און דארפסט געדענקען,
אז פון דורות, שטיל און פרום
מיר לעבן דא אויפן דארפישן שליאך.
דעריבער האסטו פריער געמעגט געבן א טראכט,
אז קיינער אין דארף וועט דיר נישט שענקען
די צרות, וואס האסט אויף אונדז געבראכט.
און דו גאר, אין וואלד בא די שטיינערנע טרעפ,
צווישן גראזן־געוועבן, טראסקעסט ארום אין נייעם טראק
און לויערסט אויף א מיידל אין א זיידן־קאלירטן זאק.

אין מסיו ראשאנס קאנטאר איז שאטנדיק און שטיל.
די טריט זינקען אין טעפיך אויפן געפארבטן דיל.
פיער שטייט א פארשעמטער און שטומער,
און מסיו ראשאן דער אויסגעפאשעטער און האריקער
שטראפט און חוזקט מיט דער צונג דער פרומער:
„—ביסט שוין אכצן יאר, איז פארוואסזשע טאקע
זאל דיר נישט געפעלן ווערן דאס מיידל מיט די גאלדענע האר?
עס איז גארנישט קיין וואונדער, וואס דיין הארץ
האט זיך געטאן א צענעם,
ווען האסט דערזען איר דינע, זיידענע ברעם.
ביסט יונג און גיך און גרינג אויף דער צונג.
אין הענריעטן רייך, געלערנט און איידל דו צערייצסט דאס בלוט.
און דו מיינסט, אז עס איז רעכט און גוט,
וואס דו באגערסט צו טאנצן
דיין לאנגן לעבנס־וואלץ מיט א מיידל
וואס אלץ איז בא איר צו דער מאס:
דער קײלעכדיקער שטערן, די קליינע נאז.
יא, שיין איז זי אין די דינע, קאלירטע זאכן!
און דו ווערסט באצויבערט פון איר שיין זינגען,
און דו קושסט אירע לאקן וואס שפרינגען
ווי פלאמיקע גאלדענע רינגען.

ביסט גאָרנישט קיין נאַר,
וואָס דו באַגערסט די טאָכטער
פון דעם רייכן האַר.
ביסט געהאָדעוועט אין אַן אָרעמער כאַטע,
נאָר דיין קאָפּ איז דיר נישט
אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע.
די טוסט פאַרשטיין, אַז ווען,
דיין טאַטע וועט האָבן הענריעט פאַר אַ שנור,
וועט איר אַלע נאָכגיין מסיו ראָלאַנס פולע פור.

וואָר, פאַר איינעם פון אונדזער דאָרפישן טראַקט,
ווייזסטו אַרויס גאָר פיינעם געשמאַק;
וואָרים דו ווייסט וואויל, אַז אַלץ אויף איר
איז אויסגעטאָקט: דאָס פנים, דאָס מויל
און דער שלאַנקער, ווייסער פוס אין דינעם זאָק.
אין העלן, בלויען קלייד, אין לייכטן,
זומערדיקן געציר איז זי אַ צויבערדיק בילד
געמאָלן אויף פּאַפּיר.
אודאי קאָן דיר קיינער נישט פאַרווערן
אַזאַ ווי הענריעט צו באַגערן.
אָבער די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז כאַטש מסיו ראָלאַן
זידלט און שעלט מיט דער שכורער צונג,
איז ער פאָרט געדעכט, וואָס ער וויל נישט
אַז זיין שיינע הענריעט זאָל חתונה-האָבן
מיט אַזאַ פּרעכן יונג.

וואונדערלעך און וואויל!
האָסט אַ שיינע שפּראַך אין מויל.
רייסט זיך צו די שפּיצן,
און באַלד וועט זיך דיר גלוסטן
אין מיין קאַנטאָר צו זיצן".

פּיער שוויגט אין ווינקל-וואַנט.
מסיו ראָשאָן שטרעקט אויס
זיין לאַנגע, האָריקע האַנט און זאָגט:

— האסט פארפלעקט איר נאמען ביי אלע פארמער,
וואס וואוינען ביי די וואסער־שטראמען.
אבער איך וועל גיין מיט דיר געלאסן.
ווארים דער האר יעזוס לערנט אונדז
צו האבן גערולד און נישט צו כעסן
היות, שטייסט שוין ביי דער שוועל פון תהום,
ווארן איך דיך, ווי דער אומגלויביקער מישעל
צעברעך נישט דעם לעצטן צאם.

און עס רעדט מסיו ראשאן דער אויסגעפאשעטער און האריקער:
— געדענק ביסט שוין אן אכצניאריקער!
זיי נישט נאריש, זיי נישט בלינד,
צו העכערס פון דיר טו מער נישט שטרעבן,
וועלן אלע דיינע ערשטע יוגנט־זינד דיר ווערן פארגעבן.

פון דער ווייטער מיל דאס וואסער־געבריל,
פארשטילט דעם פיין און שלעפערט איין.
פיער א שטומער, א צעקלעמטער טרייסלט די צעשויבערטע האר.
פיער, א בלייכער, א פארשעמטער פארלאזט
מסיו ראשאנס פארדרימלטע קאנטאר . . .

און אזוי, מיט מסיו ראשאנס גנאד
קריגט ער ווידער פון טראק דאס ראד.
אויף מסיו ראשאנס הענגענדיקן באלקאן,
דרייט דער ווינט די פליגל
פון געפארבטן בלעכענעם האן.
און אין דער אנגערויכערטער שענק
אויף די אפגעבליאקעוועטע, האלצערנע בענק
א גאנצע נאכט שכור געלעכטער, לוסטיק געזאנג
קייקלט זיך און קראכט,
ביז די פרימארגנזון — א פלאמיק קריגל
גיסט פייער אויף מסיו ראשאנס מויער־ציגל.
פיער דרייט שוין זיין טראק אויפן בארגיקן שליאך.
און העניעט אין איר טאטנס הויז
בענקט נאך פיערן און נאך דער פרייד
פון זיין פארליבטער שפראך.

און דזשעראַם דער יעגער, דער פלינקער שיסער
און פויסטן־שלעגער, וואָס שטייט אויף גאַנצפרי,
איידער עס קרייעט דער האָן, שרייבט
לידער, וואָס ער זינגט מיט אַן איינגענעם טאָן.
איצטער צופּט ער די סטרונעס פון זיין גיטאַר,
און ער שילדערט הענריעטס ליבע, איר גרויס געגאַר.
און ער דערציילט אין שיינע גראַמען
וועגן פּיערן, וואָס קאָן זיין גלוסט נישט צאַמען:
„פּיער אויפן גאַנעק.
הענריעט באַ דער בייט.
אָונט וואַרפט אויףביידן
דאָס בלויע שאָטן־קלייד.

פּיער פייפט אַ ניגון:
די ליבע איז אַ ליגן,
און אַליין זעט ער זיך ליגן
אין הויכן קאָרנפעלד.
און איבער אים און העגריעט
צעשטערנטן הימל העלט.

העגריעט צאַפּלט אין פּיערס הייסע הענט.
פרייד און ווילד באַגערן ברויזן
אונטערביימערדיק געצעלט.

פלאַמען גרין די גראָזן.
פייגל שוועבן איבער רויזנבייט.
אָונט בינדט ביידן
מיט בלויער שאָטן־קייט".

דאָס דערפל לאַכט.
נאָר מישעל זאָגט, אַז דזשעראַם
האָט אַ שיינע, פּאָעטישע שפּראַך,
און אַז פאַרלוירן ווערט זיין טאַלאַנט
דאָהי, אין אָרעמען באַרגלאַנד.
און מסיו ראָלאַן פרעך און פאַרשייט,
טופּעט מיט די פיס און שרייט:

— העגריעט, קלאפ זיך דעם פיערן פון קאפ ארוים!
זיין טאטע איז א שלעפער, וואס האט אפילו קיין קראן נישט אין הויז.
און פון ברונעם ציט ער וואסער מיט א האלצערנעם שעפער.

און פיערס הארץ פארבענקט און אליין
איז אנגעטערערט מיט געוויין.
באנאכט אין געהיים דורכן גארטן
לויערט ער אויף איר שאטן.
אין טייך די וואסערן שווימען און בלאסן.
לבנהדיקע פאסן, ווי זעגן פון שטאל,
גליטשן זיך אויף די וועגן, וואס רוען אין טאל.
און איינמאל אין אזא נאכט:
א פורל אויפן שליאך לויפט אין רויך פון שטויבן.
כאפט אים מסיו ראלאן קוקן אין די שויבן.
שילט ער און עס שוימען זיינע ליפן:
אז ער וועט פיערן צעברעכן אלע זיינע ריפן.

און אט פליט אן דער הארבסט.
דארפישער טאל מיט זון שוין זאט.
דער הארבסט גליט אין פלאם פון גאלדענעם בלאט.
אין וואלד די הירשן שטייען און שטוינען
צו די ביימער־שטאמען, וואס
טראגן קרוינען פון גאלדענע פלאמען.
העגריעט פארט צוריק אין שטאט שטודירן.
פיער פארבלייבט אליין אין דערפל, וואס
קוקט אים נאך דורך די קליינע שויבן־טירן.
די בינען האניקן, די הייען שכורן און זיסן
און די וואסערן דורך די בערג גייען און גיסן.
און פארן ווינטערדיקן געפריר קריגט פיער א פארוויינט
בייגעלע פאפיר:

— מיין טייערער, פארגיב פאר פיין און שפאט
ווארים איך בענק נאך דיר אפילו אין דער גרויסער שטאט,
וואו קוימען־פאבריק
פארציט דעם הימל מיט רויך פון גרויע שטריק.

איך ווים דו טוסט צו הויכע זאַכן שטרעבן,
נאָר איך בין געוואוינט רייך צו לעבן.
וואָר, די ליבע איז אַ שמעקעדיקע רויז,
מ׳דאַרף זי אָבער אַריינפירן אין אַ באַקוועם און שיין הויז.
דעריבער וואָך־נאָך־וואָך די ליבע איך דערשטיק,
ווייל איך האָב מורא אָנצוטאָן אויף זיך
פון יאָך די שטריק.
ווינטער־טעג, ווען די גאַסן ווערן פרירן
וועל איך גאָרן נאָך דיר הינטער מיינע
פאַרשפאַרטע, געשניצטע טירן.
סיי ווי, מיר מוזן זיך פאַרגעסן.
מיר דאַרפן מער נישט ווּיסן
איינער דעם צווייטנס אַדרעסן.
יאָ, איך האָב דיך ליב,
נאָר איך קאָן נישט לעבן
בלויז מיט די זיסע קושן פון דיין ליפּ.
דאָס שרייבט דיר אין נאַכטיקער שפּעט,
דיין בענקענדיקע הענריעט.

דער לעצטער ווינטער (ד)

ווינטער פאַרטאָג.
דער מאָרגנשטערן צאַנקט.
אין מסיו ראָלאַנס שענק
כראָפּעט אַן אָנגעפּעלצטער יעגער אויף אַ באַנק.
דער טראָק אָנגעלאָדן מיט ברעט און שטאַנג.
אין דער מיל גרילצט שוין די זעגע.
פיער לאָזט זיך אויפן פּאַראייזיקטן וועג,
און פרי פאַרנאַכט קערט ער קריק פון שטאָט
מיט אַ פולן טראָק אייזן און דראָט.
און באַנאַכט, ווען אין די בערג מיט בלישטשענדיקע
אייז־בלעכן באַדעקט,
וואָיעט דער הונגעריקער הונט און שרעקט,
לערנט מיט אים דער אַלטער מישעל,
און ער אַנטפּלעקט פאַר אים אַ וועלט גרויס און העל.

דאָס דערפל אין פראָסט פאַרקלעמט,
בלענדט אין שניי און טרייסלט זיך אין וואָלפישן געשריי.
עס פאַרען די גנאָיען.
עס רויכערן די עמערס וואַסער וואָס
די פאַרמער טראָגן אין די שטאַלן
קי און פערד אָנצופּאָיען.
אין שריפט פון אַלטע בלעטער
זוכט פּיער דעם געדאַנק, וואָס
שלייפט זיך אין צמצומדיקע ווערטער.
און ער זאַפּט אין זיך איין דאָס וויסן,
אַז מיט זיין ליכט זאָל ער קאָנען
פאַרהאַקטע טירן אויפשליסן.

און אָט נעמט וואַרעמען דער אַפּריל.
מיט צאָרן-גערויש פליצט דאָס וואַסער
צו דער זעגמיל.
און אין איינעם אַ פאַרטאָג,
טוען די אייז-שטיקער זיך אַ יאָג.
ווינטן וואָיען אויף די וועגן,
עס שלאָגט אָן אייזיקער רעגן.
די וואַסערן וואַרפן זיך און פליקן
די ברעטער פון די האָלצערנע בריקן.
די פאַרמער מיט זאַמד-זעק,
צוימען די כוואַליעס ביים טייכן-ברעג.
און מישעל מיט אַ וואַקלדיקן שפּאַן,
טראָגט וואַסער אין דער בלעכענער קאַן.
דאָס אייז שפּאַלט זיך דין און גלאָזיק.
און ער קנעט אין וואַלד די בלאָטע
פאַרגעלט און גראָזיק.
אַ פאַרסאַפּעטער שטאָלפּערט ער צו דער שטוב,
און פאַלט מיטן פּנים אין אַ וואַסער-גרוב.
וואַסער-געבריל.
די זעג אין דער מיל לאָזט אַרויס אַ לאַנגן גרילץ.

די כוואַליעס טראָגן אויף זייערע רוקנס
דאָס ברעטערדיקע געהילץ.
מישעלס הענט גליווערן אין די הענטשקעס פון לעדער.
עס קייקלט זיך די ליידיקע קאַן.
אין וואַסער שווענקען זיך די רוישיקע רעדער
פון דער שווינדנדיקער, וואַיעדיקער באַן.
אין דערפל פרומען זיך און שיפן
נקמהדיקע ליפן:
אַז פאַרן אַלטן מישעל דעם אַנטי־קריסט
איז געגנוג אַ קבר אין דער וואַלדיקער וויסט.
אָן צוים, אָן מצבה־שטיין,
פאַרגעסן זאָל ווערן זיין געביין.
די פאַרמער טומלען. די פרומע ווייבער מורמלען:
ער איז געווען אַן אַנטי־קריסט אַ ווילדער.
אין זיין שטיבל הענגען נישט קיין שום הייליקע בילדער.
ער האָט קיינמאָל צו אונזער האַר יעזוס נישט געבעטן,
איז אַ סכנה זיין שוועל איבערצוטרעטן.
פיער פאַרטיקט אויס דעם אָרון.
און מסיו ראָלאַן נאָדלט מיט די האָר־שפּיצן פון זיינע רויטע ברעמען
און שרייט אין שכורן צאָרן: אַז אַזאַ מת איז אַ מצוה צו פאַרשעמען.
דעריבער זאָל דער אַנטי־קריסט זיך וואַלגערן
אין אַ גרוב פאַרדעקט מיט פערדן־מיסט . . .
דער הונט קנוילט זיך און הוילט באַם פאַרזשאַווערטן צוים.
און ביי מסיו ראָלאַן פון מויל גיסט זיך דער שכורער שוים.
אין שטאָל הירזשעט דאָס הונגעריקע פערד.
דער ווינט מעסערט און שאָבט פון די שטיינער
די נאַסע, מאָכיקע בערד.
קלויסטער־שפּיץ הויך און שמאָל
בליאַסקעט אין דאַרפישן טאָל.
און פיערס שאַרפער רידל בליציק ווי אַ שווערד,
גראָבט אַ פרישן קבר אין דער האַרטער ערד.
אין ווינקל, ביים פאַרזשאַווערטן צאַם,
מישעלס אָרון מיט אַלע זיינע פאַרפייניקטע יאָרן
זינקט אין קברדיקן תהום.

אויף אַ מצבה־ברעט צייכנט פיער מישעלס נאָמען.
און דורך די שויבן־טירן קוקן שווייגנדיק און טרויעריק
אָרעמע פאַרמער, וואָס וואוינען ביי די וואַסער־שטראָמען.

עס פרילינגט.
דער הימל — בלויט.
די ערד פאַרציט זיך
מיט אַ נייער גראָזנהויט.
נאָר אַרום איז ליידיק, לער.
פול איז בלויז אין האַרץ די טרער.
און אין דאָרף דעם גלחס פרומע ליפּן
שפּייען און שפּעטן:
אַז אויף די פאַרשטויבטע ווענט
פון מישעלס פאַרלאָזן שטיבל
אומעטיקן די איינגערעמטע שרייבערישע פּאָרטרעטן,
און די הונגעריקע מייז פון די בערג
גריזשען זיינע פּסולע ווערק.

דער טרויער פון זיין אַליין
פּייניקט פיערס יונג־געביין.
איז וואָסזשע איז עס פאַר אַ ציל
כסדר צו פירן די ברעטער פון מיל?
פיער באַשליסט מיטן דאָרף זיך שיידן.
אין זיין האַרץ פול מיט שטרעבן
וועבן זיך די פריידן צו אַ ניי לעבן.
און ער פאַרלאָזט פון טראָק דאָס ראָד,
און זיינע איילקע טריט שטויבן צו דער גרויסער שטאָט.
פיער שפּרייזט. איבער די פעלדזנבערג אַ רויב־פויגל קרייזט.
עס פרילינגט. ביים גאָרטן־צוים
שמעקט דאָס בלויע בעז פון בוים.
אויף דער לאַנקע פאַרצויגן מיט יונגע גראָז,
קייקלט זיך אַ וואַסערל און שווענקט
מישעלס שטיבל מיט די אויסגעהאַקטע גלאָז.

פיער רעדט וועגן זיך

די היי־פעלדער אָפּגעשאָרן.
פיער גייט מיט יאַסלען
אין לאַנד פון זיין געבאָרן.

פיער רעדט וועגן אַ פאַרמער־שטיבל
טיף אין וואַלד פאַרבאָרגן,
וואו אין נויט האָט זיך זיין יוגנט געוואָרגן

אָבער, ווי שטענדיק פיינלעכע געפילן,
זיינען שטאַפּלען צו העכערע צילן.
וואָרים צאָרנזאָט,
טרייבט אים אין שטאָט,
וואו אין אַ שאָפּ ער לערנט אַ פאַך,
און וויסן ער קריגט אויף קורסן באַנאַכט.
עס זשומעט די נאָדל,
עס שניידט די שער.
זוים פון זיידן קלייד
מיט פעדימער פאַרצויגן,
און פון ליבע די טרער
גיסט אָן חוהלעס פאַרטרויערטע אויגן.
פאַר קיינעם איז נישט קיין סוד,
אַז חוהלע שענקט מיר איר גנאָד.
און זי רוט נישט ביז מיין משפחה
צען אין צאָל, באַזעצט זיך אין שטאָט,
צווישן דער אָרעמשאַפט אין טאָל.
ווערט מען געוואויר
ביי חוהלען אינדערהיים,
קאָן זי די גאַס נישט דורכגיין . . .
די גראָבע בינע העצט:
די מויד איז געפאַנגען אין דער תאוהדיקער נעץ.
און ווי אַ קאַץ, וועט זי נאָכן טויט,
מיאַוקען הינטערן פלויט.

און דער טאַטע שרייט:
אַ יידיש מיידל זאָל זיין אַזוי פאַרשייט.
איך וועל רייסן פון דיר פּאַסן,
אויב וועסט מיטן פראַנצויזישן „באָי"
אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן.
שפּעטער ווערן פאַרזיכטיקער זיינע רייד,
נאָר אויף איינם ער באַשטייט:
זי זאָל פון איר לעבן נישט מאַכן קיין תל
און פריער זאָל פּיער ווערן אַ ייד,
איידער זיינע טריט באַרירן
פון זיין שטוב די שוועל.
היות קיינער קאָן נישט צעשטערן
די ליבע געריינִיקטע אין קוואַלן־טרערן,
איז חוהלע גרייט צו קומען
צו אים מיט שוך און קלייד.
אָבער עס רעדן צו מיר אירע פּיינען:
אַז פאַר איר וועט דאָס גליק
שוין קיינמאָל נישט שיינען.
און צעריסן וועט זיין איר געמיט
כל זמן, איך ווער נישט קיין ייד . .

פאַרנאַכטיק. רויט־געשטרייפּט דער הימל־זוים.
פּיער בלייבט שטיין ביים צוים,
וואו אין באַגראָזטן קבר, ווי אין אַ וויגל,
רוט מסיו מישעל, וואָס האָט ליב געהאַט צו קוקן
אין טאָל פון שטיינערנעם היגל.
נאָך אים, מיין ערשטן לערער, וועל איך שטענדיק בענקען
ווי יעדער מענטש האָט ער געוואָלט מען זאָל אים געדענקען.

די היי־פעלדער אָפּגעשאָרן.
פּיער וויזט יאָסלען
דאָס לאַנד פון זיין געבאָרן.

ביילעם בריוו

— מיין טייערע שוועסטער פייגע!
וואס הערט זיך דארט בא דיר?

ביי מיר איז דאנקען גאט
אלץ לויטן אלטן לעבנס-פיר.

ביסט אויף „פלעזשער" אין די „מאונטענס",
און דו שווימסט יעדן טאג אין טייך.
פונקט, ווי זאלסט האבן א מאן מיט א „פעקטארי",
וואס איז זייער רייך.

סיי ווי, דאס וויכטיקסטע זאלסט
געזונט און גליקלעך זיין,
און קיינמאל נישט וויסן מער פון א לעבן אין פיין.
יא, דער „לאיער" מיט וועמען איך האב דיך
שיעור פארשלייערט, מאכט א סך געלט,
און איז כיטרע-קלוג,
אבער מען האלט אים פאר א „קרוק".
אין גאס ציט טאקע יעדער פאר אים דעם הוט
נאר זיין ווייב זאגט: אז צו איר איז ער א „ברוט".
די גאנצע גאס רעדט,
אז עס האלט שוין ביי זיי ביי א גט.

מיין טייערע שוועסטער,
פון דיין וויטן בליק איך קוועל.
זע נאר, ווי דו האסט געוואוסט,
אז דאס גליק ליגט
ביי דער אייגענער ארעמער שוועל.
און נאך א נייעס: מאטקע פראנט,
וואס נאך דיר גייט אים נאך אלץ אוים דאס חיות,
האט שוין אין דער „פעקטארי" א האנט,
און די גראבע בינע שלייפט שוין ווידער
וועגן דיר די לאנגע, מעסערדיקע צונג:
אז נישט שטענדיק וועסטו זיין יונג.

גיך פאָרן די יונגע יאָרן.
ווערט מען עלטער, קוקט מען זיך אַרום,
אַז מען איז געגאַנגען קרום.
דעמאָלט וועט דער גרעסטער „רעיז"
נישט יינגער מאַכן דיר דאָס צערינצלטע „פּעים".
מאַטקע אַ באַרימטער „מאַנופעקטשורער" וועט
אין איר זייט אַפילו נישט וועלן קוקן.
אָבער איצטער צו איר שיין געשטאַלט
איז ער גרייט זיך צו בוקן.
איז וואָסזשע האָט זי דערזען אין דעם גרינעם?
קיין בעסערן פון מאַטקען וועט זי
אין ערגעץ נישט געפינען.
סיי ווי, דיינע חברטעס לויבן דיין יאָסלען,
פאַר געלערנט און איידל.
און זיי זאָגן, אַז דו ביסט אַ גליקלעך מיידל.
כ'פיל דיינע חברטעס טוען דיר אַביסל נישט פאַרגינען,
וואָס ער האָט אַ שם פאַר אַ גוטן שרייבער,
און קאָן מיט דער נאָדל אַ שטיקל ברויט אויך פאַרדינען.
און אַז יאָסל איז אַ גאַנץ-שיינער,
זאָגט אין גאַס אַפילו מעכעלע דער קליינער.
ער איז ערנסט און נישט קיין ווערטער-גיסער,
וועט דיין לעבן מיט אים זיין אַ זיסער.
— מיין טייערע שוועסטער,
אין די בערג זיינען קאַלט די נעכט,
אַזש אין אַלע ביינער שטעכט.
געדענק דיין צימער אַפילו פאַר יאָסלען פאַרשלים,
טראָג אַ סוועטער און וואָלענע זאָקן אויף די פיס.
אין שטאָט איז שוין האַרבסטיק, קיל.
געדענק די ליבע איז נישט סתם קיין שפּיל.
די מומע זאָגט, אַז יאָסלס עלטערן וועלן קומען
נאָך די ימים נוראים און זי
וועט זען, אַז מען זאָל גלייך שרייבן תנאים.
מיין בריוו איך שלים.
זיי געקושט און געגריסט.

פאַרגעס נישט ענטפערן באַלד צוריק,
פון מיר דיין שוועסטער ביילע, וואָס
ווינטשט דיר גרויס גליק.

מסיו פּיקאַרד

צווישן די פאַרמער ביי די וואַסער־שטראָמען
האָט פּיקאַרד אַ גוטן נאָמען.

פּיקאַרד, אַ קלוגער מאַן
היט דאָס וואָרט, און מעסט דעם שפּאַן.

ער איז שטאַרק און שלאַנק.
און פרום און גאָטס־פאַרכטיק זיין געדאַנק.
די שאַרף פון זיין האַק,
דאָס האַרטסטע האָלץ צעשפּאַלט.
נאָר די פּאַסן ווייסע האָר,
זיינען צייכנס, אַז אַלט
איז ער אין יאָר.
אַ שטעכיק בערדל געשווירן קיילעכדיק, געדיכט,
זילבערט אַראָפּ פון זיין לענגלעך, מילד געזיכט.
מען רופט אים פּיקאַרד דער לאַנגער,
פּיקאַרד דער פאַרמער, פּיקאַרד דער חיות־פאַנגער.
פּיקאַרד שמט פאַר אַ מענטש מיט מוט,
וואָס האָט אַ האַרץ מיטפילנדיק און גוט.

דורכגייער קלאַפּן אָן אין זיין שטוב,
און קריגן דאָרט שטענדיק קאַרטאָפל און ברויט,
און אַ טעלער זופּ פון זיסן קרויט.
דעם יידישן פּעדלער, וואָס שטאָלפּערט
שטענדיק אַ באַלאָדענער אין די פאַרטאָגן,
פאַרבעט ער צו זיך אויפן היי־וואָגן.
ער ברענגט אים אין זיין עפּל־סאָד.

און די פלינקע, פולע מאדאם פיקארד,
שמייכלט מיטן העלן קיילעכדיקן פנים,
און דערלאנגט אים זויערמילך
אין א בייכיק, ליימענער קווארט.
אויך יאסל און פיער קילן זיך
אין שאטן פון פיקארדס באביימערטן גארטן.
די בערג מיט וואלד פארצויגן.
די שטיינער שאטענען און שווייגן.
און די זון מיט גילדערנע אויגן
בלענדט דורך דער נעץ פון צווייגן.

האלבער טאג. מאדאם פיקארד טוט קארטאפל שיילן
און האלט אין איין דערציילן וועגן מענער
מיט האק, ביקס און זעג וואס
ברעכן דורך א וועג אין וואלדיקן טאל,
וואו הונגעריקע וועלף וואיען און בליצן
מיט אויגן געשארפט ווי שטאל.
און מיין פיקארד אזא יונגער, אזא שיינער,
לאכט, און עס בלישטשען זיינע ווייסע ציינער.
מיט פריידנגעזאנג
ער לאזט זיך אין וואלד אויף פאנג.
אויף מיילן נישטא קיין שטוב, קיין דראטן-צאם.
היימישער ווערט, ווען עס קייקלט זיך
אריין אין דער שטילקייט דאס רעדער-גערויש
פון דער ליארעמדיקער באן.
וואלד און ווינט, שניי און שטיין.
איך שטיי אויפן באלקאן,
איך הער דאס געיאמער
פון א חיה צווישן וואלפישע ציין.
און מיין פיקארד מיט געזאנג,
גייט אין וואלד אויף פאנג.
און איך שיק צו גאט א לויב,
ווען איך דערזע א בלאנדע בארד,
און מיין פיקארד מיט ביקס, האק און זעג
קומט אן מיטן וואלדיקן וועג.

האלבער טאָג.
שטיבלעך האָלצערן און קליין,
רוען צווישן מאָך און שטיין.
און מסיו פּיקאַרד שמייכלט, און הערט זיך איין
צו אירע רייד פּשוט און קלאָר, וואָס
דערציילן די פּיין און די פרייד
פון יענע ווייטע, יונגע יאָר.
שטראָלנדראָטן שניידן אין גאָרטן
דאָס דינע געוועב פון גרינעם שאָטן.
מסיו פּיקאַרד שאָקלט דעם קאָפּ,
און עס טרייסלען זיך זיינע לאַנגע,
זילבערנע האָר־פּאָסן.
ער קוקט אויף פּיערן און יאָסלען און זאָגט:
— אין פרימאָרגן דעם בלאָסן,
גוט איז געווען צו שווענקען די טריט
אין דעם גראָז דעם טויאיקן און נאָסן.
היינט צוליבן אויטאָ־רויש אויפן שליאַך
קאָן מען אָפּט נישט איינשלאָפן בּאַנאַכט.
פּיקאַרד, וואָס איז שטענדיק מיט אַרבעט פאַרנומען,
הויבט אָן אַ יעגער־ליד אויסצוברומען.
עס איז מיטנטאָג. נישט ווייט פון האָלצערנעם בריק,
פלעכט ער בענקלעך פון צווייגנשטריק,
וואָרים פאַרטאָג נאָך פאַרן האָנען־געקריי,
שפּאַלט ער שוין קלעצלעך האָלץ,
און לייגט אוים די שייטלעך,
אין קופּעם ריי־נאָך־ריי.

בלוי בלייבן זיך די רוימען איבער
זיין שטוב מיטן דינעם גרויען רויכל,
וואָס פעדימט זיך פון רויטן קוימען.
ער ווייסט מאמעלע פּיקאַרד, וואָס
טראָגט שוין לעצטנס אַ ניי־מאָדישן הוט
מיט אַ פאַרביקע פעדער פון אַ פּאווע,
גיסט שוין אין די טעפּלעך פרישע קאַווע.

דער ווייסער „טאָוסט" אָפּגעפּרישט אויף דער הייסער שטאָרץ,
דערקוויקט דאָס הונגעריקע האַרץ.
יאָ, זיין קלאָודעט איז אַ בריה — אַ מאַדאָם.
אַזוי פרי פאָרעט זי זיך שוין
ביים אויוונדיקן פלאָם.
און כאָטש זי איז שטענדיק פאַרטאָן
מיט דער שטוביקער מי,
אַרבעט זי אויך אין גאָרטן
אַרום דעם גרינס, און אַרום
דעם בלומען־בייט אין פולן,
פאַרביקן בלי.
יאָ, עס הייבט זיך אָן איר אינדערפרי
מיט מעלקן אין שטאָל די קי.
דער וואַלד איז נאָך פאַרוויקלט
אין בלייך־בלויען שאָטן,
און זי, מיט לאַנגער, שאַרפער לאָפּעטע
גראָבט און גלייכט אוים די גרינס־בייטן
אין גרויסן, געדיכטן גאָרטן.
אין זיין הויז זיצט קיינער נישט ליידיק.
טעם פון מי איז פרידלעך און פריידיק.
שיין זיינען די בערג אין מאָרגנבלוי,
און עס שמעקן די בלומען
מיט די רויטע בעכערס פול מיט טוי.

פיקאַרד דער קאָטויל ערלעך און פרום
זאָגט: וואויל דעם מענטשן
וואָס זיינע וועגן זיינען
נישט פאַלש און קרום.
און ער דאַנקט גאָט:
פאַרן עפּל אין סאָד,
פאַרן בענטשן אים
מיט געהאַרכזאַמע זין,
וואָס ווילן ווי ער אויסלעבן זייערע טעג
אין די בערג, ביים וועג וואַלדיק, גרין.

און נאָך טוט ער זאָגן:
— זין מיינע זייט צו אַלעמען גוט.
ווייל אַלע מענטשן זיינען
פון פליישׁ און בלוט.

האַלבער טאָג. אויטאָ ברילט און יאָגט.
מאַדאַם פיקאַרד, וואָס דערלאַנגט
זויער מילך אַ פולע קוואָרט,
זשאַלעוועט נישט קיין וויים ברויט,
קיין שיסעלע באָרשטש פון קרויט.
מאַדאַם פיקאַרד קלעטערט
צום נעכטן פון אירע געדאַנקען,
ביז די זון הויבט אָן צו צאַנקען.
אין שטילן גאָרטן
קילט דער שאָטן.
די ביימער אין רויטלעכע בלעטער-מיצן
שטראַלן אויף די בערג-שפּיצן.

יאָסלם בריוו צו חבר גאָרמאַן

טייערער חבר גאָרמאַן:

אַ בריוו איך שרייב דיר צוריק,
ביים טייך וואָס קייקלט זיך
צו דער האַלצערנער בריק.

עס איז האַרבסט. נאָר אין דער זון
בלישטשען נאָך די זעמדער,
און עס גאַלדיקן די ביימער
אין די רויט-געפאַרבטע, בלעטערדיקע העמדער.

איך קוק אין קלאָרן וואַסער-גרונט,
איך שעפּ זיך אָן מיט לופט,
און איך פאַרפעסטיק דאָס געזונט.

יאָ, און אהיים וועלן מיר זיך אומקערן,
ווען אין וואַלד וועלן איינשלאָפן די בערן.
איז שאַנעווע זיך, און אויף ווינטער
קויף זיך אַ מאַנטל מיט אַ פּאָר שיך.

אין שאַפּ צווישן מאַשינען און שערן,
איז שווער וועגן לידער צו קלערן.
די נאָדלען אויף די בלוזן פאָרן,
און מיט די שטעך ווערט די שטימונג פאַרלאָרן.
אָבער דאָ, אין דער טיף פון שאָטנדיקן וואַלד,
שטראָמט דאָס וואַסער פון פעלדזנשפּאַלט.
דורך די ביימער הויך און געדיכט,
זע איך, ווי די זון שליידערט
אויף די בערג דאָס שאַרפע שטראַלן-ליכט. הירשן חיפן.
די לאַנגע צווייגן נעמען זיך אַרום,
און די פלאַטערדיקע בלעטער
מיט זייערע פאַרגאָלדיקטע ליפּן
שעפּטשען אַריין אין דער שאָטנדיקער שטום.
יאָ, נאָך אַ פּאָר וואָכן,
וועלן די שנייען פאַרציען
די סאַמעטענע מאָכן,
וועלן מיר זיך אַלע פיר אומקערן
צום שאַפּ מיט די נאָדלען און שערן.
פון טרויער וועט נישט בלייבן קיין שפּור,
וועט מען זיך מישן מיט די מאַסן
און פאַרשפּרייטן די יידישע קולטור.

יאָ, עס שלאָגט אַ פייערדיקע זון.
און איך דאַרף נאָך היינט ענטפערן
אויף אַ בריוו פון שרייבער פון רעכטן צד,
וואָס באַקלאָגט זיך פאַר מיר —
„אַז ביי זיי האָבן זיך אַפילו פיינט
די שרייבער, מיטאַרבעטער פון זעלבן בלאַט.
עס איז אַ קליקע.

און איינער דעם צווייטן טוט
הינטער אַרומעט אַ בריקע.
אַ באַנדע זשומענדיקע בינען.
און לעבן בלויז מען זאָל זיי רימען.
הונדערטער מיליאָנען מענטשן הונגערן,
גייען אַרום מיט אַ מאָגן אַ לערן;
אָבער זיי, רק פון זיך אַליין קלערן.
דאָס האַרץ קאָן טאַקע פּלאַצן
ביז דער געקרויינטער קריטיקער וועט
דעם ווערט פון אַ ווערק אָפּשאַצן.
וואָרים, דער קריטיקער פון דער קליקע געקרוינט,
האָט בלויז אַ פּאָר שרייבער אויסדערוויילט,
און עס איז שוין נמאס צו הערן יעדן זונטיק,
די זעלבע שבחים וואָס
אויף דער ליטעראַרישער זייט ער טיילט.
און דער זעלבער קריטיקער, כלומרשט
ערנסט און שטרענג, רימט זיך,
אַז אין דער ליטעראַטור מאַכט ער חלילה
קיינעם נישט ענג; ער וואַכט בלויז
איבערן גרויס־קינסטלערישן פאַרמעג.
אָבער לאַכט אויס און דערנידעריקט,
יענעם שרייבער וואָס גייט זיין אייגענעם וועג,
און אין זיין הדרכה ער ווידערשפּעניקט.
און ברודיקער און בלאָטיקער
ווערט דאָרטן דער זומפּ,
ווי אין שטעטל, אַפילו פונעם ריינעם וואַסער,
וואָס מען שלאָגט אַרויס פון פאַרזשאַווערטן פּלומפּ.
הייסט עס, אויסער וואָס אַ שרייבער
טרינקט זיך אין נויט,
באַברעט ער זיך אין אַ טייך פון קויט.
דער קריטיקער שענקט זיין לויב — אונטערטעניקע,
און דרויב זיינען אַלע ווידערשפּעניקע.

און עס וואָלט דאָך געדאַרפֿט זיין,
אַז יעדן טאַלאַנטפֿולן שרייבער זאָל מען אנערקענען,
נישט איינער זאָל דעם צווייטן לעבעדיקערהייט
וועלן פֿאַרברענען.
און איך קאָן שוין נישט פֿאַרטרייבן
דעם פּיין־געפֿיל פֿון זיין שרייבן.
איך וויל בלויז האָפֿן,
אַז בא אונדז איז שאַפֿן
אַ הייליק וואָפֿן.
וואָרים, טאָמער איז בא אונדז אויך אַזוי,
וועט דער גלויבן זיך איבערברעכן,
ווי אַ טרוקענע שטרוי".
איז זיי זשע מיר געזונט
און הייליק היט פֿון חברשאַפֿט דעם בונד,
דיין יאָסל.

אין רעגן

נאַכט.
רעגן שטראָמיק, קאַלט
שווענקט דעם האַרבסטיקן וואַלד.
יאָסל גייט אויפֿן נאַסן גראָזן־שליאַך
און טראַכט פֿון פֿייגען, וואָס
ער בענקט נאָך איר, ווי נאָר
דער פֿרימאָרגן־הימל
צעבלויט זיך אויף זיין שויבן־טיר.

ביי דער מיל דאָס וואַסער ברילט.
פֿייגע שפּילט אויף דער גיטאַר,
און די מעלאָדיען גיסן אין זיין האַרץ
בענקשאַפֿט און גאַר.
איר לייב גלוסטיקט און בלענדט.
און זי טוליעט זיך צו זיינע הענט.
דאָס האַרץ אין פֿרייד צוויקט.
עס פֿייכטיקט דער הייסער בליק.

בלוי שפרייט זיך די פרימארגנדיקע שטיל.
יאָסל רעדט מיט גרוים געפיל:
דער טרויער ליגט און לויערט.
איז זאָל די ליבע וואָס
אין דיין הארץ קוועלט,
ליכטיק מאַכן מיין זעל.
עס איז פרימאָרגן.
צעשטראַלטע שטיבלעך
זיצן אויף די באַרג־שפיצן.
פייגע פאַרשאַרט זיינע האָר
און פליסטערט: אין פרייד, אין פיין
דיין אָנשפּאַר איך וויל מיין גאַנץ לעבן זיין.
עס איז פרימאָרגן.
אַ הירש אין שאָטן שטייט פאַרבאָרגן.
פייגע פליסטערט:
דו פון מיין לעבן דער שמידער,
דיינע בין איך, דיינע, מיט מיין הארץ
און אַלע מיינע גאַרנדיקע גלידער.
איצט איז נאַכט.
יאָסל האָט ליב צו גיין אין רעגן,
וואָס שלאָגט און רוישט אויפן שליאַך.
אין פינצטערניש שלאָפן די פאַרשלאָפענע שטיבער.
יאָסל גייט און מורמלט פריידיקע רייד
אין גלוסט פון פיבער.
ברייטע ביימער־שטאַמען
דעם טאָל פאַרצאַמען.
דער רעגן געדיכט און קאַלט
שפּרינגט אין מויל פון פעלדזנשפּאַלט.

די וואַסערן אין געברום
שטראָמען צו דער שטייניקער נידער
און די ליבע גיסט די גלוסט
אין די פיבערדיקע גלידער.

פלוצעם, עס פליט אַ שטיין:
מודזשי זשוויף!
ביסט אַ הונט און האָסט
אין שטאָט אַ היים!
עס האָט דיך שוין גענוג גענערט
אונדזער פרום-פראַנצויזישע ערד.
ייד, אַפנאַרער געמיינער!
מירן דיך אַרויסטרייבן פון אונדזערע בערג
מיט אַ האָגל פון שטיינער.
ווילדע געלעכטערס.
בייזע געברומען.
קללות פליען און זשומען.

יאָסל אויפן וועג
שרייט אין שרעק.
דער הימל פון בליצן צעשניטן זילבערדיק, העל.
פייגע אַ פאַרציטערטע, אַ בלייכע,
לויפט אַרויס אויף דער שוועל.
און די פאַרמערקע מיט צוויי וואַסער־טעפּ
שרייט אַ דערצאָרנטע פון די טרעפּ:
קראַקעדיקע ראָבן!
וויסטע כוליגאַנעס!
קומט אַהער וועט איר האָבן
צוויי הייסע וואַנעס!
אין וואַלד קייקלט זיך דער רוישיקער רעגן
מעסערדיקע בליצן זילבערן און זעגן.
דיביימער־שפּיצן אויף די באַרגיקע וועגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פיער באַרוּאיקט

וועג און וואַלד, שטוב און שטאַל
שווענקען זיך אין רעגן
ווינטיק, קאַלט.

איבערגעקערטע סלופּעס, צעריסענע דראַטן.
דאָס דערפל אין טאָל
כמורעט אין נאַכטיקן שאָטן.

ווייטיק וועקט דעם צאָרן.
יאָסל פון שרעק געיאָגט,
וויל מען זאָל אַהיימפאָרן
מאָרגן פאַרטאָג!

פיער זאָגט: ניין!

דער גלח און דער שענקער
דאַרפן פאַרשטיין,
אַז מיר שרעקן זיך נישט איבער
פאַר קיין שטיין.

דער גלח העצט: די יידן בונטעווען זיך אין די שעפער.
די יידן זיינען קרעץ אויף אונדזער קערפּער.
אַלע יידן זיינען אייניק.
די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי ווייניק.
אויך די שטאָט איז שוין פאַר זיי ענג און שמאָל,
כאָטש שענק זיי אַוועק די „לאָרענשאַן" מיט באַרג און טאָל.

און מסיו לאַפלאַר וואָלט פאַרברענט אין פייער
דעם יידישן פעדלער, דעם דערפער־גייער.
וואָרים מסיו לאַפלאַר, וואָס וואוינט אויפן צווייטן
שטאָק פון זיין „דזשענעראַל סטאָר" — אים
לוינט צוליב לייזעכץ פון אַן איבעריקן זאָק,
צוקאָרמענען דעם עולם מיט יידן־האָס,
כדי ער זאָל קאָנען פון די אָרעמע פאַרמערס רייסן אַ פּאָס.

ער פֿאַרקויפֿט זעג און האַק,
און אַפֿילו פֿאַרב צו פֿאַררויטלען די באַק.
יעדער סאָרט האָט זיך אין אַ ווינקל,
אַ באַזונדער אָרט, וואו מען קריגט
גרעט און שיך,
אַ טאָפּלבעט און אַ בלוי געפֿינטלטע ציך.

ער האָט וואַקס פֿאַר געפֿאַרבטע דילן,
מעסער, לעפֿל, גאָפּל, טאָפּ
און אַפֿילו פּילן, ווען
עס טוט ווײ דער קאָפּ.

די פֿענצטער באַצויגן מיט קאָלירטע פּאַפּירן,
און די שויבן מיט רויטע אותיות רעקלאַמירן:

פֿאַרמער, זוך און וועסט געפֿינען,
אַ היטל פֿון בעסטן טוך,
און כלערליי נאָדלען פֿאַר ניי־מאַשינען.
פֿאַרמער, דאַרפֿסט צום טיר אַ ריגל?
אַלץ איז בײַ אונדז בזול:
אַ געשליפֿענער שפּיגל,
אַ שער פֿון שטאָל.

פֿאַרמער האָרך אונדזערע גוטע רייד:
צו דער שטאָט איז אַ ווייטער מהלך,
פֿאַר אייערע וועגט האָבן מיר גרייט
באַרשט און קאַלעך.

מיר פֿאַרמאָגן ראַם און קאָם,
און פֿאַר ווינטער אַן אייוועלע
וואָס קאָנטראָלירט היץ און פֿלאַם.
פֿאַרמער, אין אונדזער „דזשענעראַל סטאָר"
וואַרף דײַן בליק.

און עס ליגן פאַר דיר
אין אַ סדר לייצן, בייטשן און שטריק.
און קענסט אויך קריגן
מאַטראַצלעך פאַר קינדערישע וויגן,
שרויפן, רעדער, צוימען
און אַ ציגל צו פאַרריכטן
דעם צעבראָכענעם קוימען;
און פאַר אַ העמד, וואָס איז קויטיק
אונדזער ווייסער זייף איז נויטיק.

מיסטער לאַפלאַר האָט זיך זיין ציל:
ער וויל פון זיין סטאָר מאַכן אַ מאַרק
פאַר אַלע פאַרמערס אַרום דעם דאָזיקן באַרג.
און דער גלח איז דער געוועלטער,
פון גאָט אַליין דער אָנגעשטעלטער.
און ער עצהט: גיט נישט דעם ייד
פון קאָרן־ברויט קיין פּעניץ.
און פאַרטרייבט אים פון אונדזער גרעניץ!

יאָסל טענהט: צוליב נאָך אַ פּאָר טעג
וויל איך נישט לעבן אין שרעק.
גענוג, איינמאָל מיט קללהדיק געשאַל
געיאָגט צו ווערן ביז דער שטאַל.

פּיער ענטפערט רואיק, געלאַסן:
— מיר מוזן זיך אָקעגנשטעלן
די וואָס העצן און האַסן.
אין דאָרף, אַרום די פעלדזנשטיינער
וועט אונדז נישט טשעפּען קיינער.
לאָמיר בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג.
קיינער וועט נישט צענעמען
אונדזער אָרים פאַרמעג . . .
זונטיק וועט דער גלח
זיין היילקן צאָרן אויסגיסן.

וועלן מיר אין קלויסטער אַריינגיין
און זיך דערוויסן, אַז
עס איז נישט קיין צופאַל
דער געוואָרפענער שטיין.

פייגע, באַרואיקט פון פיערס רייד,
צעזינגט זיך פון גרויס פרייד.
און מיט די פינגער זי שאַרט
די סטרונעס פון איר גיטאַר.
אין וואַלד טרענקען זיך די ביימער.
די וואַסערן שווענקען די פעלדזנשטיינער.
און פון בלעכענעם דאַך
דער רעגן קלינגט.
און אין שטיבל, אַרום דעם נאַפט-לאָמפּ,
אין רינג פון זיין רויטן שיין,
די נאַכטיקע שאָטנס דרימלען איין . . .

פיער רעדט ווידער צו יאָסלען

פרימאָרגן.
זילבערנע טראָפּנס פון נאַכטיקן רעגן זוניקן
און בלישטשען אויף די גרין-מאָכיקע וועגן.
יאָסל און פיער זיצן און קוקן
אויפן וואַסער וואָס שטראָמט
פון די הויכע, אומהיימלעכע פעלדזנשפּיצן.

פיער זאָגט: חוהלע טרויעריק, שטיל
טראָגט זיך אַרום מיט אַ פיינלעך געפיל.
זי וויל, אַז איך זאָל ווערן
אַ ייד און דורכדעם וועלן אירע
עלטערן פון צער און בושה ווערן פּטורים.

זי וואָרנט: אַז טאַמער וועל איך
זיך נישט מגייר־זיין וועט אויף
מיין קאָפּ פאַלן איר פּיין.
ווייל זי וועט נישט לאָזן איבערשניידן
דעם קנופּ, וואָס פאַרבינדט זי
מיט טאַטע־מאַמעס שטוב.

זי טענהט און בעט מיט טרערן:
פּיער ווער אַ ייד!
און איך בין שוין מיד פון
רעדן און דערקלערן.

לויטער די ליבע
אין האַרצן רינט.
און חוהלע רק זי וויינט
ווי אַ געשטראָפט קינד:
אַז איך וועל איר גליק צעשטערן
אויב איך וועל אירע עלטערן צער פאַרמערן.

דער האַרבסט בלענדט אין פייעריקע קאָלירן.
דאָס וואַסער פון די שטיינערנע הויכן שלאָגט ווי דורך
אויפגעבראָכענע טירן.
יאָסל דאַנקט אים פאַר דעם צוטרוי
און ער רעדט צו אים אַזוי:
חוהלע איז פאַרקלעמט,
ווייל זי וויל נישט, אַז אירע
עלטערן זאָלן ווערן פאַרשעמט.
איר טאַטע איז אָנגעזאַפּט מיט
האַס, ווייל ער האָט מורא,
אַז דורך דיר, קאָן זי אַוועק
פון יידישן דת.
עס איז נישט נאָר וואָס די עלטערן
זיינען פרום. וואָר, דורך דיר
זי וועט אַרויסגעריסן ווערן פון
יידישן תחום.

זי פאַרשטייט אַלע דיינע פאַרליבטע רייד
נאָר זי וויל נישט איבערברעכן פון דורות די קיום.
עס העלפט נישט ניכטער און קיל,
ווען אָנגעזאָפּט מיט פּיין
איז דאָס געפיל.

אַלץ אַליין צו אַנטשיידן,
ביסט דערוואַקסן און גרויס.
און מוזסט אַליין פאַרשטיין
ווי אַזוי צו בויען דיין
אייגן פרידן־הויז.
אין דיר איז אַ סך געווענדט,
אַז די אמתע ליבע דורכגעלייטערט אין פיינען זאָל
ווי אַ טיר
שטענדיק אָפן זיין פאַר איר.
און חוהלע וואָס שלייכט,
ווי אין דעם נעפּל
פון שרעקנס־טרוים,
וועט דערזען —
אַז די ליבע ווי אַ רויטער עפּל
רייצט פון בוים.
פייער וואָס שווייגט און שפּאַנט,
קוקט אַ טרויעריקער
צום רויטן הימל־ראַנד.
ווינטן רוישן און קאַמען די ביימער־שפּיצן
וואָס בלעטערן זיך אין גאָלד פון זוניקע פלאַמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זונטיק

די פאַרמער פאָרן אין קלויסטער

א

זונטיק־פרימאָרגן.
די פערד גייען געלאָזן,
און די פורן לייגן אויס
זאַמדיקע פּאַסן.

רעדער און רינגען
קייקלען זיך און קלינגען.
זונטיק־רו ליב און וואויל.
די פורלעך ציען זיך
צווישן די בערג פון שטיין,
און די פערד מיט די אייזנס אין מויל
גריזשען מיט די גרויסע, שאַרפע ציין.

דער הימל דער בלויסטער
זוניקט איבערן קלויסטער.
און עס רעדלען זיך די פאַרמערישע פורן
פאַרוועבט אין שטראַלן, ווי אין העל־גאָלדענע שנורן.

אויף די בערג קלעטערט
אַ שטילער, שעפּטשענדיקער מאָרגן־ווינט.
פּיקאַרד פאָרט אין קלויסטער
מיט זיין גאַנצן הויזגעזינד.
מאַדאַם פּיקאַרד אין אַ לאַנג־קאָלירטן קלייד,
שטראַלט מיט מאַמעדיקער פרייד.
און די פור אויסגעבעט מיט
פרישן היי, טרייסלט זיך
אויפן שטויבן־זאַמד, וויים ווי שניי.
די פאַרמער אָנגעטאָן אין שוואַרצע רעק:

הוידען זיך אויף די געזעסן
פון שטרויענע זעק.

פרימאָרגן זוניקט, בלויט.
די פורן בלייבן שטיין
ביים קלויסטער־פלויט.
קלויסטער־גלאָק ברומט.
דורכן אָפענעם טויער
גייט אַ מענטשן־קייט
פאַמעלעך און פרום.

פּיקאַרד מיט די זין
אויף די קלויסטער־טרעפּ
שאָקלען צו אַלעמען
מיט די קורץ־געשאָרענע קעפּ.
אויסגעפּוצטע אין נייע היט,
קלינגען פּייערלעך און פרום
זייערע געצוימטע טריט.
און אין דער קלויסטערדיקער שטיל
וויקלען זיך אין פרומען טרויער
שאָטנס לאַנג און קיל.

יעזוס פּנים צעקרומט אין פּיין
שטאַרט אין רויטן לאָמפּן־שיין.
און אין דער טונקעלער הוילקייט טיף און געדיכט
טאָפּיען זיך די צעפּלעמלטע ליכט.
אַ גרויער, דאַרער גלח
אין הייליקן טראַכט,
איבער זיין געהאָרכזאַמער עדה וואַכט.
און איבער די באַזעצטע ערטער,
גיסן זיך פון שנאה די בייזע ווערטער.

דער גלח רעדט:
— תשובה טאָן איז קיינמאָל נישט שפּעט.
גאָט האָט באַשאַפן די וועלט,
און די זון, ווי אַ ליכטיק פענצטער
אין דעם הימל אַריינגעשטעלט.

גאָט, געאַכפּערט זאָל זיין זיין נאָמען,
האָט געבענטשט דעם מענטש און זיין זאָמען.
מיט גאָט קיין מלחמה נישט פאַרפיר,
וואָרים דער הימל איז פאַר אים
אַן אָפענע טיר.

וואויל דעם מענטש, וואָס
גייט צו דער אַרבעט פאַרטאָג.
וואָרים גאָט האָט געזאָגט:
מענטש פון מי, צו דיר און צו דיינע קינדער
געהערט די גאַנצע, גרויסע ערד.
יאָ, גאָט מיט זיין גרוים גנאָד
האָט צו אונדזערע אָבות,
אין זייער האַנט,
איבערגעגעבן דאָס דאָזיקע שפּעדיקע לאַנד.
איז געדענקט, גאָט האָט אונדז געשענקט
אַ וואונדערלעך ווערק — גאַנץ קוויבעק מיט
די לאַרענשאַן-בערג.
איז ווער דרינגט אַריין אין אונדזער גבול?
דער ייד זיצט שוין אויך ביי אונדז
אין אַ סאַמעט-ווייכער שטול.
דער יידישער פּעדלער שווינדלט און נאַרט,
און קויפט זיך פון אונדזער פּראַצע
אַ הויז און אַ „קאַר".
און אַרום אונדזער באַרג,
אַרום אונדזער בוים,
ער שטעלט אויף אַ דראָטן-צוים.
אונטער אונדזערע הימלען וואָס בלויען,
די שענצטע הייזער די יידן בויען.
און זיי דאַרפן גאַר וואָגלען
אויפן שטורעם פון ים,
און דער הימל זאָל אויף זיי האָגלען
מיט פייער און פלאַם.
וואָרים, וואו דער ייד זאָל נישט זיין,
טאָרן מיר נישט פאַרגעסן פון יעזוס קריסטוס פּיין.

אונדזער האַר איז געקומען רייניקן
זייערע זינד, האָבן זיי אים
נאָכגעיאָגט, ווי צעיושעטע הינט.
זיי האָבן אים פאַרמשפט צום טויט
און אויף אים געוואָרפן שטיינער און קויט.
איז גוטהאַרציקע קריסטן,
געדענקט — דער ייד דאַרף
זיך וואַלגערן אויף מיסטן.
אָבער דער ייד האָט גאָר
זאַטע רייכע יאָר.
איז דעריבער זאָל זיך אייער קריסטלעך
רחמנות נישט דערוועקן,
אפילו נישט צום יידישן פעדלער מיט די שווערע געפעקן.
ברידער קריסטן, גראָבט נישט פאַר זיך אַליין קיין גרוב.
קויפט נישט ביי קיין ייד און פאַרדינגט
אים נישט אויף זומער קיין שטוב.
געדענקט, האַלט זיך פעסט!
אַ נישט וועט זיך אויך אין אונדזער געגנט
אָנפלאָדיען די יידישע פעסט.
דער גלח שוויצט ביים שטענדער
בייזערט זיך און שרייט:
— דער ייד איז אַ פרעמדער
און לויפט אַהער פון ווייט.
לאָמיר לויבן גאָטס נאָמען,
וואָס מיר האָבן דאָ קראָמען
פול מיט די בעסטע בגדים.
און איר קריגט דאָרט אַלצדינג
ראַיעל, פון אַ נאָדל ביז אַ קלעצל פאָדים.
און דער יידישער פעדלער וועט טאָן אַ פאַרשווינד,
ווי נאָר אונדזערע געטרייע הינט,
וועלן בעסער באַוואַכן אונדזערע גרינע שליאַכן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער קלויסטערדיקער הייך
יעזוס צום צלם צוגענאָגלט
בלוטיקט און בלייכט.
אין גאָלד פון זון־שטויבן
שטראַלן די באַמאָלענע שויבן:
אַ פּאַסטעך שאָלט אויף אַ האָרן.
יעזוס גייט צווישן ווענט פון קאָרן.
אַרום שאָף און רינד.
אַ פרוי שטרעקט אויס צו אים
אַ בלאָנד־צעשמייכלט קינד.
ער שפּרייט אויס זיינע בלייכע הענט
און שטראַלט אין ווייסן בלענד.
אַ גראָבער, לאַנגער פּאַסטעך־שטעקן אין האַנט.
און זון־פלעקן גליען אויפן גראַזנלאַנד.
און נאָך אים, אין ווייסע כאַלאַטן פון ווייסע וואָלן
שפּאַנען די אַפּאַסטאָלן
מיט פלאַטערדיקע, גרויענדיקע, בערד,
און זייערע טריט קושן דעם הייסן שטויב
פון דער דאָרשטיקער ערד.
אין געשטאַלט זעען זיי אַלע אויס,
ווי משה־דוד פעדלער, וואָס שפּאַנט
ביים וואַלד מיטן געפּעק אויף אַקסל און האַנט.
אים האָבן ליב אַלע פּראַנצויזן,
ווייל מיט קליין־פּאַרדינסט ער פּאַרקויפט
זיי מאַנטעלעך, שפּילקעס, דזשעקעטלעך, שיך און הויזן.
יאָסלס בליק שוועבט צו די אַפּאַסטאָלן
אויף די בילדער, וואָס בלענדן מיט גאַרטל־שטריק
אויף זייערע לענדן.
עס קומען צו זיי קראַנקע און קרומע,
און די פּאָרכטיקע און פרומע זינגען און לויבן:
גאָט אין הימל, וואָס שיקט זיי גוטע מלאָכים
וואָס שוועבן ווי ווייסע טויבן . . .
און די זון אין איר גאָלדענעם גאַנג
גאָלדיקט פון הימל־ראַנד.

דער דערלייזער גייט, און אין זיין האַנט
ציטערט אַ גאָלדענע קאָרנזאַנג.
יאָסל טראַכט: פאַרבלאָנדזשעטע יידן
אויף די שויבן, אויפן
שטילן שליאַך וועלן זיי אייביק אַזוי שטויבן.
ער זיצט אין דער לעצטער ריי,
ער שווייגט, און עס שרעקט אים
מער נישט דעם גלחס צאָרן־געשריי . . .

זונטיק

מען פאָרט פון קלויסטער

ב

אָנגעטאָן אין שווארצע רעק
פאָרן פאַרמער אויפן וועג.

צווישן וואַלד און פעלדזנשטיין
יאָגן פורלעך זיך אַהיים.

באַרג־לאַנד — הויך און נידער.
די פאַרמער פאָרן באַנאַנד
און זינגען אַלטע, פראַנצויזישע לידער.

די זון פלאַמט
אויפן רויט־גאָלדענעם זאַמד.
אין רו פון וואַלד
שאַלט געזאַנג,
און דערשרעקט דעם שלאַנג,
וואָס קנוילט זיך
ביים פעלדזנשפאַלט.

יאָסל און פּיער שטויבן אויפן גראָזנוועג,
און ווינטשן די פאַרמערס
אַ געבענטשטן האַרבסט מיט זוניקע טעג.

מיט מיילער ציין וואָס בלאַנקען
די פאַרמערס שמייכלען און דאַנקען.

זיי בעטן-מיט עסן,
און זיי האָבן שוין פאַרגעסן דעם גלח
וואָס הייסט דעם ייד ביזן טויט פרעסן.

מען איז זיי מכבד מיט ברויט און טאָמאַטן,
און מען ווינטשעוועט זיך אַ ווינטער אַ זאַטן.

זונטיק. עס שטויבט זיך דער וועג.
עס שטילט אין מיל די זעג.

זונטיק-רו אומעטום.
אָנגעפּראָפּטע פורלעך פריילעך און פרום,
ציען אַהיים דורך טאָלן, וואָס
אומעטיקן ביים פעלדזנשטיין.

זונטיק

ג

אין רעסטאָראַן

ערשטער ווייסער פראָסט אויף שויבן-גלאָז
פאַרבט און זילבערט דאָס געלע גראָז.

אויף וועגלעך זאַמדיק, קרום,
רויש פון רעדער וועקט די באַרגיקע-שטום.

וואסער זעצט פון פעלדזן-בויך
און עס נעפלט די וואלדיקע הויך.

יאסל און פיער זיצן אויפן מאך
פון פעלדזנקני, און בענקען
נאך דער ווייטער, שטאטישער מי.

פלוצעם — א פריילעך קול
רופט פון ווייסן טאל.

דער לאמער טרודעל
אין אפגעריבענעם ראק,
טרובעט פון זיין אלט-צעפארענעם טראק.

אין שניי פון זיינע ווייסע, לאנגע האר,
לויטערט זיך דער ווי פון זיינע אלטע, דורכגעליטענע יאר.

יאסעל האט ליב דעם לאמען טרודעל, וואס
אנגעשפארט אויפן דינעם שטעקל,
איז ער זיי שטענדיק מכבד
מיט אייגן-געוויקלטע פאפיראסן
פון זיין קליינעם, לעדערנעם זעקל.

פרומע, יידישע פעדלער
בראטן ביי אים קארטאפל,
נעכטיקן אין זיין הויז,
דערפאר טראגט זיין ווייב
באפוטערטע פאנטאפל
ברייט און גרוים.

טרודעל, ווי תמיד גריסט זיי
מיט א שמייכל און זאגט:
געלויבט איז גאט, וואס
ער האט אויך מיר אפגעטיילט
א פיצל פון זיין ליכטיקן שכל.

לאָמיר צופֿאָרן צום נייעם רעסטאָראַן,
וואו מען קריגט אַ ביר און געבראָטנס
פֿון דער הייסער פֿאַן.
היינט טרעפֿט מען דאָרטן גוטע פֿריינט,
וואָס האָבן אַ גלעזל ביר נישט פֿיינט.
טרודעל מיט זיין קליין־ביינערדיקן גוף
אַנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקל, שלעפּט
דאָס טאַבאַק־זעקל און טרובעט און רופֿט.
זיי שפּרינגען אַריין אין טראַק
און ווי שאַרף־וויינקן סאַק,
זיי זופּן פֿון מאָרגן־לופֿט
דעם קאַלטן דופֿט.

און אַט זיצן זיי שוין אין נייעם רעסטאָראַן.
עס פּאַרעט די הייסע זופּ פֿון קעסל־קאַן.
דער עולם פֿריילעך, פֿאַרפּלאָמט
לאַכט אַרום טישלעך, וואָס זיינען
מיט דינע האָלצערנע ווענטלעך אָפּגעצאָמט.
אויף דער וואַנט אַ געמעל פֿון אַ פּאַיאַץ, וואָס
טראָגט אין האַנט ביר־גלעזער אַ פֿולע טאַץ.
אַט דער קאָמישער פּאַרשוין
טראָגט אַ הויכע, געגילדערטע פּאַפּיר־קרוין.
זיין פּנים מיט זילבער־פֿאַרב פֿאַרטריפֿט,
לאַכט צו דער בלויער שריפֿט:
„מענטש, ביסט אונדזער ליבער גאַסט,
פֿאַלסט דאָ קיינעם נישט צו לאַסט.
מירן דיך באַדינען און זאָל דיך נישט אַרן,
אויב פֿון דיין טיש וועט דאָס ברוינע ביר אַראָפּרינען.
איינער וויל אַ רעטעך, דער צווייטער אַ ריב.
און מיר דאָ האָבן ליב דאָס פֿריילעכע געלעכטער
פֿון אונדזערע זין און טעכטער.
מענטש, עס איז נישט קיין שפּאַס און קיין שפּיל,
איטלעך איינער קאָן זיך דאָ פֿירן, ווי ער וויל.

אויב ביי דיר אין הויז זיצסטו
ביזן מאָרגן-גרוי, טו דאָ אויך אַזוי.
די ערשטע טאַט:
טרינק און עס און ווער זאַט!
אויב ביי דיר אין הויז זיצסטו שטיל,
רויכערסט און שפּייסט אויפן דיל,
איז צינד אָן דיין סיגאַר מיט אַ שטרוי
טו דאָ אויך אַזוי.
אויב ביי דיר אין הויז
האַלטסטו דיין ווייב אויף דער שוים
און קוקסט אין אירע אויגן,
וואָס זיינען בלוי,
טו דאָ אויך אַזוי.
דאָס איבעריקע איז אַ זאַך פון געפיל
און איטלעך איינער קאָן זיך דאָ פירן, ווי ער וויל".

יאָסל און פּיער לייענען און קייכן:
„דאָס דאָזיקע געשריפט גילט
פאַרן אָרעמען און רייכן,
דעריבער פירן זאָל דיך דיין שפּאַן
צו אונדז, אין נייעם רעסטאָראַן.
איז ליבער מענטש, אויב דו שוויצסט,
דאָס פּנים מיטן האַנטעך וויש!
טרינק קאַלט ביר און עס
אונדזערע געפּרעגלטע פיש.
ברודער לאָז זיך וואוילגיין,
און פאַרגעס דעם טרויער פון פעלדזנשטיין".

די זון אויף דער שויבן-טיר
שלינגט דאָס דין-ווייסע מאָרגן-געפריר.

אויף די קליינע ווייסע טישלעך
קלינגט און בלאַנקט דאָס קאַלירטע געשיר.

א הויכער קעלנער מיט א שווארץ־גלייכן שרינט,
קוקט אויף זיי מיט אויגן פריילעך־צעגרינט.
ער דערלאנגט געבראָטענע פליישן און ביר־פלאשן,
און בעט אַלעמען צו זיין אזוי גוט און ווארפן
אין די טעצעלעך די אַשן.

דער קעלנער אין א געפרעסט העמד מיט בלויע פאסן,
שמייכלט און זאָגט: דאָס געשריפט
אונטערן בילד איז בלויז צום שפאסן.
וואָרים אויב א פארשכורטן פארשוין גלוסט
זיך אויף די ווענט שפייען, ווארפן מיר
אים אַרויס, און מיר הייסן אים לויפן איבערן
דערפל און שרייען . . .

טרודעל לאַכט און גיט גוטמוטיק א באַפעל:
— קעלנער ברענג נאָך ביר־פלאשן
און גלעזער ריין־געוואשן.

אין רעסטאָראַן שפריצט דאָס קאַלטע קלאָרע וואסער
פון א לאנגן, קופערנעם קראַן.
ווי תמיד פיקאַרדס זין
רויט, צעהיצט,
זיצן אין די ברייטע פארמער־היט,
און עסן גיך מיט גרוים אַפעטיט.
דער ברוינער ביר קוויקט.
און ווייסע ברויטן ווערן גיך צעפליקט.
מאַדאַם פיקאַרד האָט פארגעניגן
פון אירע זין, וואָס פילן אין דער אַכילה
דעם ריכטיקן טעם.

נאָר מסיו פיקאַרד זיצט
און טראַכט פון משה־דוד פעדלער,
וואָס אויפן זאמדיקן שליאך פאַמעלעך און מיד,
שטאָלפערן אָפט זיינע קליינע טריט.

יאָסל איז געֶרעכט: משה־דוד מיטן אָנגעפּאַקטן זאַק,
זעט אויס, ווי אויף דער קלויסטער־שויב,
אַן אַפּאָסטאָל וואָס שטויבט אויפן שליאַך.
מסיו פּיקאַרד — אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרקלערטער
זיצט אַן אָנגעגאָסענער אין טרויער,
און זיין בליק דער פאַרטרערטער,
בויערט זיך אין די פענצטער
פון מסיו לאַפּלאָרס רויטן, פאַררוסענעם מויער.

עס טוט אים שטאַרק אַרן,
וואָס אַט־די שיינע לאָרענשאַן־בערג
מען וויל פאַרן אָרעמען משה־דודן פאַרשפּאַרן.

און פּיקאַרד אין צוואַנגען פון
טרויער קאָן איצט נישט פאַרטראָגן פון
דעם שכורלעכן עולם די
פריילעכע געזאַנגען.
פאַרלאָזט ער זיין טישל מיט עסן
און געטראַנקען פול,
און רוקט צו צו טרודעלס ווינקל זיין שטול.

פּיער, אַ דערפרייטער כאַפּט זיך מיט אים אָרום.
נאָר פּיקאַרד אַ צעצאָרנטער רעדט און ברומט:
מסיו לאַפּלאָר אין דאָרף דער קלענצטער,
האָט אַ מויער פון רויטע ציגל־ווענט
וואָס האָבן גרויסע פענצטער אויף וועלכע
די זון שטענדיק בלענדט.
אָבער דער גלח שוין וואָכן ווי ער שיפּעט
קעגן משה־דודן —
מיד און צעבראָכן.
אים אַרט אַ יידישער אימיגראַנט
זשיפּעט אין אונדזער באַרגנלאַנד.

ער טראַכט נישט פון דעם, אַז מיר
פאַרמער האָבן ווינציקער זאָרג,
ווייל מיר קריגן אַלצדינג ביים
יידישן פעדלער ביליק און אויף באָרג.

מסיו לאַפלאַר דער פאָסטמייסטער
וואָס קענען אַלע יידן העצט, כאַפּט אויך
דעם גלח אין זיין נעץ.

סחורה ער האָט אַ פולע קראָם.

און שטויסן ברעטער
נישט ווייט פון וואַסער־שטראָם.

זונטיק שלאָפט ער אויף קישעלעך פון פאַ[illegible]
און אַ גאַנצע וואָך מיט פינגער
פאַרויכערט און געל, פאַרקויפט ער
הונדערטער פונטן קאַשע און מעל.
ער האָט אין זיין קראָם:
פון אַ לאָפּעטע ביז אַ געטריקנטע פלאָם.
אַלע זיינע פּאָליצעס מיט סחורות פול.

איר קריגט ביי אים אַ פּאָר הויזן,
און אַ געפלאָכטענע שטול.
און אָט־דער פאַרשוין פאַרגינט
קיינעם נישט אַ שטיקל פון היגן גרינעם פלוין,

טאָמער דערזעט ער אויפן טראַקט
דעם יידישן פעדלער געהויקערט
אונטערן זאַק, אַזוי ווערט ער
צאָרנדיק, ווילד און אַלע יידן
רק ער שילט.
עס ברענט אין אים דער גאַר,
ער האָט חשק צו ווערן
אין דערפל — אַ האַר.
סך הכל איז ער דאָך אַ טרוקענער ביין,
אויסגעמאָגערט און קליין.
וואָס טויג אים דער מויער
אַז ער איז תמיד בייז און זויער.

ער שטייט אויף פארטאגן,
ווייל עס גריזשעט א ווייטיק זיין מאגן.
וואס טויגן אים די ברעטער
מיטן הויכן שטיינערנעם פלויט,
אז עס טריקנט זיין געביין,
און ער קאן נישט קייען דאס ברויט
מיט זיינע קרומלעכע ציין.
דער מסיו לאפלאר ווייסט נישט פון קיין מאס.
ער קאן בלויז בלאזן מיט דער רויטער, פארקאטערטער נאז.
וואס האט ער פונעם געלט אויף פראצענט,
ווען עס טרייסלען זיך ביי אים די הענט.
מסיו פיקארד קרעכצט: עס שמעקט דאס געקעכץ!
— קיינער וועט אייך טאקע נישט טאן קיין שלעכטס.
אבער מארגן אין פארטאגן,
וועל איך צו דער באן
אייך אפפירן אין מיין וואגן.
ווארים איר דארפט פונדאנען זיך רירן,
איידער דער טייך הויבט אן פרירן.

פיקארד ווינטשעוועט מיט פרומע רייד:
— איר זאלט גרינג פארדינען
אויף ברויט און קלייד.
גאט זאל איבער אייך וואכן.
גענוג ארבעט זאלט איר שטענדיק
געפינען אין אייערע פאכן.

פון זין און טעכטער,
ליארעמט דאס געלעכטער
אין דער רעסטאראן־שטוב,
וואו בלעכענע לעפל
קלינגען און שעפן
הייסע זופ
פון א הילצערנעם שעפל.

פיקאַרד זאָגט:
אַנהויב פרילינג פאַרלאָזט די שטאָט.
עס וואַרט אויף אייך ביים דראָטן־צאַם
אַ שטיבל באַהאַלטן אין שאָטן פון סאָד.
אין פיקאַרדס אויגן בלישטשען טרערן.
און ער מורמלט: גאָט זאָל אייער גליק מערן.
זיינע זין אין די צעקנעפּלטע, סאַמעטענע סאַקן
עסן מיט גרויס אַפּעטיט דעם מאַלצייט דעם געשמאַקן.
פאַרע זעצט פון קאָכעדיקן קעסל.
ביר גיסט זיך פון האָלצערנעם פעסל.

פיקאַרד אַ פאַרשטומטער, וואָס
וואַרט אויף עמעצנס אַ מילד וואָרט,
זיצט אַ פאַרקלערטער און טרינקט
ביר פון אַ פולער, קופערנער קוואָרט.
פאַרמער אַמפּערן זיך אַרום טישלעך
אָנגעשפּאַרט אויף ברעטלדיקע צאַמען,
און פאַרען זיך מיט די זופּן
פון קאַרטאָפל און שוואָמען.

פיקאַרדס האַרץ מיט טרערן אָנגעטרונקען,
זיצט אין טיפן טרויער פאַרזונקען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוריק אין שטאָט

צו דער באַן

פינף מענטשן אין אַ וואָגן,
צו דער באַן זיך טראָגן.

שנייאיקער ווינט בלאָזט אין די בערג.
יאָסל בענקט נאָך דער שטאָט,
און נאָך אירע רווישיקע מערק.

מסיו פיקאַרד, וואָס זיצט אויף אַ פאַרלייגטן ברעט,
קירעוועט די פערד און רעדט:
— די האָס־פאַרשפּרייטער וועלן אַנטרינען
פון אונדזער באַרגלאַנד דעם גרינעם.
וואָרים דער פאַרמער איז נישט קיין תם,
אין שטאָט פאָרט ער אָפּט מיט דער באַן.
און ער פאַרשטייט, ווי די פּאָליטיק
פלעכט פון ליגנס די שטריק.
און יאָ, ליבשאַפט די פרייד אַנטפלעקט.
און שנאה דאָס האַרץ פאַרפלעקט.

סיי ווי, עס איז גוט וואָס אין שטאָט
איר פאָרט שוין קריק, וואו
אַזוי פיל יונגע פאַרמער געפינען
אין שעפער דאָס גליק.

שטיבלעך אַרומגעגאַרטלט מיט בינטלעך היי.
דער וואָגן קייקלט זיך און קנעט
דעם פרישן, זילבערנעם שניי.

פיקאַרד בעט: — פאַרגעסט נישט פון דאָרט
שיקן אַ געשריבן וואָרט.

פיקאַרד רעדט דורך טרערן:
— זאָל אין שטאָט אייך גרינג גיין
דאָס נאָדלען און שערן.

עס נאָגט דער ווײ.
דער ווינט גליטשט זיך
אויפן וועג באַצויגן מיט מילך־ווײַסן שניי.
טרויעריק, פאַרטראַגן
זיצן פינף אין וואָגן.

פּיער זאָגט: שרײַבן מיר וועלן אײַך גערן,
מיר האָבן אײַך ליב, ווײַל ווי מיר
איר טוט פון אַרבעט זיך דערנערן.

פּיקאַרד מורמלט פרום:
— גאָט איז אומעטום.
און צוליב דעם גוטן מענטש,
די וועלט ער בענטש,
און ער שיקט זײַן גנאָד
אויף די אײַנוואוינער פון דער שטאָט.

פרימאָרגן־שעה.
אויף אַ פאַרשנייטן בוים
קראַקעט אַ קראָ.

רויק פון קוימען.
שפּאַרט זיך צו די רוימען.

אַ שילד הוידעט זיך אויף אַ שטאַנג.
פּיקאַרד האַמעוועט דעם פערדן־גאַנג.
ער געזעגנט זיך מיט האַרציקע רייד:
— געבענטשט זאָל זײַן די האַנט וואָס נייט.
און אָט־דאָ ביים סלופּ פאַרצויגן מיט דראָט,
וועט איר נעמען די באַן און פאָרן אין שטאָט.

שנײַיאיקער ווינט בלאָזט אין די בערג.
יאָסל בענקט נאָך די רווישיקע מערק.

ביי דער מומען אין הויז

די מומע קווועלט:
עס האָט אייך מסתמא אהיימגעטריבן די קעלט.
איז וואָס מאַכן עפּעס די פאַרליבטע צוויי?
איר האָט זיך געווים דערשראָקן
פאַרן ערשטן שניי.
עס האָבן ווייזט אוים אייך שוין נאָכגעשריגן די קראָען,
זענט איר געקומען צולויפן שרייבן תנאים.
נו, קינדערלעך דערכאַפּט דאָס חיות,
וועל איך שוין דערציילן די פריילעכע נייעס:
איר זעט דאָס נייע גרעט און דאָס שיינע טאַפּלבעט?
דאָס האָבן שלמה און גיטל אַ חתונה-טאָג שוין אָפּגערעדט.
שלמה'ס אויפרופן וועט זיין ביי ר' העניכן אין קלויז,
און די חתונה וועט מען פּראַווען באַ אונדז אין הויז.
ליכט וועלן ברענען אין מעשענע רערן.
און איר, געבוילבעטע לייט
וועט טאַנצן קאַדרילן און שערן.
איז וואָסזשע הערט זיך ביי אייך נייעס?
האָט אויך חתונה און זאָל שטענדיק הערשן
באַ אייך שלום-בית.
יאָ, מיט אייך זיך פאַרזעסן,
און שיעור אינגאַנצן פאַרגעסן
אַז שוין עטלעכע טעג, ווי מיסטער מערסאָן
דורכן טעלעפאָן בעט:
אַז צום ווינטער-סעזאָן זאָלט איר נישט זיין שפּעט.
וואָרים דער מיסטער בוקמאַן שרייט
איבערן שאַפּ אויפן קול, אַז די יוניאָן האָט
איבער „עקספּיריענס” אַרבעטער נישט קיין קאָנטראָל.
און צו מאַכן אַ „סעמפּל” עס זאָל זיין „סאַמטהינג גרענד”,
דאָס קאָן נאָר אייער פיינע מיט אירע גאָלדענע הענט.
„באָט”ביידע גרינע פאַרליבטע און „פאָני”,
ווילן נישט וויסן, אַז „טאַים” איז באַ מיר „מאָני”.
די מומע לאַכט: מיר האָבן אַ גרויסן גאָט
און אַפילו איבער די היינטוועלטיקע ער וואַכט.

נו יאָ, דערקוויקט זיך דאָס האַרץ
מיט דער געוואָלענער מילך
פון דער הייסער שטאָרץ.
או דו, יאָסל זיי אַ גוטער,
באַשמיר דיר אַ פלעצל מיט פוטער.
יאָ, מ׳זאָגט אין די „מאָונטענס"
זיינען די ביימער שוין אָנגעטאָן אין שניי.
פייגע, אָט איז „קרים" און ברויט,
פרעגל דיר אָפּ אַן איי.
און יאָסל — צו דיר זיינען דאָ בריוו
פון פאַרשיידענע ערטער;
פון וואַרשע פון אַ „פּעיפּער"
„ליטעראַרישע בלעטער".
אין אַ קינדערישער שריפט פון עפּעס
אַן אברהם ליעסין, און פון „האַמער"
שרייבט דיר קלמן מרמר.
פייגע זאָגט: מומע, דאָס מיינט, אַז אויף יאָסלס אַ געדיכט
לייגן גרויסע שרייבער גרויס געוויכט.
און ער שרייבט שוין נישט בלויז וועגן באַרג און טייך.
זיינע לעצטע לידער זיינען מיט סאָציאַלע מאָטיוון רייך.
די מומע חוזקט: — וואָס מאַכט מען עס
פון די דאָזיקע מאָטיוון?
מען פרעגלט פון זיי שמאַלץ און גריוון?
נו, טויזנטער שטעפּער קאָנען נאָך אַלץ
נישט געפינען קיין אַרבעט אין די שעפּער.
פרימאָרגן. דער פראָסט צופּט.
און אַרבעטלאָזע אין שנייען,
ציען זיך אין לאַנגע רייען,
און וואַרטן אויף טעלער זופּ.
און דיין יאָסל שרייבט גאָר
וועגן שטיין און מאָך
און וועגן דעם שבת־קודש, וואָס
פאַרטרייבט פון שטוב די וואָך.

און בכלל וואָס איז די גדולה מיט אַ ליד?
געלט פאַרדינט מען פון נייען הויזן און היט.
פון נאָדלען, פון וועבן,
מאַכן מענטשן אַ לעבן.
אָבער פון שרייבן לידער
איז מען שטענדיק
אין אָרעמקייט דערנידערט.
פייגע לאַכט:
— מומע, מירן אויך האָבן
איבערן קאָפּ אַ דאַך.
און תנאים האָבן מיר געשריבן
אין וואַלד אויפן מאַך . . .
און דאָרטן איז בעסער,
ווי אויף קישנס פון פּאַך . . .
און די פרייד רוט דאָרט אין יענער שטוב,
וואו די ליבע פירט צו אַ טיש
מיט ברויט און זופּ.

פייגע רעדט, און די מומע דערכאַפּט,
אַז פייגע אין אירע ווערטער,
באַהאַלט אַ טייערן סוד וועגן אַ וואַלד
מיט ברייטע, שאָטנדיקע בלעטער.
און יאָסל דערפילט דעם גלי פון גאַרונג
אין איר קול. און אין בענקשאַפט
ער קערט זיך צו דער נאַכט אין גריגעם טאָל,
וואו אונטערן הימל בלוי און רונד,
היילִיקט די ליבע פון לייב דעם בונד . . .
אַ שטערן — אַ זילבערנער קנאָפּ
פאַלט אויפן שטילן פעלד אַראָפּ.
ביידע זיינען אַרומגענומען.
און די נאַכט שמעקט
מיט בלעטער און בלומען.
יאָסלס אויגן — צוויי בעכערלעך מיט היים ליכט,
ברענען אויף פייגעס פאַרסודעט געזיכט.

די מומע קוועלט, די מומע שטוינט:
— פייגע, דיין יאָסל טוט דיר אָן פון ליבע
אַ גאָלדענע קרוין.
איך קוק און איך קלער:
אַזוינע ווי איר דאַרפט מסתּם נישט מער,
ווי דעם דרויסן דעם לערן
און דעם הימל אויסגעזעצט מיט שטערן.
פייגע לאַכט:
— אין אַ ראָמאַן וואָלטן מיר געווען שיינע העלדן . . .
אָבער אין שאַפּ מוז מען זיך נאָך היינט מעלדן . . .
די מומע שאָקלט מיטן קאָפּ:
— קומט פאַר „סאַפּער", עס איז דאָ
גענוג פלייש אין טאָפּ.
אַוודאי איצטער איז דער סיזאָן
און די נאָדלען קלאַפּן,
איז וויפיל מ'קאָן
דאַרף מען אַריינכאַפּן.
פייגע און יאָסל מיט פרייד אָנגעשעפּט
לאָזן זיך אַראָפּ פון די טרעפּ.
יאָסל זאָגט: די מומע האָט רעכט.
אין נעכט פון טרוים,
איך טו דיר אָן אַ גאָלדענע קרוין.
פייגע הייסט זי — די שענסטע פון די טעכטער.
און גליקלעך בין איך וואָס איך הער
יעדן אינדערפרי איר פריידיק געלעכטער.
יאָ, וואָרט צו וואָרט איך קלייב,
און שפּעט באַנאַכט איך פאַרשרייב:
זי איז מיין געליבטע, זי איז מיין ווייב.
און שטענדיק זאָל איך זיין באַגערט,
פון דער וואָס קושט מיין מויל,
און פרייד, ווי טוי אויף מיין פּנים טרערט.

פייגע פון זיינע רייד אַנטציקט,
גלעט אים מיט איר פאַרליבטן בליק.

דער זעלבער שאפ

ר׳ הענעך שטרעקט אויס די האנט:
שלום עליכם יאסל!
מ׳זאגט, גיסט ארויס א בוך
אין א פראסטן, לייוונטן באנד.
נו, יא, טאטע-מאמע קומען
און זיי פירן די היימלעכקייט
פון דעם אלטן שטייגער דעם פרומען.
און איר רויטע אנשי-שאפ-און-מאשין
ווער נעבעך מוזן חתונה האבן כדת וכדין,
ווארים גאט איז א וועכטער
און ער פארהיט די ריינקייט
פון פארליבטע יידישע טעכטער.
אבער פייגע האט שכל
און זי וועט אלץ טאן מיט א ליבן, ליכטיקן שמייכל . . .
יאסל רופט זיך אפ:
א שטערן פאלט פון הימל אראפ,
און די ליבע אויפן גראזנפעלד
הייליקט זיך און העלט.
סיי ווי די ליבע ריין
בענקט נאך א היים,
און דאס הארץ וואס זינגט,
וועט נישט ווי טאן טאטע-מאמע
צוליב א קידושין-רינג.
ר׳ הענעך דערפרייט,
רעדט און נייט:
אי פרום, אי פיין,
וועלן חופה-קידושין זיין.
אבער מאטקע איז שלעכט,
ער ליגט גאנצע נעכט
און קלערט וואס צו טאן,
אז פייגעס הארץ זאל זיך
צו אים טאן א קער.

מ׳זאָגט, אַז ער איז אויף זיך אַליין אין כעס,
וואָס דעמאָלט אויף דער גאַס,
ביים פאַרשנייעטן פּלויט,
ער האָט דיר נישט אָפּגעשאָבן די הויט.
יאָסל קוקט אויף מאַטקען און מיינט
אַז מאַטקע פון טרויער וויינט.
נאָר מאַטקע דרייט אוים צום „דעזיינער״ דעם קאָפּ,
און לאַכט מיט געשפּאָט:
האָסט געהערט דער גרינער
דיכטער־גיגאַנט
גרייט שוין אַ לידער־באַנד.
וואָר, כאָטש פייגע צו אים זיך שאַרט,
וויל זי נישט דאָס גאַנצע לעבן
זיין אין אָרעמקייט אַריינגעשפּאַרט.
דעריבער אונטער דער חופּה מיט איר „באָס״
וועט זי טרינקען פון איין כוס.
דאָס קאָמוניסטקעלע פייגע נאָך דער חתונה
ביי אַ רב אַ פרומען,
וועט ביי מיר שמעקן
מיט פּערפיום און בלומען.
דער „דעזיינער״ לאָזט אַרויס אַ געלעכטער:
מאַטקע, איך בין זיכער וועסט נישט זיין
צו איר קיין מאָן קיין שלעכטער.
דעם „דעזיינערס״ שפּאָט — אַ שטעכיקער דאָרן.
יאָסל שערט די צויטן.
און זיין פּנים אין צאָרן,
שטומט אין זון־פייער דעם רויטן.
יאָסל האָט אַ געפיל אויפצושטיין
און דערלאַנגען מאַטקען גלייך אין די ציין.
די זון בלענדט.
פייגע וואָרנט מיט אַ פינגער:
אַז יאָסל זאָל האַמעווען די הענט;
אויך ר׳ הענעך צוימט יאָסלס צאָרן:
מייד אים אוים ווי אין פעלד אַ דאָרן.

אין געבייזער ער ברומט,
ווייל מיט פייגען ביסט א גאַנצן זומער
געזוען אין די בערג אויף דער זון.
דער רבונו של עולם ווייסט ביי וועמען
די ליבע איז נישט בלויז פון גלוסטונג א שפיל.
דעריבער שענקט ער זי נישט יענעם וואָס
בלויז צו זעטיקן זיין גראָבע תאווה
איז פון זיין ליבע דער גאַנצער ציל.
און דער „הרי את מקודשת לי בטבעת זו"
הייליקט די ליבע וואָס ברענגט
אין האַרצן פרייד און רו.
און גאָט נעמט נקמה
פון די וואָס פייניקן
זיינע ערלעכע און פרומע.
אומווירדיק איז דער מאָטקע פראַנט
ער מיינט נאָך אַלץ, אַז ער קאָן
פייגען קריגן פאַר א ווייב מיטן בלישטש פון א בריליאַנט.
מיסטער בוקמאַן נידערט אַראָפּ
פון די „אָפּיס"-טרעפּ,
און זיין שניידיקער בליק
לויפט אויף די הענט וואָס
שלעפּן זיך מידע נאָכן געשטעפּ.
נאָדל האַפּעט.
און מיסטער בוקמאַן, ווי תמיד שרייט און סאָפּעט:
א שאָפּ מיט גאָלע גרין,
און איטלעך איינער צעברעכט
יעדן טאָג א ניי-מאַשין.
גרינע געדענקט, איר קומט פון „יוראָפּ",
וואו מ'קאָכט קרענק
אין א גרויסן טאָפּ.
מע ראַטעוועט אייך אַרויס פון שטעטל
פאַרזונקען אין הונגער, אין קויט,
און דאָ ווערט איר אַלע
צעלאָזן און רויט.

איר ווילט וואָס מער „מאַניע"
און איר פאַרגינט נישט דעם „באָס"
וואָס פאַרט ווינטער קיין קאַליפאָרניע.
און „וואָט מאָר"?
יעדער גרינער איז אַ „פעיקער",
„ביקאָוז" איטלעך איינער שטעלט זיך פאַר
פאַר אַ „סאַמפּלמעיקער".

און דער ר' הענעך זיצט זיך גאָר ווי אַ קייזער,
און גוגערט מיטן פּאַעט און קוקט אויפן ווייזער.
אָבער צו אים מוז איך רעדן איידל, שטיל,
„ביקאָוז" היילִיק איז באַ מיר מיין מאַמעס „וויל".
מאַך איך אַמאָל אין דער יוניאָן אַ „קאַמפּלעין",
הער איך אַ קוויטש:
מיסטער איר זענט פון די גרינע געוואָרן „ריטש".
אויך פאַרן שאַפּ־טשערמאַן מוז איך טויגן,
אַנישט שטעלט פייגע אָן אויף מיר
אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן.
„באָט" אין מיין שאַפּ בין איך נאָך אַלץ דער „באָס".
די יוניאָן וועט פאַלן, ווען אַלע „מאַנופעקטשורערס"
וועלן אויף איר טאָן איין שטאַרקן בלאָז.

דער עולם נאָדלט, דער עולם נייט.
און קיינער שרעקט זיך נישט מער
פאַר זיינע בייזע רייד.
נאָדל־שטעך קלאַפּן אויף קליידער און בלוזן,
און קלינגען ווי אַ דינער רעגן
אויף אַ דאַך פון בלעך.
מיסטער בוקמאַן קערט זיך אין „אָפיס" אום,
און דער שאַפּ וויגט זיך אין אַ מאַשינען־געברום.

די זון שווימט אין בלויען הימל־תהום.

און דאָס ליכט שטראָמט
אויף יאָסלס הענט,
וואָס שלעפּן זיך מידע
אויפן ווייסן בלוזע־העמד.

מאָטקע אין הויז ביי פייגעס שוועסטער

דער שאַפּ זעט מאָטקע ליידט,
כאָטש ווי תמיד רוישט זיין נאָדל אויפן זייד.
דער עולם שפּאַסט.
מאָטקע איז טאַקע דער דריטער פּאַרטנער אין שאַפּ,
אָבער יאָסל האָט אַ פּאָר לידער פאַרפאַסט
און פייגען, פון אונטער זיינע הענט אויסגעכאַפּט.
מאָטקע פרייט זיך ניט,
וואָס ער, מיט דער פלינקייט
פון זיינע נאָדל־טריט ,
האָט דערגרייכט צו ווערן דער דריטער „באָס",
און זיין נאָמען
בלישטשעט אין עלעקטריש־קאָלירטן
רעקלאַמע־גלאָז.
עס נאָגט אין הארצן דער פּיין,
און עס גייט אים נישט איין
דאָס טישל וואָס וואַרט אויף אים
הינטערן אָפּים ווענטל,
און די סעקרעטאַרשע וואָס חנדלט זיך
צו אים און טראָגט אים אָקעגן אַ וויים און שמאָל הענטל.
ער וויל גאָרנישט פאַרלאָזן די מאַשין, וואו
ער קאָן כאָטש, אין געהיים, כאַפּן אַ בליק
אויף פייגעס פּנים, און אויף איר שטערן
איינגערעמט אין אַ סטענגעלע פון סאַמעט־גרין.

מאַטקע ווייסט, אַז דער שאַפּ מיט אַ שפּאַטיק אויג,
חוזקט פון זיין יעדע מינע און בויג.

דער איינציקער וואָס האָט צו אים מיטלייד
איז דער „לאָרד" וועלכער וואָרנט:
מאַטקע, ליבע איז אַ בלינדע קאָרט
און וועסט זיכער פאַרשפּילן
אויב וועסט באַצייטנס נישט קלאָר מאַכן
פאַר פייגען דיינע הייסע געפילן.

דער עיקר, דערקלער איר שוועסטער,
אַז דו, דער פאַרדינער דער גרעסטער
ביסט שוין אַ פאַרטנער אין שאַפּ,
און אַז ביים גרינעם פאָעט
וועט זי אינגיכן ווערן אַן אַלטער, אָפּגעריבענער שקראַב . . .
איז מאַטקע ברודער אייל זיך צו
און גיב דעם גרינעם נישט קיין רו.

וואָרים דער „מאַרקעט" רעדט,
אַז ביסט שוין סיי ווי צו שפּעט.

„ביקאָוז" ביידע אַזוי לאַנג אין די „מאונטענס"
צווישן בוים און זאַנג, זיינען נישט געזעסן
גאַנצע טעג און בלויז געקוקט אויף די שטיבלעך,
ביים וואַלדיקן וועג.

מאַטקע צעוויטיקט און אייפערזיכטיק
גיסט זיך אָן מיט צאָרן, ווען ער
זעט, ווי צו יאָסלען זי
שמייכלט פאַרליבט און ליכטיק.

די רייד אין „מאַרקעט" פאַלן אויף אים,
ווי קלאַפּנדיקע דרענגער.
און ער באַשליסט, אַז ער
טאָר נישט וואַרטן לענגער.
ער וועט גיין אין הויז פון פייגעס שוועסטער
און איר וואָרענען, אַז ער איז שוין אַ „באָס",
און אַז פייגע מיט יאָסלען וועלן ביי אים
פליען מיט איין שאָס.

מיטן פלאַן פאַרטיק אין זיין קאָפּ,
פאַרפּוצט אין געשטרייפטן שניפּס
מיטן גילדערנעם שפּילקע-קנאָפּ,
קלינגט ער אין פייגעס טיר
אין אַ פרי-נאַכטיקער שעה,
ווען פייגע איז אין הויז נישטאָ.
אין קאָרידאָר מיט גרעט
פאַרצויגן אויף שטריק און דראָטן,
פינצטערט פאַר זיינע אויגן
אַ שוואַרצער נאַכטיקער שאָטן.
אין קיך, וואו עס שמעקט פון פלייש און יויך
דער באַטעמטער געררוך, בלייבט מאָטקע
שטיין אין געל-געפּוצטן שוך.

ביילקע רופט אוים אין דערשטוין:
— אָט אַן אָנגעלייגטער גאַסט
גוט מאָטקע וואָס פאַרגעסט נישט
וואו איך וואוין.

מאָטקע קוויקט זיך מיט דער
לויטער-שפּיגלדיקער טיי,
און קוקט אויפן פענצטער
באַשלאָגן מיט שניי.
מאָטקע זופּט און זיפצט:
מיסעס סילווער, איך שאַץ
אייער גאַסטפריינטלעכקייט און כבוד.
אָבער פאַר ווענען בליצט די קאַרפּינקע מיט וויין
אויף דער זילבערנער טאַץ?
איך שטעל זיך פאָר,
אַז דאָס אַלץ איז פאַרן
גרינעם פּאָעט מיט די צעשויבערטע האָר.
יאָ, אייער פייגע קאָן איינברעכן אַ ריז.
און גוט וואָלט געווען ווען איך, און נישט יאָסל,
קאָן דאָ קומען אויסרוען יעדע נאַכט די פיס.

ביילקע, וואָס מאַכט זיך אַז זי פאַרשטייט
נישט זיינע שטעכיקע רייד,
שמייכלט צו אים ליבלעך און פרעגט:
איז עס וואָר, אַז ביסט
געוואָרן אַ „באָס" און דיין נאָמען
זילבערט אַראָפּ פון שויבן־גלאָז?
מע זאָגט, אַז איר גייט פאַרגרעסערן
די „פעקטאָרי" און אַז דעם גרויסן
ליידיקן „לאָט" צווישן די קליידער־קראָמען,
האָט מען אַרומגענומען מיט דראַטיקע צאַמען.
איז פאַרוואָסזשע איז אומעט אויף דיין
פּנים אויסגעגאָסן?
רעד זיך אויס, אין האַרץ האַלט די דאגה
נישט פאַרשלאָסן.
מאָטקע זיפצט: פייגע אין מיין האַרץ
האָט זיך איינגעקריצט.
איך האָב לעצטנס מורא פאַר דער נאָדל,
פאַר איר גיכן געניי, ווייל פייגע
מיט איר פירונג טוט מיר שטאַרק ווי.

ביילקע ענטפערט ליבלעך, געלאַסן:
— פייגע וועט זיך קיינמאָל
אין דיין לעבן נישט אַריינפּאַסן.
און מיידלעך, הער איך, קלעפּן צו דיר,
און קלאַפּן אָפּ די שוועל פון דיין טיר.

מאָטקע זיפצט אָפּ און זופּט די טיי:
אַפילו די שענצטע מיידלעך זאָלן וואַרטן אויף מיר אין אַ ריי,
וועל איך אַלץ נאָך פייגען בענקען,
און גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען
מיר די ליכטיקייט פון אירם אַ ליבן שמייכל
זי וואָלט מיר אַוועקשענקען.
וואָס טויג מיר דאָס געלט וואָס איך שפּאָר,
אַז נישט פאַר מיר ברויזן אירע יונגע יאָר.
און דער „מאַרקעט" רעדט:

פייגע אַ בליענדיקע רויז,
און זי וויל פונדעסטוועגן בעסער וואוינען
מיט דעם פּאָעט אין אַ „שעד"
איידער אַרומגיין אויסגעצירט,
און האָבן ביי מאַטקען אַ הויז
מיטן פיינסטן און איידלסטן געשיר.
און דער "מאַרקעט„ רעדט:
מאַטקע, עס איז שוין צו שפּעט,
אין די „מאַונטענס", אויף דער זון
האָבן זיי געפּראַוועט זייער „האָנימון" . . .
איך בין פון דעם אַזוי פאַרקלעמט,
אַז באַנאַכט פון ווייטיק פאַלן
מיינע טרערן אין שאָטן פון מיינע פיר ווענט.
איך וויין און פון פייגען איך קלער:
אַז אָן פייגען איז קיין גליק
מיר נישט באַשערט.
און איך וועל ליידן,
כל זמן זי וועט מיך אויסמיידן.
דערצו דאַרפט איר פאַרשטיין
אַז זי, אַזוי קלוג און שיין,
וועט זיך יונגערהייט באַגראָבן,
אויב זי וועט מיט דעם יאָסלען
חתונה-האָבן.
און איך האָב אָנגעגרייט אַ הויז
מיט אַלעם גוטן,
צו פאַרזיסן דעם ברויז פון אירע יונגע בלוטן.
איך וויל איר גליק זען,
און מיך וועט נישט אַרן
וואָס צווישן איר און יאָסלען
אין די „מאָונטענס" איז געשען . . .
מאַטקע זופּט די הייסע טיי,
און קוקט אויף די שויבן
אָנגעטאָן אין זילבערנע ציכלעך
פון שניי.

א טרער בלישטשעט
אין זיין בליק
ביילקע זאָגט צו אים
מיט גרוים געפיל:
— מאַטקע, זוך זיך ערגעץ אַנדערש
דיין גליק און וועסט
מיט מזל דערגרייכן דיין ציל.
ווארים אויף פייגען האָסטו נישט וואָס צו האָפן
דאָס טירל פון איר האַרץ
בלויז פאַר יאָסלען איז אָפן.

מאַטקע פון אירע רייד אַפּגעבריט,
טוט אין וויטיקדיקן צאָרן אַ שניט:
— איר ווילט מיר זאָגן, אַז כ'האָב פייגעס ליבע פאַרלאָרן,
כאָטש פאַר אירטוועגן האָב איך געטאָן האַרעווען און שפּאָרן.
ביז איצט בין איך געגאַנגען מיט גוטן,
אָבער פיין און צאָרן קאָכן מיינע בלוטן.
איצטער בין איך אַ „באָס"
און זיי וועלן ביידע ביי מיר פליען מיט איין שאָס.

ביילקע, ווי פון אַ הונט געביסן
שפּרינגט צו אים צו מיט אַ געשריי:
— דער הייליקער בונד פון זייער ליבע וועט קיינמאָל
נישט ווערן צעריסן.
אַזוי וועסט גאָר וואַרפן פון „דזשאָב"?
מיינסט שוין נישטאָ אין שטאָט
קיין צווייטער שאַפּ?
ביסט שוין גרייט צוצונעמען פון מויל דאָס ברויט?
מיינסט פייגען ציט מען אַרויס ווי
אַ גרין אַרבעסל פון דער שויט?
דיין איבערזיכט טשאַדעט
ווי אַ נאַסער רויכערדיקער שפּון,
און פּלאַפּלסט פון אַ „האַנימון".

שוין זאָלסטו גיין, דו וואָס ביסט ערשט נעכטן
געוועזן הונגעריק און הויל. ווארים איך וועל דיר ווייזן,
אַז איך וועל מיטן פייער־אייזן!
דיר אויסקלאפּן אַלע ציין פון מויל.
איז גיי זיך מאַטקע אַ היים!
און מער וויל איך נישט ביי מיר
אין הויז זען דיין טריפהנעם געביין.
מאַטקע צעצאָרנט און רויט
שטייט אינמיטן קיך און
סטראַשעט אויף אַ קול:
אויב אַזוי, נישט בלויז וועל איך צונעמען איר פּרנסה־ברויט,
איבער דער גאַנצער גאַס וועל איך דערציילן
אַז פייגע איז אַן אויסגעלאַסענע מויד.
מאַטקע פּראַלט אויף די טיר,
דער צאָרן אין אים ברויזט:
דעם גרינעם קנאַקער כ׳וועל
דערלאַנגען קלעפּ בא דער שוועל
פון אייער דלפניש הויז.

די טעלעגראַמע

איבער דער שטאָט פון דראָטן און רערן
פליען זילבערנע שטערן.
פון דער גאַס דער קאַלטער,
לויפט אַריין דער עלטערער ברודער אַ צעשטראַלטער.
ער פּאַכעט מיט אַ טעלעגראַמע און זאָגט:
— מאָרגן פאַרטאָג, מיט דער גאַנצער אָרעמקייט
איינגעניית אין זעק, קומען טאַטע־מאַמע
קיין קוויבעק.
מומע, גרייט צו אַ געבראָטנס
אין דער קופּערנער ירושה־פאַן,
ווייל מאָרגן אַזייגער צוועלף ביי טאָג, שטעלט
זיך אָפּ אין מאָנטרעאל די אימיגראַנטן־באַן.

די מומע דערלאַנגט אַ פלאַש רויטן וויין געדיכט און רויט
און לויבט דעם אויבערשטן, וואָס די גאַנצע משפחה
וועט ביי איין טיש שוין קאָנען עסן ברויט.

דער פעטער שמייכלט צו פייגען און זאָגט:
וויין מיט נים איז גוט פאַר אַ כלה=מיידל,
וואָס וויל אַריין אין דער משפחה מיט ביידע פים.

און דער ברודער אַ צעשטראַלטער
פרייט זיך און לאַכט:
יאָסל איז גאָר פון דער וועלט דער אַלטער,
און צו דיר פייגע ער דערקלערט זיך
אין ליבע מיט פסוקים פון תנ״ך.

דעריבער פייגע, וויין אין גלאָז גים,
וועסט אינגיכן חתונה־האָבן מיט יאָסלען
און צום יאָר וועט איר פראַווען אַ ברית.

און היות שיין און שטאָלץ
טראָגסט פון צניעות דעם צוים,
וועסטו זוכה־זיין צו זיין אַ פרוכטיקע צווייג
אויף אונדזער אַלט־יחוסדיקן משפחה־בוים.

פייגע פון פרייד פאַרפלייצט,
רעדט און רייצט:
יונג איז די ליבע, ליכטיק איר פלאַם,
און עס העלפט נישט קיין שום צאַם.
דער ברודער לאַכט:
אויב אַזוי טאָר מען אייך שוין נישט לאָזן אַליין ביינאַכט
און היות „אין סומכין על הנס״,
דאַרף מען אייך חתונה־מאַכן
פאַר פסח, איידער עס הויבן אָן שפּראָצן
די ביימלעך פון בעז.
וויין רויט און געדיכט,
פייגע קושט דעם ברודערס געזיכט.
אין אירע אויגן רירנדיק און ריין
פינקלען טויאיקע טראָפּנס
פון איר שטיל און פריידיק געוויין.

דער ברודער לאַכט
האַרציק אויף אַ קול:
יאָסל, אַזוי קושט זי אויך
אין וואַלד, אין שאָטנדיקן טאָל?
יאָ, גוט איז די ליבע, לויטער איר פלאַם,
ווען אין פרייד מען טרינקט איר זיסן סם.
דעריבער האָף איך, אַז דו פייגע וועסט
ווערן אוים רויט, ווי נאָר וועסט
פאַרלאָזן דעם שאַפּ, און אָפּקאָכן פאַר דיין מאַן
דעם ערשטן, געשמאַקן באָרשטש פון קרויט.
און פייגע ענטפערט און אין אירע אויגן ציטערן
די טראָפּנס-טרערן:
מענטשן אין ליבע
שענער ווערן.
און וואָס שייך יאָסלען, באַגערט
ער די האַנט וואָס נאָדלט און שערט.
די ליבשאַפט צום מענטש רוט.
און זיין ניי גלויביק געזאַנג
שטאַרקט אונדזער מוט,
און דערהויבט אונדזער געדאַנק.

נאַכט. שפּעט.
יאָסל אין שטויגען זעט:
שטערן פון די הימל-רוימען
שפּרינגען אין מויל
פון ציגלענעם קוימען.

יאָסל אַ צעשטראַלטער
קוקט צו דער גאַס,
דער שנייאיק-קאַלטער.

באַנענעניש

אין דער באָרד דער גרויער,
טראָגט דער טאַטע דעם טרויער.

ווערטער אין בענקשאַפט געגליט,
עפענען דעם טרערן־קוואַל אין טאַטנס געמיט:
מיין זון, גרויסע נסים זיינען מיט מיר געשען,
אַז איך קאָן נאָך דיין פנים זען.

אין געלייטערטן פיין דעם טאַטנס בליק ברענט.
און עס בענטשט דער שיין פון זיינע אויסגעשפרייטע הענט.

און די מאַמע אויפן ברודערס אַקסל אָנגעשפּאַרט,
רעדט און וויינט: דאָס איז די שעה,
וואָס איך האָב אויף איר געוואַרט.
מיטן קופערטל אין האַנט,
מיטן ביסל ירושה־זאַכן פאַרבונדן אין זעק
דאָס איז אונדזער גאַנץ אָרעם פאַרמעג
מיט וועלכן מיר זיינען אַרויס
פון אונדזער געבוירנלאַנד.
אַ מענטש איז נישט קיין שטיין,
און שווער איז צו פאַרלאָזן
משפחה און היים.

וואָכן — אַ שיף פאַרט.
און איבערן תהילים
ציטערט דעם טאַטנס
גרויע באָרד.
וואָרים כדי מיר זאָלן ניצול ווערן
פון עשיו הרשעס הענט,
האָט גאָט אונדז פאַרוואָרפן
אין דער פרעמד.

די מאַמע וויינט:
צו אברהמען איז געווען גאָטס וואָרט,
גיי און געפין אַ ניי וואוינאָרט.

די מאַמע רעדט, די מאַמע וויינט
ווי זי וואָלט די ווערטער פון טייטש־חומש אַרויסגעלייענט.

דער טאַטע פון בוזעם-קעשענע נעמט אַרויס
אַ ברוין האַלצערן שיידל און פרעגט:
יאָסל, וואו איז דיין מיידל? וואָס וועגן איר
האָסטו מיר געטאָן שרייבן:
די ליבע צו איר איך
קאָן מערנישט פון מיין האַרץ אַרויסטרייבן.
יאָ, אין אונדזער משפחה איז דאָ אַן אַלט פירונג,
פאַר די תנאים, צו שענקען דער כלה אַ שטיקל צירונג.

פייגע אין אַ געהאַפטן טיכל ביזן האַלדז פאַרצויגן
טראָגט אים אַקעגן
די פרייד פון אירע צעשטראַלטע אויגן.
די מוטערפערלנע קנעפלעך בלישטשען
פון דער קלייד דער בלויער.
און דער טאַטע שמייכלט
אין דער באָרד דער גרויער:
טובת מראה היא.
עס רוט אויף איר דער חן פון יונגן בלי.
און מיט גרויס איידלקייט צו פייגען
ער זאָגט: מיין קינד,
אַ מתנה פאַר דיר איך טראָג.
דער באָבע שרה'ס ע"ה — צוויי אוירינגלעך פון פערל,
און פאַר יאָסלען דעם זיידן ישכרס ע"ה
זילבערן בשמים-דערל.
און די מאַמע — איך ביידן צו לאַנגע יאָר,
פאַר גליק פון יונגן פאָר,
פירט אַ געשאַנק:
גאָפל, מעסער און לעפל —
פון ריינעם שטאָל דער קלאַנג.
אַצינד, אויב אין דיינע אויגן איז רעכט,
וועט מען שרייבן תנאים, אַ חופה-שטעלן,
און לכבוד שבת, ווי אַ כשרע יידישע טאָכטער,
ביי אַן אייגענעם טיש וועסט אינגיכן בענטשן ליכט.

פייגע ענטפערט אַפּ שעמעוודיק, באַשיידן:
מיר האָבן געוואַרט אויף אייך ביידן.
איצטער איז אַלץ אין יאָסלען געווענדט.
שוין טאַקע צייט מיר זאָלן האָבן
אונדזערע אייגענע פיר ווענט.

פייגע שטראַלט
אין דער קלייד דער בלויער.
און דער טאַטע שמייכלט און רעדט אַריין
אין דער באָרד דער גרויער:
מזל טוב, די כלה געפעלט,
זאָל דאָס גליק רוען ביי אייער שוועל.
פייגע קושט דער מאַמעס האַנט.
און די מאַמע ווינטשעוועט און וויינט:
ביז 120 יאָר זאָלט איר זיין באַנאַנד.

דער טאַטע באַרירט די קליאַמקע
פון דער וואָקזאַל-טיר.
ווערטער אין ליבשאַפט געגליט,
עפענען דעם קוואַל פון פרייד.
תפילהדיק, פרום
ער מורמלט: געלויבט איז גאָט
וואָס היט מיך אומעטום.
„ברוך אתה א״ד׳ אלהינו מלך העולם
שהחיינו, וקימנו, והגיענו לזמן הזה״.
אָמן — ניגונט נאָך די מאַמע,
און איר געביין איינגעשרומפּן און קליין
ציטערט אין פריידיקן געוויין.

ביי ר׳ העניכן אין הויז

ר׳ העניך איז קראַנק,
ליגט ער אין בעט
און שווערע מחשבות
פייניקן זיין געדאַנק.

פאַרנאַכט-צו, קומען יאָסל און דער טאַטע
אים מבקר-חולה זיין.
ווי תמיד, הויבט זיך אָן אַ שמועס
וועגן צדיקים, וואָס דער דור לעבט
אין זכות פון זייער הייליקן שיין.
באַלד ווערט אַ געשפּרעך
וועגן יידן יראי-שמים,
וואָס זיינען זיך מפרנס
פון נאָדל-שטעך.
אָוונט-צאַנק.
יאָסל באַקוקט די שטוב,
שטייענדיק אַנגעשפּאַרט
ביי דער ספרים-שראַנק.
קליינע צימערלעך פיר.
אין דער שויבנשאַפע שטייט
דאָס היימישע גלאָזוואַרג
מיטן פסחדיקן געשיר.
די מעשענע לייכטער
בלישטשען פון דער קאָמאָד.
משפחה-בילד הענגט
אויף אַ דין-אָפּגעזילבערטן דראָט.

אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף,
די האָר אַרומגענומען מיט
אַ קיילעכדיק רייפל פון ברוינעם ביין,
צייכנט אַ וואַלד מיט וועלף,
און שמייכלט צו יאָסלען
מיט אַ פול מויל ווייסע ציין.
דער גאָלדענער שיין פון זון-פאַרגאַנג
פאַלט אויף דער ספרים שראַנק,
און שלאָגט זיך אָפּ אויף איר
קליין-געטאָקטער האַנט,
וואָס פירט אַ קאָלירטן בלייער
אויפן פּאַפּיר בויגן רויט פון זוניקן פייער.

און אַט צעשטראַלן זיך אירע פולע שוואַרצע אויגן,
און זי האַלט אין איין שטוינען אויפן „מזרח".
מיט די שפרינגענדיקע הירשן, וואָס
טראָגן אויף זייערע הערנער זילבערנע קרוינען.
איר פנים קיילעכדיק, העל,
מיט פרישער, פריידיקער יונגשאַפט אַנגעקוועלט.

ר' העניעכס ווייב — דבורה לאה —
הויך, איידל און בלאַס,
אומעטיקט אין דער זיידענער טוך
מיטן בלויען בלומענפאַס.
די עלטער האָט איבערגעלאָזט אַ שפור
דעם שטאָלץ פון איר גלייך-געפורעמטער פיגור.
דבורה-לאה — אַ נגידישע טאָכטער
טראָגט נאָך אַלץ אויפן קאָפ
אַ דין-געקאָרבט שייטל,
און איר ווייס-גלאַטער האַלדז איז אַרומגעצויגן
מיט אַ גאָלדן קייטל.
זי פאַרגעסט קיינמאָל נישט איר גרויסן יחוס
און דעם אַמאָליקן, רייכן מעמד
פון אירע עלטערן אין שטעטל, אין דער היים
ווען זי, אויסגעפוצט אין סאַמעט,
פלעגט אין דער ווייבערישער שול,
ביי די סאַמע גראַטעס שטיין,
און פרום דאַווענען אויפן קול
פון געליישטן קרבן-מנחה-סידור
מיט די טאָוולען פון העלפאַנט-ביין.
זי קלאָגט זיך כסדר:
אַז די מאַשין ציט אַרויס
פון איר העניכן דעם מאַרך
פון די נאָגנדיקעביינער,
און פון די רייכע לאַנדסלייט
וויל נישט העלפן קיינער.

דאָ איז גאָר אַ בושה,
לומדות, יחוס, רוחניות,
און פון טאַטנס הויז
פון פרום־יידישקייט — די ירושה.
דבורה־לאה איז אַ מלומדת,
און ר׳ הענעך רימט זיך
מיט דעם וואָס איר פאָטער ע״ה,
כאָטש אַ גרויסער חסיד
האָט מיט איר אַליין געלערנט תנ״ך
און געהאַלטן צו איר אַ לערער
ביי וועמען זי האָט געלערנט
די רוסישע שפּראַך.
און דאָך איז זי געבליבן פרום.
און אַן אַפּיקורס איז ביי איר געגליכן
צו אַ בלינדן, צו איינעם וואָס איז
פון קינדווייז אַן אַ בעל־מום.
זעלטן מישט זי זיך אין אַ שמועס אַריין,
זי זיצט און הערט זיך איין,
נאָר איינס זי בעט:
נו, איך האָב הנאה וואָס איר רעדט,
אָבער נעמט אין איינוועגס,
אַ ביסל בראָנפן, פאַרזוכט פון כבוד,
פון היימישן געבעקס און ווינטשט
מיין הענעכן ער זאָל פּטור ווערן פון שאַפּ און שעבוד
„יידן, ווינטשט אים אַ רפואה שלימה,
און אַז ער זאָל אינגיכן פריי ווערן
פון מיסטער בוקמאַן וואָס וואַרפט
אויף יעדן איינעם אַן אימה״.

ר׳ הענעך, שטענדיק אין זיך אַ פאַרטאַכטער
ענטפערט אַ טיף־פאַרטראַכטער:
דבורה־לאה, עס איז אַ גרעסערער „האָנער״
צו אַרבעטן אין אַ שאַפּ, ווי צו האָבן
אַ „סטאָר״ ערגעץ אויף אַ „קאָרנער״.

מיסטער בוקמאַן ווערט טאַקע אַ ליאַדע־וואָס
מלא חימה, אָבער די „יוניע" איז אונדזער שיצונג,
און נישטאָ פאַר אים מער קיין אימה.
מיך פאַרדריסט נאָר אויף אַ פּאָר „אָפּערעיטאָרס"
וואָס האָבן די ערשטע צייט געליטן דאָ אין לאַנד,
איצט חנפהנען זיי שוין מאַטקען
כדי צו קאָנען קריגן אַן „עקסטראַ
באַנדל" אין האַנט.
און דו, יאָסל, גרעסער וועט זיין דיין שכר
ווי פאַרן ליד דעם בעסטן און שענצטן,
אויב וועסט מאַרגן גאַנצפרי גיין אין שולעכל
פון די אַנשי אוסטילע, אַז די פּאָר
קדיש־זאָגער זאָלן נישט האָבן קיין צער
פון זוכן צום מנין אַ צענטן.
ר' הענעך קרעכצט: אינדערהיים
מיט דאַוונער און לערנער פול זיינען געווען
חסידישע שטיבלעך און בתי מדרשים,
און דאָהי וואָלט שוין צייט געווען
רעדן דברים קשים קעגן דער פירונג
פון יונגן דור, וואָס בויט שיינע שולן
און אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר זיינען
דאָרטן ליידיק בענק און שטולן.

דער טאַטע שמייכלט ליכטיק, מילד:
ר' הענעך, אייער צאָרן קעגן יעדן היגן ייד איז געצילט.
נישט־רעכט פון אייך אָרויסצוברענגען
ווערטער וואָס זיינען נישט גלייך!
וואָרים וואו איז גלות, וואו?
בענקען נאָך שבת, נאָך היימישער רו.
אָרבעטן אין שאָפּ עבודת־פרך
און נישט קאָנען זיך פירן לויטן יידישן דרך.
מעקט אויס פון אייער האַרץ יעדן סימן פון פאַרדרוס
און זאָל אויף אונדז אַלעמען מגין־זיין
פון יידישער בענקשאַפט, דער הייליקער זכות.

סיי ווי, יידן האָרעווען אַ גאַנצע וואָך
און קאָנען אַפּילו שבת פון זיך
נישט אָראָפּוואָרפן דעם יאָך.
פונדעסטוועגן היימישט דער שבת אין אונדזער גאַס,
און באַטעמט איז דער קידוש־וויין
פון פעטער לייבס האַלצערנער פאַס.
דערצו זיינען היגע יידן גרויסע בני־רחמנים
און מיט זייער צדקה־געבן,
הונדערטער טויזנטער יידישע נפשות
אין די שטעטלעך זיי דערהאַלטן ביים לעבן.
אחינו בני ישראל ווען זיך קיינמאָל נישט אויסמישן.
אַט פראַוועט מען דאָך שוין דאָהי חסידישע טישן.
מיר ווייסן, אַז יידן האָבן גראָד אין בבל
געבויט בתי־כנסת, כאָטש זיי
האָבן געקראָגן רשות צו אויפשטעלן
דעם בית־המקדש פון מלך כורש.
דעריבער, איז יעדער דור
פון יידישקייט דער געטרייער יורש.
תקופות בייטן זיך און קרייזן.
און פאַר צדיקים טוט מען באַווייזן
דעם סוד פון יידן וואָס טוען
אויף פאַרשיידענע אופנים זיך
אומקערן צו גאָט.

יאָסלס בליק גייט אויף די רוקנס פון די ספרים
אין דער פולער שראַנק.
אין דעם טאַטנס רייד ער פאַרנעמט פון בטחון
דאָס לויטערע געזאַנג.
ר' הענעכס פנים גאַפט און העלט.
אין זיינע אויגן דער גלויבן אין אייביקע יידישע דורות,
ווי אַ הייליק ליכט קוועלט.
ר' הענעך טוט מיטן גלעזעלע בראָנפן
די ליפּן אַ באַנעץ. ער ווינטשעוועט לחיים און זאָגט:

די נושאי הצלב האָבן פּאַרוויסט די קהלות פון וואָרמייזשאַ,
שפּייער און מעץ,
האָבן געלאַקערט אויף די יידישע טריט,
אומעטום זיי האָבן געוואָלט פאַרטיליקן דעם ייד.
שטאַרק איז די אמונה געווען.
נאָר די יידן האָבן די טריט פון משיחן
אין דעם אומגליק געזען.
און דאָס שארית פון דעם אַנטריין
האָט אַזוי צו ליידן געזוכט דעם זין.
פון פּוילן, פון אונדזער לאַנד פון נעכטן
רייסט אוים דער ייד
זיינע דערשראָקן-געוואָרענע טריט.
צו דער היגער ערד זיינען מיר אַנטלאָפן
פון שונא, וואָס גייט אויף אונז ווידער
מיט הונגער און שווערד.
דאָס ווערימל פון יאוש נאָגט דאָס געביין:
ווי לאַנג וועט דאָהי דויערן
פאַר יידן די נייע, רואיקע היים?
פיל יידן זיינען רייך און זאַט,
און איך שרעק זיך פאַרן פרייוויליקן גייסטיקן שמד.
גלייכצייטיק מוזן מיר יידן האָבן טענות און תרעומות,
צו די גרוים-מאַכטן: פאַרוואָס זיי פאַרשקלאַפן
גאַנצע אומות, פאַרוואָס זיי פייניקן, פאַרוואָס זיי שלאַכטן?
וואָרים עס קאָן נישט הערשן קיין צדק,
ווען מער ווי אַ האַלבע וועלט איז אָרעם,
מענטשן הונגערן און האָבן אויפן לייב
נישט קיין גאַנצן, וואָרעמען בגד.
דעריבער זאָג איך, אַז יענע יידן זיינען
אמת׳ע יראי־שמים — די וואָס האַלטן
מיט די יגיעי־כפּים.
די גרעסטע צרה
איז: מענטשן דאָהי דינען צום געלט,
ווי צו אַן עבודה זרה.

אָבער דעם טרויער וואָס אין הארצן מען טראָגט
מוז דורך בטחון ווערן פאַריאָגט.
יאָסל טראַכט:
יידן צוויי, ליכטיק, דערהויבן
טראָגן אין גלויבן פון וועלטן
דעם וויי.
זיי זוכן בטחון און געפינען אָנשפּאַר און טרייסט
אין יידיש-דורותדיקן גייסט.
יאָסלס אָקערדיקער געדאַנק
ליכטיקט אין פרייד פון געזאַנג.
ער קוקט צום מאַרק צעבלענדט אין שניי
וואָס פאַרטויבט זיך אין אייגענעם ברומענדיקן געשריי.
אַ בעטלער מיט אָפּגעשניטענע פיס
אויפן וועגעלע צוגעשפּאַרט צום וואַנט,
קלינגט מיטן בעטל-טעלערל אין האַנט.
אין פייער-גאָלד פון זון-פאַרגיין
ציט זיך דער עלנט פון זיין בעטנדיקן געוויין.
אויסגעליידיקטע גאַסן פאַרנאַכטיק, שטום
כאַפּן אריין אין זייערע שאָטנס פון מאַרק דעם געברום.
אַקעגן, איבער דער גרינער טיר
צינדט זיך און לעשט דער עלעקטרישער שטראָם
וואָס רעקלאַמירט: „גאַרדן פּרעש"
איז די פרוכט פון אונדזער קראָם.
מענטש נישט לויף, שטעל זיך אָפּ און קויף!
שנייאיקער ווינט קלאַפּט
אויף דער פייערדיקער שילד.
עס נאַכטיקט.
איבער מיניענדיקע רערן
שווימען פאַרטונקלטע רוימען, וואָס
וואַרפן אַריין דעם ערשטן שטערן
אין מויל פון פאַררוסענעם פאַבריק-קוימען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פרילינג

ערב חתונה

קאַלט און לאַנג
איז דער ווינטער אין זיין גאַנג.
דער שניי אין געבריל
יאָגט זיך איבער שטאָט
ביזן סוף פון חודש אַפּריל.
אָבער אין די ערשטע טעג פון מאַי
קיל און העל,
ווערן ביימער מיט זאַפט אָנגעקוועלט.
אין פּאַרק וויקלט זיך דאָס גראָזענע גרין,
און די צווייגן ווערן באַצויגן
מיט בלעטלעך קליין און דין.
אין טאָל פענצטער און מויער פאַרציען זיך
מיט פאַרנאַכטיקן טרויער.
דער באַרג גאָלדיקט און בלענדט,
און עס פלאַמיקן די גראָז-פּעדים
אויף די הויכע, שטיינערנע ווענט.

פייגע קומט פון שאַפּ נישט פאַרמאַטערט.
אַ פריילעכע זי פלאַטערט אום אין שטוב
און גיסט אין די טעלער די הייסע זופּ.
צו דער חתונה איז בלויז אַ פּאָר וואָכן.
און יעדע נאַכט זי פירט יאָסלען
אין פּאַרק צום געשטיין אָנגעטאָן
אין קליידער פון גרין-גרויע מאָכן.
זי טוליעט זיך צו אים און פליסטערט:
איך וויל האָבן אַ קינד און אַ היים.
עס שאָטנט דער באַביימערטער וועג.
און זי שעפּטשעט:
אין אונדזער שטוב וועלן מיר
ברענגען די ליבע —
אונדזער גרויס און הייליק פאַרמעג.

זי צאַפּלט פון גלוסט,
און זי מיידט אויס
צו זיצן מיט יאָסלען הינטער אַ קוסט.
וואָרים זי וויל נאָך דער חופּה
פון יאָסלען ווערן געגאַרט,
און דעם גלי פון איר יונג לייב
טיף אין האַרצן זי פאַרשפאַרט.
צום שפּיץ פון באַרג זיי שטייגן.
און ביידע פרייען זיך מיטן פרילינג,
וואָס שפּרייזט אויפן רוקן פון באַרג
און שפּיליעט אָן גרינע בלעטלעך
אויף די דינע, לאַנגע צווייגן.

יאָסל שטעלט זיך פאָר די חתונה־נאַכט:
די גאַנצע גאַס וועט זיין וואַך.
עס וועלן שמעקן די בעז־ביימלעך,
און די לאַנדסלייט אויפגעלייגט און היימלעך,
וועלן קומען מיט מתנות אָנגעגרייט,
און ברענגען מיט זיך פון משפּחהדיקייט די פרייד.
און יאָסל בענטשט דעם ערשטן טאָג אין שאָפּ,
ווען פייגעס האַרץ האָט צו אים זיך געטאָן אַ קער.
און ער וואַרט אויף דער חתונה מיט ליבשאַפט און באַגער.
זיי גייען אין פּאַרק, אויפן באַביימערטן וועג.
און די ליבע גאָלדיקט מיט פריידיקע טעג.

די חתונה

אַרום טישן פון אַלעם גוטן זיצן רעכטס און לינקס
און קריגן זיך מיט הייסע בלוטן.
די פּ. צ. זאָגן ארץ־ישראל איז אַ גרויסער נס.

און די לינקע טענהן: הלמאי האָבן די פּ. צ.
בלויז אין פּאַלעסטינע אַן אינטערעס.
וואָרים מען דאַרף מיטן אַרבעטער אומעטום מיטגיין,
נישט בלויז אין פּאַלעסטינע וואו מען וויל
בויען אַ נאַציאָנאַלע היים.
היים, היציק דאָס גערייד, ווי מען וואָלט פאַרגעסן,
אַז מען איז צו אַ חתונה געקומען,
און חתן־כלה דאַרפן ווערן דערפרייט.
אין קאָפּ מישט זיך דער ווייַן.
געפעכט פון לינק און רעכט,
ברענגט חתן־כלה פאַרדרוס און פּיין.
דער ברודער וויל פאַרשטילן
דעם צאָרן וואָס זידט,
און אַ חסידישן ניגון ער פאַרציט.
עולם כאַפּט אונטער דאָס געזאַנג.
דער טאַטע שטייט אויף פון דער באַנק.

אויפגעמונטערטע געמיטער.
ר׳ הענעך דערפילט פון שמחה
דעם הייליקן ציטער.
האַנט קלאַמערט זיך אין האַנט.
דער גאַנצער עולם זינגט באַנאַנד.
די מומע און די מאַמע טאַנצן זיך אַקעגן,
ווי קינדער וואָס שפּרינגען און שלינגען
קילע טראָפּנס פון אַ דין שפּריצנדיקן, זומערדיקן רעגן.
און דער ניגון וואָס נאָך פריידן גאַרט,
פון צעזונגענעם האַרץ גלוסטיק זיך שפּאַרט.
פון הענט אַ קייט דרייט זיך און שווינדט,
און אין אַלע גלידער דאָס בלוט זיך צינדט,
צו דער ליבע, צו איר אויפגאַנג
אַ ליכטיק געזאַנג.
צו דער ליבע הייליק און גאַנץ
אַ גאַרנדיקער טאַנץ.

פון פריילעכן געברויז
קלינגען די כלים אין הויז.
עס צאַפּלען די טאָפּיענדיקע ליכט,
וואָס זייערע קנויטן צאַנקען
אין חלבדיקע טייכלעך און פאַרשפּריצן
מיט טראָפּנס פּעטס די היימיש געשטריקטע טישטעכער
מיט די געבלומטע טראָלדן
און רויט-געפלאָכטענע צויטן.
פייגע איינגעצויגן אין ווייסן קלייד
שטראַלט פון פרייד.
זי גלעט יאָסלס פינגער און מיט פייכטע אויגן
האַרציק, שטיל זי רעדט צו אים מיט גרוים געפיל:
איך בין דיין געליבטע, איך בין דיין פרוי,
איך וועל דיך שטענדיק ליב האָבן און באַגערן,
ווי אין שיפל צווישן די בערג אין יענעם מאָרגנגרוי.
אין שטוב אָן עדה יידן, אין אַ טאַנצנדיקן רינג
טראָגט זיך גיך און גרינג.
עס לויכטן אויגן.
און מען זינגט דעם ניגון
אויף אַלע טענער אָנגעצויגן.
גוף פלאַטערט. דער עולם אויסגעשעפּט פאַרמאַטערט,
זעצט זיך ווידער אוים אויף די לאַנגע בענק
מיט אַ ליבער היימישקייט, וואָס
דער פריילעך-חסידישער ניגון
האָט פון ווייטן שטעטל צוריקגעבערענגט.
עולם שטילט.
בלויז דער טאַטע אין בענקשאַפט
פאַרגייט זיך אין אַ שלוש-סעודהדיק געזאַנג,
וואָס פרישט אָפּ אין יאָסלען די דערמאָנונג
אינעם פינצטערן שבת-פאַרנאַכטיקן שטיבל,
וואו אַלע חסידים ביים טיש
זיצן פאַרדבקעטע, צונויפגעדריקטע
אויף דער לאַנגער, אָפּגעריבענער באַנק.

פלוצלעם, און דער טאַטע אַ פאַרטראַכטער
טוט אַ קרעכץ און זאָגט:
דער רבונו של עולם וואָס איבער זיין פאָלק ישראל
וואַכט ער, זאָל אויך חתן-כלה
שענקען זרע של קימא און פירן זאָל
ער אייך אויפן וועג פון אַלע ערלעכע און פרומע;
און גאָט זאָל אייך בענטשן מיטן חסד
פון זיינע ליכטיקע גאָבן, אַז דער זיווג
זאָל עולה יפה-זיין און איר זאָלט זיך שטענדיק ליב האָבן.
פייגע פון די בענטשנדיקע רייד אַדורכגענומען,
קוקט יאָסלען אין די אויגן אַריין און מורמלט:
דאָס האַרץ פון בענקשאַפט נאָגט פון טאַטנס
ניגונדיקן ברומען. און די דאָזיקע ליבשאַפט
וועט מיט אונדז זיין אויך אין טעג פון פיין.
און אָט אַ געקלאַפּעריי און געטומל,
מיסטער בלאַק שטייט אויף דער באַנק
און רופט אוים: פאַרן נייעם פּאָרל
פאַרליבט און שיין האָט געשיקט דרשה-געשאַנק
די אוסטילער קלויז, אַ שבתדיקן טישטעך
מיט אַ רויט-געהאַפטענער רויז.
און די סאָסייעטע טראָגט צו אַ „פּרעזענט"
פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער וואָס זאָל הענגען
אין „פּאַרלאָר" אויף אַלע פיר ווענט.
און בעני קאָמעדיאַנט, וואָס קען קוים אויף די פיס שטיין,
וויגט און וואַקלט זיך אַריין אינמיטן שטוב
און הויבט אָן לייענען אַ ליד מיט אַ חוזקדיק געוויין:
יאָסל טייערער, וואַרף אַוועק דאָס געניצטע גרעט,
נאָר פאַרגעס נישט פון היימישן באַנקבעטל
דאָס האַרטע ברעט.
איך בין דער נייער סעקרעטאַר פון אַנשי אוסטילע,
איך בין נישט קיין בדחן, קיין דיכטער,
איך וויל בלויז מיט גראַמען שטילע
ווינטשן חתן-כלה מזל-טוב און אַז מעשים-טובים
און קינדער זאָלן זיי האָבן לרוב.

אודאי איז יאסל אן איידעלער מענטש.
ער האט נישט געוואלט ווערן קיין מאן פון געשעפט
און בעסער אויסגעקליבן דאס פאך פון א נאדל,
וואס נייט און העפט.
דעריבער זאל ער זיין געבענטשט
און די שלוה זאל תמיד הערשן אונטער זיין דאך.
און אונדזער אומה זאל ער מיט שיינע לידער באצירן,
און דער בורא עולם זאל עפענען פאר אים
פון רחמים די טירן.
היות, נאך א גערעכטער וועלט איז זיין שטרעבן,
זאל ער אט דעם חלום שטענדיק ליכטיק וועבן.
און זיין אשה צנועה מרת פייגע שתחיה,
זאל אים שטענדיק ליבן. וועט די שיינקייט
פון זייער לעבן אין פנקס פון אונדזער סאסייעטע
לדור־דורות ווערן פארשריבן.
און היות אויסצורימען דער כלהס שיין־געשטאלט
האב איך נישט קיין ווערטער, איז זאל זי
שטענדיק יונג און פריש זיין, ווי אין פרילינגדיקן וואלד,
די טויאיק־פייכטע, שמעקעדיקע בלעטער.
און אזוי ווי די סאציאלע רעוואלוציע
איז איר שטארקער אינטערעס, זאל גאט געבן,
אז זי זאל זיך מיט יאסלען עלטערן
און ביידע זאלן דערלעבן דעם דאזיקן
גרויסן ליכטיקן נס.
דערווייל זיבן־מאל־זיבן זייט מיר געבענטשט,
איר וואס קעמפט און טרוימט פאר א נייעם, שיינעם מענטש.
לעבט ווי טייבעלעך צוויי, און זאל אייער ליבע
לויטער־ווייס זיין, ווי תחילת ווינטער דער ערשטער שניי.
ליבע לאנדסלייט, איר לאכט און קוועלט;
דאס איז דערפאר ווייל גאנצע שורות
פון יאסלס לידער אין מיין פארפאסונג
איך האב אריינגעשטעלט.
נו , יא, גאט וואס פורעמט און שניידט,
האט אויסגעשטאלטיקט פייגען פון יאסלס זייט.

האָב איך טאָג־און־נאַכט געטראַכט,
און לכבוד דעם געראָטענעם זיווג דאָס דאָזיקע ליד געמאַכט.
איז הערן און דאַמען פון אַ שטעטל מיט
שטיבלעך אין בלאָטעס פאַרקלעמט,
דעם קלאַנג פון מיינע גראַמען פאַרנעמט.
וואָרים פון ווערטער מיט אַ טיפן מיין,
אַ געזאַנג הארציק און שיין האָב איך פאַרפאַסט
פאַר שיינע חתן־כלה פון דער ארבעטער־גאַס.
היות איך זע, די כלה פון ליבע בלענדט,
וועל איך עס מאַכן בקיצור און קומען צו אַן ענד.
אין נעכטן, אין שטעטל איך געדענק,
דעריבער האָב איך פאַרן יונגן פּאָעט געברענגט
פּרצס ווערק;
אַז טראָגן זאָלן זיי פון אונדזער גרויסן עבר דעם שיין,
און שטענדיק זאָל אַ מוסטער פאַר זיי זיין:
דער ביאַלער רבי פון „צווישן צוויי בערג״.

דער עולם קלינגט מיטן געשיר.
און איבערן ראַנד פון די גלעזער
לויפט דער שוים פון קילן, ברוינעם ביר.
און מען שמחהט ביז שפּעט
אין דער נאַכטיקער בלוי,
ביז שלמה שטייט אויף און זאָגט אַזוי:
שוין צייט צו לאָזן חתן־כלה אַליין,
פאַרגעסט נישט, מ׳וועט שוין באַלד
אין שאַפּ דאַרפן גיין,
און ווידער אויף קליידער און בלוזן פירן
די בליצנדיקע, נאָדלדיקע ציין.
איך וויל אָבער צום לעצט
פון דער חתונה צום געדענקען,
דעם פאַרפאָלק נאָך איין ברכה שענקען:

זאָל אייך נישט בלענדן דער פינקל
פון גאָלד־שטויבן.
קעמפט שטענדיק קעגן די, וואָס
פאַרשטעלן דעם שיין פון די הימל־שויבן.

פון חתן־כלה מיט קושן און האַרציקע רייד
נעמט דער עולם אַפּשייד.
די שטוב פאַרשטילט און ליידיק.
דאָס האַרץ פאַרליבט און פריידיק.
פייגע פאַרציט די שנור פון איר בלוזע העמד
און פליסטערט: יאָסל געדענקסט, ווען
האָסט מיך אין וואַלד געטראָגן
געקלאַמערט אין דיינע הענט.
איצטער, איידער דער מאָרגן נעמט בלייכן,
לאָמיר די הויך פון באַרג גרייכן.

שווייגנדיקע זיי שפּרייזן דורך דער שלאָפנדיקער גאַס
און איבער די מויערן ציט זיך אַ זילבערנער שטערן־פּאַס.
אַ שטעגל גראָזיק, פייכט און שמאָל,
פירט זי צום באַרג־שפּיץ וואו עס אַנטפּלעקט זיך
די שטאָט, וואָס זיצט אין טאָל
אין פייערן צעבליצט.
פייגע שעפּטשעט: מיין ליבער,
און ביידע גאַפן אויף די שלאָפנדיקע שטיבער,
וואָס קניען ביים טייכנברעג, וואו מעווען
אין די ווייסע נעפּלען רוישן און פליען
איבערן בלויען וואַסער־וועג.
פייגע גלעט זיינע האָר און פליסטערט:
דער חלום פון אונדזער לעבן איז געוואָרן לויטערע וואָר,
זאָל די ליבע, וואָס מיר טוען
אַזוי טיף און שטאַרק באַגערן די ליכטיקייט פון פרייד
שטענדיק אין אונדזער האַרץ פאַרמערן.

איבערן וואַלד שטיל און הויל
קייקלט זיך אַ שטערן — אַ זילבערנע קויל.
יאַסלם ליפּן אין גאַרונג גליען
אויף פייגעס היים מויל.

פייגע זינקט אין דער טיף פון קילן, ווייכן גראָז,
און אירע אויגן פייכט און פול
גאַפן צום בלוי פון הימל־גלאָז.
יאַסל שווימט אין די פייערן פון איר צעפיבערט לייב
און מורמלט: מיין געליבטע, צו מיר געהייליקט ווייב.
זיינע ליפּן גליטשן זיך אויף איר געזיכט,
און טרינקען פון אירע אויגן פייער און ליכט.
און אַט דער פרימאָרגן צווישן ביימער בלויט.
אַ שטיבל העלט. אַ טירל סקריפּעט אויפן פלויט.
עס איז פרימאָרגן. עס איז אינדערפרי.
ווייסע מעוועס אין דער זון
רוישן אין געפלי.

אין די וויסטן

די משפּחה געזעגנט זיך מיט יאָסלען

מויער און בריק
פאַרקלאַמערט אין אייזיקע שטריק.
הינטער צווייגן אָפּגעגלאַנצט מיט דינעם, גלאָזענעם אייז
טאַטע און זון שפּרייזן אין שנייאיקן רייז.
דער פּראָסטיקער פאַרנאַכט שטעכט.
יאָסל טראַכט פון פייגען און פון די גלוסטיקע נעכט:
לבנה־ליכט אויף שויבן.
אין מאַרק די הינט בילן
און שלעפּן פון די מיסט־קאַנען
די עיפּושדיקע דרויבן.
און אין שטוב נידערט די נאַכטיקע שטיל.
ווייסער שאָטן דרימלט אויפן דיל.
אין פייגעס אויגן די גאַרונג בלענדט.
יאָסל וויגט איר פיבערדיקן גוף
אין זיינע הייסע הענט.
און יאָסל וואונדערט זיך: פאַרוואָס איז זי
לעצטנס אַזוי שטיל און מילד.
ער טרעפט זי טיילמאָל זיצן אַ פאַרווייִנטע
און קוקן אויף זיין בילד.
טוט ער זי וועגן דעם פרעגן,
האַמעוועט זי אײַן די טרערן און זאָגט:
איך טו רק קלערן פון דיין ליד
וועגן דעם פרימאָרגן אין וואַלדיקן געשטום,
ווען די שטראַלנדיקע זעגן פון דער זון
שטעכן אַריין די גילדערנע ציין
אין באַרגיקן געביין.
און מיר ביידע הינטערן שאָטן פון די ברייטע בלעטער
עפנען דעם סוד פון דער ליבע
אין אונדזערע גאַרנדיקע ווערטער . . .
איצטער שפּרייזט ער און שטומט.
דער טאַטע פאַרבענקט און שטיל
אַ חסידישן ניגון ברומט.

יאָסל דרינגט דערפֿון:
אַז װעגן עפּעס װיכטיקס װיל דער טאַטע
רעדן מיט אים, זײַן זון.
און ער מאַכט זיך גרייט
צו הערן פֿון טאַטן האַרציק־בענטשנדיקע רייד.
אָבער דער טאַטע פֿאַרגיכערט פּלוצלעם זײַן גאַנג,
און יאָסל דערהערט אין טאַטנס קול
אַ שאַרף־בײזן קלאַנג:
אַ העזה פֿון דיר אין דער פֿרעמד זיך אַװעקצויאָגן,
װען דײַן פֿײגע איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן!
די מאַמע זאָגט: אַז ביסט אַ מאַן
אָן דערבאַרעמונג אין דײַן האַרץ,
װען אין אַזעלכע אומשטענדן לאָזסטו איבער
דאָס װײַב אײן־אַלײן אין אַ הויז,
און קײנער װעט נישט זײַן אַרױפֿצושטעלן
אַ לעפֿל געקעכץ אויף דער הײסער שטאַרץ.
יאָסל אַ דערשטױנטער שטאַמלט:
טאַטע איך שװער,
אַז צום ערשטן מאָל װעגן דעם איך הער.
זי רעדט מיט מיר װעגן יעדער זאַך,
נאָר װעגן דעם האָט זי גאָרנישט געדאַכט.
דער טאַטע ענטפֿערט פֿאַרגאַפֿט:
אויב אַזוי האָט דאָך מײַן טענהן
קײן שום װערט און האַפֿט.
מסתמא האָט זי אַ טיפֿערן מײן,
װען אין אַזאַ צײַט זי שטעלט זיך אײַן
צו בלײַבן אין הויז אַלײן.
דעריבער זאָל פֿײגע אין איר אײגענע רייד
אויף איר שװײַגן דיר געבן אַ באַשײד.
אין יאָסלען די פֿרייד ליכטיקט און ברױזט,
ער קירעװעט זיך צו פֿײגען אוױס
און פֿרעגט:
זיצסט פֿאַרקלערט מיט אויגן
פֿאַרטרערט, װײַל דו בענקסט

נאָכן דאָרפישן וועג?
וואָס טוסטו מיינען?
דיר איז, ווייזט אויס, ליב צו ליגן
איין־אַליין גאַנצע נעכט און וויינען?
די גאַסן גליטשיק מיט שניי פאַרבלאָזן
איך קאָן אין אַזאַ צייט אַליין דיך נישט איבערלאָזן.
אין דער ווייט, דאָס האַרץ מיט טרויער
וועט ווערן אָנגעטרערט.
און די בענקשאַפט וועט שניידן מיט
דער שאַרף פון איר דינער שווערד.
יאָסל רעדט הויך.
און דער שניי ווינטיקט
ווי ווייסער רויך.
הינט קייקלען איבערגעקערטע מיסט־קאַנען
און בילן אויף די וואָיענדיקע באַנען.
פייגע, וואָס שפּרייזט איבער די אייז־רערן,
שמייכלט צו יאָסלען
און האַמעוועט די טרערן:
האָסט דאָך ליב דעם שאָטן פון פאַרנאַכט,
פאַרוואָס־זשע שרייסטו און שרעקסט
די קראָען, וואָס רוען אויפן שנייאיקן שליאַך?
יאָ, חבר גאָרמאַן האָט מיר באַפוילן
די זאַך פון דיר צו פאַרהוילן.
וואָרים וואָלסט שוין אין דער „וועסט" נישט געפאָרן,
וואָלסט יעדער פאָר שעה געקומען
צום פענצטער, אַז איך זאָל
צו דיר אַראָפּקוקן פון גאָרן.
איצטער וויים איך, אַז ער איז גערעכט.
וועסט געוויס בעסער שרייבן, ווען וועסט
בענקען נאָך מיר דורך די נעכט.
סיי ווי, דעם סוד אין האַרצן האָב איך געטראָגן
ווי אַ ברענענדיקע קויל.
און ביי דער באַן
איך וואָלט געטאָן דיר זאָגן:

מיין טייערער מאַן, ליב און וואויל,
איך דיין ווייב פייגע
בין פאַרגאַנגען אין טראָגן.
איצטער, אַז דו טוסט שוין וויסן,
וועסטו אַנדערש נישט באַשליסן.
מיט גלויבן אָנגעזאָפּט וועסטו פאָרן,
און פון היגן באָדן
רייסן ווילד גראָז און דאָרן.
קענסט רעדן און שרייבן.
וועסטו מיט דיין טאַלאַנט
עם הארצות און שנאה פאַרטרייבן.
איך בין נאָך אין די ערשטע מאָנאַטן.
פאָר, און צום אַרבעטער און פאָלקס-מענטש
טראָג די פרייד פון דעם מאָרגנדיקן טאָג
דעם ליכטיקן און זאַטן.
יעדע נאַכט וועט דאָס לויטערע שטערנליכט
קושן דיין בענקענדיק געזיכט.
און אין אָט-דער שטילער שפּעט,
וועל איך דיר שרייבן
פון דער ליבע, וואָס
טריפט, ווי אַ היים געבעט.

די מומע זיפצט: אָט האָט איר אַ פּאָר-פאָלק
אָן טעם, אָן טאָלק, וואָס פלאַפּלט
אַז די גוטע וועלט מוז דורך זיי
ווערן אויפגעשטעלט.

צום הימל שטערנדיק און בלוי
טוט די באַן אַ וואַי.

די באַן טוט זיך אַ ריס,
און קייקלט זיך אַוועק
אויף אירע שטאָלענע פיס.

יאָסל אויפן באַן־שטאַפּל
זעט פייגע צאַפּלט
אין דער נאַכט דער שנייאיקער און בלויער,
און אין אירע אויגן מיט טרערן פאַרשפּריצט
בליצט דאָס ליכט פון טרויער.

מויערן גליווערן און גרויען.
ביימער וואַרפן זיך אין ווינט
און בלישטשען
מיט די אייזיקע שטרויען.

אין באַן

יאָסל אויף דער ווייכער באַנק
קייקלט די נעכטיקייט אין זיין געדאַנק.
דורכגענומען מיט דער פרייד פון לויטערן קלערן,
קוקט ער דורך דער שויב פאַרפרוירן און שמאָל,
און עס בלענדט אין טאָל די פייערדיקע שטאָט
באַהאָנגען מיט לאָמפּן און אייזיק־גלאָזענע רערן.
דאָס האַרץ טראָגט פרייד צו מאָרגנס
מיט ליכט אָנגעלאָדן,
צו ראַנגלענישן און צו בענקשאַפטן
וואָס באַלוינען מיט לויטערע גענאָדן.
יאָסל אין ליכטיקן קלערן,
זעט פייגען אַ צעשטראַלטע אין טרערן.
זיין קינד וועט זיך אין היגן לאַנד פאַרפלאַנצן,
און זיין וועט עס אין פייגען געראָטן אינגאַנצן.
אַ זון וועט אים געבוירן־ווערן.
אין זומער, אין דער פרימאָרגן־שעה
דער שטוינענדיקער און פרומער,
זיין וועט פון גרינס און אויבסט דער סעזאָן,
וועט די מאַמע שבת אַרויסנעמען דאָס
טייטש־חומש אויפן באַלקאָן.

די זון אין בלויע רוימען
וועט לויטערן און לאַכן
צום רויטן פאַבריק־קוימען.
דער מאַמעס נחתדיקע טרערן
וועלן פאַלן אויף די אַלטע טייטש־חומשדיקע בלעטער
ווען זי וועט לייענען וועגן די יידן אין מדבר,
וואָס ווערט זיי פאַרבאָטן צו דינען פרעמדע געטער.
די שכנים וועלן ווינטשן מזל־טוב,
און אַז עס זאָל צום פינצטערן גלות נעמען אַ סוף.
און די מומע וועט די ווייבער מכבד־זיין
מיט געבעקס, אויבסט און רויטן ווייַן.
יאָסל פאַרזונקען אין קלערן
לויכט פון פרייד, וואָס
אין ליבע, מיט אַ לויטער האַרץ
ער טוט פייגען שטענדיק באַגערן.
און ער דערמאָנט זיך פיקאַרדן,
אין ברייטן פאַרמער־הוט, ווי ער שפּאַנט
אין דאָרף אַרומגענומען מיט לאַנקעס און סעדער,
וואו אויפן פאַרנאַכטיקן שליאַך
קייקלען זיך פון אויטאָמאָבילן די רעדער.
יאָסל טראָגט זיך אין בענקשאַפט,
אים אַרט נישט אין אַנגערויכערטן וואַגאָן
דער שווייסיקער ריח און די ענגשאַפט.
עס שימערט דער שניי.
און דער לאָקאָמאָטיוו מיט זיין יאָמער־געשריי,
שניידט די ווייסע נאַכטיקע טיף.
אַ יידיש גערעדעריי פון יידישע אימיגראַנטן,
וואָס פאָרן צו קרובים אין דער „וועסט"
מיטן עלנט און שטעטלדיקער אָרימקייט
פאַרפּאַקט אין קופערטן, פאַרבונדן אין זעק,
פון באַלעבאַטישקייט אַ צייכן
פאַר דער פרעמדער נעסט.
די אימיגראַנטן דערציילן זיך
פון לעבן אין שטעטל שווער און האַרב.

אונ לבנה פון איר ווייסער קאַן
טריפט זילבערנע פאַרב
אויף די פאַרגלאַזטע שויבן
פון דער טרייסלדיקער באַן.
אַרום ענג און געדיכט.
אַ נידעריקע יידענע מיט אַן אויסגעבלאַסט געזיכט,
קאָן נישט פאַרגעסן די אַלטע שול אינדערהיים,
זי זיפצט און מורמלט תחינות אין געוויין:
„רבונו של עולם, דאָס האַרץ פון דיין דינסט
איז אָנגעגאָסן ביז די ברעגן מיט פיין,
דערבאַרעם זיך, קייקל אַראָפּ פון מיין געמיט
דעם שווערן שטיין״.
די יידענע קוקט אויף יאָסלען פאַרזונקען אין קלערן.
און אירע ברוינע, פרומע אויגן
זיינען אָנגעקוואָלן מיט טרערן.
אַזוי ציען זיך מעת-לעתן.
און די בענקשאַפט קאָן נישט פאַרגעסן
שטעטל, שטוב און שטאָט,
און אַפילו נישט דעם בית-הקברות
מיטן האַלצערנעם צאָם.

אַ געלער ייד לאַנג און קנאָכיק,
וואָס איז שוין יאָרן אין לאַנד,
קלאַמערט דאָס געל-געשווירענע בערדל אין האַנט
און קרעכצט: יידן לעבן דאָהי
נישט פרום, וואַכיק
אָבער מען טאָר אויף יידן נישט רעדן
קיין שלעכטס, וואָרים ציען פרנסה
פון נאָדל און שער
איז האַרב און שווער.

נאָכט שלינגט איין דעם טאָג.
און די באַן מיט שוואַרצע רויכן שלאָגט.

די מידקייט אין לייב פאַרשטאָכן,
נאָר אין שרעקנדיקן געדאַנק
ווערט דער שלאָף צעבראָכן.
און אָט איז פאַרטאָג.
די באַן
אין דער ווייסער שטומקייט זיך יאָגט.
און די זון מיט אירע זילבערנע זעגן
שניידט די פאַרשנייעטע בוימער אויף די דאָרפישע וועגן.
עס האַמערן די רעדער אין געגיי.
אין שטאָט לויפט אַריין די באַן
מיט רויש און יאָמער־געשריי.

שלום־עליכם — חבר דיכטער

גאַסן פאַרזונקען אין שניי.
יאָסל טראַגט אין זיך
פון אימיגראַנטן די בענקשאַפט און דעם ווײ.
און אין פרימאָרגן, וואָס וואַרפט זילבערנע פּאַסן
אַ טראַסקנדיק „טראָקל״ — וואַרט אויפן גאַסט
מיד און אויסגעבלאַסט.
— שלום עליכם, חבר דיכטער!
עס שמייכלען יונגע, צעשמייכלטע געזיכטער.
דאָס „טראָקל״ כריפּעט.
דער ווינט ווירבלט און שיפּעט.
די שטאָט שטראַלט אין שנייאיקן טאָל.
די זון אויף ביימער צינדט די רערן
פון אייזיקן קרישטאָל.
אַ לוסטיקער יונגערמאַן
מיט אַ לענגלעך, אָפן געזיכט,
מיט האָר שוואַרץ און געדיכט,
רעדט היימלעך: אַ רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע
האָט אונדזער אימיגראַנטן־דור, וואָס
שרעקט זיך נישט, ווען דער שטורעם רייסט אויס
פון דער ערד אַ פּאָר יונגע, גרינע ביימלעך . . .

יאָ, אַן עולם וועט קומען הערן אונדזער דיכטער,
וואָס וועט שליידערן אין די שונאים ווערטער
ווי שווערע, אייזערנע געוויכטער.
יאָסל ענטפערט ערנסט און געלאַסן:
איך בין געקומען רעדן צו יידישע מאַסן
און נישט שאַרפן פון שנאָה די שווערדן.
מיין באַגער, איז נישט זיך צו קריגן,
נאָר מיטן שעפערישן, יידישן וואָרט צו זינגען
וועגן קאַמפן און ליכטיקע זיגן.
אין פרימאָרגן וואָס בלענדט
מיט זילבערנע זון־פאַסן,
שמייכלען געזיכטער
צום פאַרקלערטן חבר־דיכטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַנען רייטן צו די פאַרוואָרפנסטע ווייטן,
און וואו נאָר אַ מנין יידן טוליעט זיך
אין אַ שטעטל אין דער וועסט,
דאָרטן באַגערט מען דאָס וואָרט
פון יידישע שרייבער־געסט.
יידן באַגעגענען אים ביי דער באַן,
און מען אַמפּערט זיך וועגן ארץ־ישראל און בירא־בידזשאַן.
איינער פאַלט אַריין אין התפעלות
און רימט דאָס לאַנד אומבאַוואוינט, ווייט און קאַלט,
וואָס פון ראַנד־צו־ראַנד
געהערן וועט צו יידן מיט פעלד און וואַלד.
און ער רעכנט אויס די מעלות פון יענעם קאַנט,
ווי ער וואַלט דאָרט אַליין געווען,
ווי ער וואַלט איר לענג־און־ברייט דורכגעשפּאַנט,
און דאָס אַלץ אַליין מיט די אויגן געזען.

און אַ צווייטער רעדט מיט גרוים געפיל,
אַז ארץ־ישראל איז פאַרן יידישן פאָלק
דער איינציקער ציל.
צו זיין אַ פאָלק איז דער עיקר.
ארץ־ישראל וועט צונויפנעמען
אַלע אָפּגעריסענע שטיקער.
און יאָסל זאָגט: יידן צו וואָס זיך קריגן?
ביידע לענדער וועלן זיין פאַר אונדזער פאָלק
גרויסע, ליכטיקע זיגן.
דער וועג צו גאולה איז פאַרשידן און לאַנג,
דעריבער פאַראייניקט לאָמיר גיין
דעם דאָזיקן שווערן גאַנג.
און דאָס יידישע ליד
אומעטום זאָל בענטשן פון די יידישע בויער
די טריט.
יידן שמייכלען און זאָגן:
דער יאָסל דעם שווערן עול
פון פאָלק ער טוט טאַקע טראָגן,
אָבער אין פּאָליטיק איז ער אַ קנאַפּער ווייסער,
אָבי אַ שרייבער איז ער אַ מוטיקער און הייסער,
וועט ער אין אונדזערע רייען
גיין אַפילו אין שטורעם־שנייען.
יאָסל האַלט רעפעראַטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור,
און ער מעסט דאָס יידישע לעבן
מיט דער סאָציאַלער שנור.
יידן זאָגן: אים איז באַקאַנט
פון דער נויט די פּלאָגן,
דעריבער העלפט ער פאַרזייען
די סאָציאַליסטישע אידייען.
אין יעדער שטאָט און שטעטל,
פאַרן אָפּרייזן,
עס מאַכן פאַר אים באַנקעטן
די פּראָגרעסיווע קולטור־קרייזן.

און דאָך, נישט איינמאָל
קומט צו אַ בייזן ווערטער־געפּעכט
וועגן רייד און מעשים ריין און גערעכט.
יאָסל שטורעמט:
פּאָליטיק טאָר נישט זיין קיין ליגן־פאַבריק.
מאָראַל — דאָס מוז זיין
אונדזער העכסטער, מענטשלעכער אידעאַל!
און חברים פון אַקטיוו
אַמפּערן און טענהן:
אַז ער, אַ פּאָעט
דאַרף נישט זיין נאַאיוו
און מיינען, אַז מען
קאָן דעם שונא איינעמען
מיט אַן איידל וואָרט, מיט אַ צאַרטן גלעט.
מען באַגלייט אים שפּעטער מיט פּאַראיבל,
למאַי ער האָט אין דעם ענין זיך געטאָן אַ גריבל.
אָבער נאָך יעדן אַזאַ איבעררייד,
דעם שווערן געראַנגל מיט זיך אַליין
טיפער און קלאָרער ער פאַרשטייט.
בענקט ער נאָך פייגען, נאָך דער היימלעכקייט
פון אייגענעם הויז, וואו ער וועט זיך
אָפּרוען פון קריג און ברויז.
אים ווילט זיך שמועסן מיטן טאַטן
ביי פייגעס שיין־געדעקטן טיש דעם זאַטן.
אָבער אין דער בענקשאַפט אַנטרינען דערווייל
דער ווינטער און די פרילינג־מאָנאַטן,
און ער מוז נאָך פאָרן האַלטן רעפעראַטן.
ער מוז נאָך גרייכן דעם ים־ברעג,
איידער ער וועט קאָנען זיך אומקערן פון וועג.
פאָרט ער טיפער אין זומערדיקן לאַנד,
און עס זויקט פון קאָרן די זאַנגען־וואַנט.
אונטער הויכע הימלען וואָס קלאָרן,
ביזן ים־ברעג ער דאַרף נאָך דערפאָרן.

פאַרט מען טעג,
און היימלעכער ווערט, אַז מען טרעפט
אַן איינזאַמע שטוב אויפן וועג.
מען פאַרט און עס זשומעט
פון טעלעגראַף דאָס דראָט.
און די רעדער איילן
צווישן שטח
פון אַנצאַליקע, באַקאַרנטע מיילן.

די „וועסט" פרוכטיק און פרעמד,
זינגט אין זיין געמיט
מיט דער זון, וואָס בלענדט
אויף די הויכע, געדיכטע זאַנגען־ווענט.
ער פרייט זיך מיט דער שפע און זעט,
און ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס
איז דאָ הונגער, און פאַרוואָס
דעם אָרעמאַן אויך דאָ מען צעטרעט.
זיינע שטימונגען מיט פייגען ער טוט זיך טיילן.
און לאַנגע בויגנס פון זיינע איבערלעבונגען
טוען איר דערציילן:
„פייגע, מיין טייער ווייב,
מיט גרויס ליבע מיין בריוו
צו דיר איך שרייב.
אַרום מיר רוישט ווי אין אַ מיל.
און אין מיין האַרץ שלאָגט
פון הייסער בענקשאַפט דאָס געפיל.
די צייט שווינדט. איך זע אָפט דיין פנים אין טרערן.
איך ווייס, איידער דו האָסט דאָס קינד,
איך וואָלט געדאַרפט צו דיר זיך אומקערן.
נישט איינמאָל, אין האַרץ די בענקשאַפט טוט אַזוי אַ ברי
אַז איך וואָלט דאָס פאַרן איבערגעריסן אינמיטן,
ווייס איך, אַז וועסט זאָגן:
אַז איך גלויב נישט, אַז פון מיין מי
וועלן אַרויסשפּראָצן נייע, יונגע בליטן.

אָבער סײַ ווי גליט פון פּײַן די וואָר.
און איך זאָג אָפן און קלאָר:
צווישן דעם נײַעם דור דעם היגן,
פריש־ערשט אויסגעטרייסלט פון די וויגן,
איז דערוויילע נישטאָ ווער,
וואָס וועגן אונדזער נעכטן זאָל טאָן א קלער,
און אין דערמאָנונג לאָזן וועגן די געפאַלענע א טרער.
אונדזער דור מיט דער פּײַן און פרייד
פון קאַמף אָנגעטרונקען, ווערט אין פאַרגעסנקייט פאַרזונקען.
עס וועט שוין באַלד נישט בלייבן ווער,
וואָס זאָל אין ליכטיקייט דערמאָנען
די קעמפער פון נאָדל און שער.
דאָך, אין די ווייטסטע ערטער
שטאַרקן און מוטיקן מיך
דײַנע געפילפולע, גלויביקע ווערטער.
איך טו פון דיר רק קלערן.
און איך פיל די ליבשאַפט
אין מײַן האַרץ טוט זיך מערן.
איך האָב אײַן טרייסט, ביסט נישט אַליין.
די מומע מיט דער מאַמען
וועלן בײַ דײַן צוקאָפּנס שטיין.
יאָ, איך ווייס דעם צער פון דײַן בענקען,
דעריבער וויל איך זאָלסט געדענקען,
אַז ווען דו וועסט דאָס קינד געבוירן,
וועט דײַן אַנגסט־געשריי
נישט ווערן פאַרלוירן;
וואָרים, כאָטש איך וועל נישט שטיין
בײַ דײַן צוקאָפּנס, וועל איך אין געדאַנק ווישן
פון דײַן פּנים די טרערן־טראָפּנס.
פייגע, מײַן טײַער ווײַב,
מיט גרויס בענקשאַפט
צו דיר איך שרײַב.
מיט יעדן טאָג מער און מערער,
ווערסט מיר נאָענטער און ליבער.

און ווען איך וואָלט באַדאַרפט,
וואָלט איך נישט בלויז, ווי יעקב אָבינו
געפּאַשעט פאַר דיר לבנס שאָף,
נאָר עס וואָלט פאַר מיר נישט געווען קיין שטראָף,
זיבן יאָר צו גראָבן גריבער.
ביסט מיין ווייב,
און איך באַגער דיין לייב.
נאָך מערער נאָך איך בענק
נאָך דעם שטערן־ליכט אין פעלד,
ווען געזונגען האָבן די פאַרמער אין דער שענק.
דאָס גראָז האָט געטויאיקט,
און דיין פּנים האָט געטרערט
ביים פעלדזנשטיין הינטער צווייגן־געצעלט.
און געדענקסטו יענעם אינדערפרי,
מיינע פיס זינקען אין טוי
ביז די קני.
איך טראָג דיך צום שיפל פאַרקייטלט
צו דער האָלצערנער בריק,
און די זון רייסט אַראָפּ פון די בערג
די נאַכטיקע שאָטן־שטריק.
עס מיניעט זיך דיין שיין־געשטאַלט.
דאָס שיפל גרייכט דאָס שטילע אינדזל
באַוואָקסן מיט יונג וואַלד.
איבערן טייך הויערט רויטער הימל־רוים.
און צווישן די שאַרפע ציין
פון אַ בליצנדיקער זעג
ווײנט דאָס לעבעדיקע לייב
פון אַ הויכן, צעצווייגטן בוים.
הינטער שאָטן פון בלעטער
באַהאַלט זיך דער וועג
אין וואַלד. דער מאָרגן שמעקט.
דאָס וואַסער שווימט און לעקט
דאָס געלע זאַמד ביים טייכן־ברעג .

די זון מיט שטראַלן־שטריק
שלעפּט די האַלצערנע בריק.
עס פאַרהוילן אונדז די גראָזן
פון דער ווייבער ערד.
דו ביסט מיין ווייב,
און דאָס מאָרגן־ליכט
טרערט אויף דיין טויאיק געזיכט.
פון דעם וועסטו דרינגען,
אַז אין בענקשאַפט
אַלע מיינע לידער
צו דיר זינגען.
איך ווייס, איינער איז אונדזער גאַנג.
דאָך שטימסטו נישט שטענדיק
מיט מיין מיינונג און געדאַנק.
אָבער דו ווייסט, אַז אין מוט
איז מיר נישט קיין מאַנגל,
כאָטש מיט זיך אַליין
איך בין אין שטענדיקן געראַנגל:
וואָר, נישט תמיד קאָנען די הימלען העלן,
זאָל זשע דיין ליבשאַפט צו מיר
שטענדיק קוועלן.
די באַן רייסט אין דער וויט.
די זון — ווי אַ גאָלדענע זעג
שניידט דיביימער אויפן וואַלדיקן וועג.
בריק און דראָטנצאָם.
דאָס וואַסער שרייט
פון טייכיקן תהום.
מיט היים ליכט פאַרגאָסן זיינען פעלדער פון קאָרן,
וואָס ווינטלען זיך אין דער שטומער ווייטקייט
און וואַרטן צו ווערן אָפּגעשאָרן.
נו, זיי מיר געזונט
און פאַרפעסטיק
מיט די ווייטסטע דורות
דעם בונד.

און שטענדיק זאָלסטו געדענקען,
אַז אין געדאַנק, אין זעל,
דאָס בענקען לייטערט
די ליבשאַפט און קוועלט.

דיין יאָסל

פייגעס בריוו

יאָסל קריגט פון פייגען אָפטע בריוו,
און אַ ליכט איז אים
איר דינע, שיינע שריפט.
אירע שורות אין אַ גלייכער ריי
טראָגן צו אים פון בענקשאַפט
דעם ליכטיקן ווײ:
יאָסל מיין טייערער מאַן.
וואו דו זאָלסט נישט זיין,
אין אַ שטאָט, צי אויף דער באַן,
זאָל מיין ליבשאַפט דיר
פאַרגרינגערן דעם פיין.
איך פריי זיך מיט דיין ארומפאָרן,
און איך האָף, אַז דו וועסט אהיימקומען,
איידער דאָס קינד וועט ווערן געבאָרן.
איך הער דיינע רעפעראַטן אַלעמען געפעלן.
איך וואוין ביי דיין טאַטן.
און מיין האַרץ אין פרייד טוט קוועלן.
דיין מאַמע האָט מורא-געהאַט מיך צו לאָזן אליין.
נו איז זייער הויז איצט מיין ווארעמע היים.
אַודאי קלאָר, איך וויל קיין צער דיר נישט מערן.
עס איז אָבער אויך וואָר, אַז זען דיך
איך טו שוין שטארק באַגערן.
יאָ, מיין טייערער מאַן,
איך קוק אָפט דורכן פענצטער פון אונדזער גאָרן,
און וואַרט, אַז מיט דער נאָענטסטער באַן
זאָלסטו קומען צופאָרן.

נאָר טאָמער קענסטו אַזוי גיך זיך נישט אומקערן,
וועל איך בענקען נאָך דיר
און לייטערן די ליבשאַפט
אין טוי פון מיינע טרערן.
פריידיקע ליכטיקייט
אין מיר זיך צינדט,
ווייל די מומע מיט דער מאַמען
וועלן זיין מיט מיר, ווען איך וועל
גיין צוקינד.
איך דערוואַרט צו ווערן אַ מאַמע אין די נאָענטסטע טעג.
זאָל אונדזער קינד זיין צו באַפרייטע דורות
די ליכטיקע בריק און די ליבשאַפט אויפן נייעם וועג,
זאָל אָנגיסן אונדזער האַרץ מיט נאָך מער גליק.
אוודאי פאַרשטיי איך
דעם טרויער פון דיינע געדאַנקען
ווען דו זעסט, ווי דיין לעבנס־שטייגער
פון שטעטל האַלט אין צאַנקען.
געפין זשע טרייסט אין דיין וואָרט
גערייניקט אין פיין פון פייער.
וואָרים שיין איז דער גורל
פון די וואָס זינגען דאָס
הייליקע קאַמפּס־געזאַנג
פאַר ליכטיקע באַפרייער.
סיי ווי, ווילסט געווים
נאָכמער וויסן, וואָס
איך טו איין־אַליין אין
דער שטאָט מיט שטיבער
פון שטייניקע געביינען.
איך בענק נאָך דעם ליכט
פון אונדזער לעבן דעם ריינעם.
און נאָך דיר בענקט
אַפילו די שוועל פון דער טיר.

און דיין מאַמע רעדט צו גאָט און בעט:
— מיין שנור איז אויף דער צייט.
רבונו של עולם, פאַרגעם זי נישט
אין אָט דער בבל-שטאָט
און דיין טאַטע טרייסט מיך:
אַז זיין תהלים-זאָגן,
וועט צו די ווייטסטע זכות-אָבות זיך דערגראָבן
און גרינג וועל איך דאָס קינד האָבן.
פון זייער געטריישאַפט, איך גיי אַרום
באַרוישט און שטום.
איך בין גערירט פון
זייער גוטסקייט וואָס
זיי טראָגן מיר אַקעגן
אַזוי תמימות׳דיק און פרום.
און די מומע וואָס קומט יעדן טאָג
מיט איר ברוך-השם, ווינטשט
מיר, אַז איך זאָל האָבן בנים צען.
אויך דיין עלטערער ברודער
איז אַן אָפטער גאַסט.
און גוטמוטיק ער שפּאַסט:
„פייגע, האָסט אַ גוט האַרץ,
און אַן איידעלע הויט.
איז וואָס זשע דאַרפסטו זיין
לינק און רויט?"
מיין טייערער, אַזוי ווי דיר געפעלט,
טראָג איך מיינע האָר
אין בלויען סטענגעלע
מיט שטערנדלעך זיבעצן צעהעלט.
דעריבער צענמאָל צענטויזנט מער
זאָלסט מיך ליבן, ווען איך וועל
דיר געבוירן אַ קינד.
יאָ, איך מיין, דיין ברודער איז גערעכט:
אַז מיר זאָלן שטענדיק וואוינען
מיט די עלטערן צוזאַמען, וועט מען

פעסטער האלטן די היימישע שטאמען.
דעם בריוו קושט אין בענקשאפט
מיין טרער. מיר איז גוט,
וואס שטענדיק מיין הארץ
פון דיר קלערט.
זיי געזונט
זאל פרייד
שטארקן פון ליבע אונזער בונד.
דיין פייגע.

דער חלום פון גרויל

שטיבער פארשפארט מיט נאכט
שטומען און בלאסן אין די לבנהדיקע גאסן
פארבונדן מיט זילבערנע שאטן-פאסן.

אין צימער פון האטעל
די שטילקייט פארוויגט
טיש און שטול,
פענצטער און שוועל.
יאסל פארשטייט נישט דעם צארן פון רעכטן צד,
ווען זיינע אויגן לויפן אויפן יידישן בלאט.
וואו עס איז געדרוקט א באריכט
וועגן זיין רעדע און געדיכט
אויף א פאראייניקטער-פראנט פארזאמלונג.
מען זידלט אים און מען זאגט:
זיין ליד איז חוצפהדיקע שטאמלונג,
זיין רעדע איז פראזעאלאגיש און פוסט,
און אזא דיכטער איז פאר דער יידישער ליטעראטור
קיין שום פארלוסט.
אמת, דער יאסל קופער איז אפילו א דיכטער מיט טאלאנט,
נאר ווייל ער האט אין קאמוניסטישן וואגן
זיך איינגעשפאנט, וועט זיין דיכטונג
נישט האבן קיין שום באדייטונג.

— אזוי פסקנט די טאָג־צייטונג.
יאָסל טראַכט: דאָס זייַנען צבועקישע ליטעראַטור־היטער,
וואָס ציען לייכט די ווערטער און ווילן שלאָגן
אַ קעגנער מיטן פייער פון ברענענדיקע ריטער.
נו, וואָס ווייסטו אַ פלאַכער זשורנאַליסט?
ער כאַפּט אַ בינטל ליידיקע ווערטער
און וואַרפט אין פּנים אַ הויפן מיסט.
יאָסל שטאַרקט זיך דעם טרויער צו פאַרטרייבן.
ער נעמט די פעדער פייגען אַ בריוו צו שרייבן.
נאָר פאַר אים שטייט גאָר דאָס שטעטל
אין ערשטן וועלט־קריג, און ווידער הערט ער
דעם געהילך פון האַרמאַטן־רעדער,
וואָס קייקלען זיך אויף דער בריק.
און פון זייַנע איבערלעבונגען ווייטיקדיק און רוי,
ער שרייבט צו איר ביזן מאָרגנגרוי:
פייגע טייערע:
מיר איז ליב יענער טאָג
וואָס טרייסט און האָפן טראָגט.
און פריילעך מאַכט מיך דיין בריוו,
וואָס איך טרעף יעדן פאַרנאַכט.
איך רעד אָפט אויף אַנטי־פאַשיסטישע פאַרזאַמלונגען,
אויף וועלכע איך זאָג: אַז צוליב די איצטיקע וואַקלדיקע
האַנדלונגען פון די גרויסמאַכטן, וועלן די נאַצי־מערדער
אונדז באַפאַלן און מירן דאַרפן פירן
מיט זיי בלוטיקע שלאַכטן.
און וואָלטן די דעמאָקראַטיעס באַצייטנס זיך אָפּגעקערט
פון די וועגן די קרומע,
וואָלט מען געקענט אויסמיידן אַ מלחמה.
וואָרים מען טאָר היטלערן
מער נישט לאָזן אומגעשטערט שפּרייזן.
ער וועט חרוב־מאַכן פיל לענדער,
און זיינע מאָרד־אַרמייען
ווי אין שטייגן פון אייזן.

קומט ארויס דאס באלעבאטישע, יידישע בלאט
און זאגט: אז די לינקע זיינען בכלל א פסולער צד.
און אז זיי טרייבן אומישנע איבער די מלחמה-געפאר,
און שרעקן מיט חרובע שטעט און הונגעריקע שטיבער,
כדי צו מאכן פראפאגאנדע און קאנען פירן
צווישן יידישן עולם די גרענדע.
און דאס פארשאפט מיר פיל צער.
ווייל מיט אזא העצע, דער וועג
צו אייניקייט ווערט פארשפארט.
ווער-זשע וועט היטלערס מארש פארהאלטן,
אז די וועלט פון שנאה איז צעשפאלטן?
און מיר חלומט זיך אפט, אז היטלער
ווארפט שוין באמבעס מעבר-לים;
און מענטשן שרייען פון שטיבער
וואס קראכן אין פלאם.
די נאצים אטאקירן אונדזער שטאט.
מיר לויפן. אבער אונדזערע פיס זיינען פארפלאנטערט
אין נעצן פון צעריסענעם דראט.
איז טייערע, ווי אזוי מאכט מען מענטשן גלייבן,
אז נישט מיר איבערטרייבן,
נאר אז היטלער גליט
זיין פייער-שפיז,
און פון דעם הילך פון זיינע נאציסטישע טריט
וועט א האלבע וועלט ווערן פארוויסט.
און פאר יידן וועט נישט זיין קיין אנטרינען.
מיר וועלן פאלן אין זייערע רוצחישע הענט,
ווי פליגן אין דער נעץ פון שפינען.
מיין איינציקער אנשפאר,
וואס אין פיל לענדער
קעמפט מען קעגן דער געפאר.
און כאטש די מלחמה הויערט שוין ביי די שוועלן,
קאן מען פאראייניקטערהייט דאס אומגליק נאך אפשטעלן.
יא, איך בין גליקלעך וואס דו ביסט מיין ווייב.

שטאַרקונג און פרייד ברענגט מיר דאָס קינד
וואָס צאַפּלט שוין אין דיין לייב.
זיי זשע מיר געזונט
און לאָמיר טייער און הייליק האַלטן
פון ליבע אונדזער שטאַרקן בונד.
דיין בענקענדיקער יאָסל.

דער מאָרגן צערייסט דעם נאַכטיקן שלייער.
די זון בלענדט. יאָסל זעט הימל־ווענט
פאַרגאָסן מיט פייער.

דאָס ליד צום טאַטן

יאָסלען פירט די באַן אַוועק פון אַ שטאָט,
וואָס בלענדט פון ווייט מיט עלעקטרישע לאָמפּן
פאַרצויגן אויף גראָבע בייטשן פון דראָט.
אים דאַכט, פון אַ בעט אין שפּיטאָל
טראָגט זיך צו אים דער ווייטיק
פון פייגעס רופנדיק קול.
די טרויערן אין אים נאָגן.
און ער דערזעט דעם טאַטנס געשטאַלט,
וואָס מיט זיין פרומען תהילים־זאָגן
ער וויל אויפברעכן פון רחמים דעם קוואַל.
און מיט וואָרט געלייטערט אין ליד
צום טאַטן אין בענקשאַפט ער פליט:

א

„ביסט דער זעלבער, גוטער טאַטע
פון דער אַלטער היים.
עלטער, גרויער נאָר,
פון יסורים לויטער דיינע יאָר.

מילדקייט פון דיין אויג,
פאַלט אויף דיין געפּייניקטן זון.
שטרעק אויס די האַנט,
רוען לאָז זי אויף מיין קאָפּ,
איידער מיין צעבראָכענער גוף,
זינקט אין גרוב אַראָפּ.
יונג בין איך, די יאָר אין טויאיקן בלי.
נאָר מיין גאַנג, שטרויכלענדיק, לאַנג.
דאָס וואַלד־געצווייג האָט מיין לייב פאַרוואונדיקט,
אין וויסטער איינזאַמקייט וואַרעמט מאָכיקער שטיין.
אין זאַמד־שטורעם:
אַ נאַקעטער בוים — אַ לויכטנדיקער פאַקל.
אַ ווייטע שיין — אַ פלאַקערדיקער אָרעם.
הויערנדיקער פעלדז — אַ שויץ־וואַנט
אין וויסטן לאַנד.

זאַמד־שטורעם פאַרזיניקט לעצטן פאַקל.
מיין טראָט האַקט פאַראויס,
דאָס האַרץ פול מיט ברויז,
נישט שרעק און נישט וואַקל.
ווייל יונג בין איך, די יאָר אין טויאיקן בלי.
אין מוט, אין בענקענדיקן בלוט,
לויכט דער איינציק־ערשטער מאָרגנפרי.

טאַטע,
מיין גאַנג, שטרויכלענדיק, לאַנג.
דער טאָל — אַ תהום. אין דאָרן דאָס באַרגלאַנד.
ליכטיקע שטערן־אויגן,
פירן נישט ביי סכנה־ברעגן.
און נאָך־אַלץ איך זוך
אין הימל — אין בלוי זיידענעם טוך,
אַ שיין פאַרן טראָט,
צו שפּרייזן צווישן דערנער־דראָט — — — — — — — — — — — — — — —

װעלן פֿאַרקלאַמערן הונדערטער מיליאָנען מענטשן!
ליכטיק־זשע אויף מיר, טאַטע.
דײַן נאָענט־זײַן
מאַכט מיר זעעװדיק, מילד.
און װי אַ קינד,
לױטער, רײן,
קלאָרט די פֿרײד
אין מײַן געבײן.
דו ביסט שטאַם.
דײַן עבר — טיפֿער ים.
דײַן ליבשאַפֿט אין לױטערקײט רינט.
דײַן װאָרט גוטסקײט שפּינט.
דער גלױבן פֿון דורות
אין דיר קװאַלט.
דײַן לעבן װאונדער באַהאַלט:
אין פֿינצטערסטן שפּאַלט,
ליכטיקײט פֿאַלט.

און כאָטש אונדזער פֿײַגען־װעג
איז באַזונדער —
איז בלוט און ליבשאַפֿט — אַ בינדנדיקע שטריק.
דײַן גרונט — דער װײַטער צוריק.
איך רײַס זיך פֿאַראױס,
איך װיל צו ליכטיקײט אַרױס.

דײַן קול רואיקט מיך אײַן.
בײַ דײַן האַנט, איך בין ייִנגעלע קלײן.
דאָס פֿינגערל אין מױל און איך זינג מיר, זינגל,
װידער גרױסע אותיות פֿון סדור.
דער מלמד װעט דיך נישט שלאָגן.
מיר אַלײן װעסטו נאָכזאָגן:
אַ ייִד דאַרף זײַן מיטן האַרץ רײן.
דאָס איבעריקע קומען װעט אַלײן.
אין זכות פֿון מײַנע הײליקע זײדעס,
זײ גרײט צו טראָגן דאָס לעבן אויף פֿלאַקערדיקע עקדות —

ב

די פייער-שטראָמען
אויפן טייך באַגינען,
בין איך מיטגעשוואומען:
אין טוי דאָס גרין,
גלעטנדיק און דין.
דער שאָטן ציט זיך גלייך.
דאָס וואַסער ציטערט אין טייך.

דאָס בלעטער-קרויט שאַרכט.
שמאָלער שטעג האָרכט.

פערד — הירזשענדיקער לאַך
אויף גראָזן-בערג.

אויף זאַמדיקן שליאַך
די שטילקייט שלייכט.

די פייער-שטראָמען בלענדן.
באַגינען ברענט ביי די ראַנדן.

און מיין האַרץ פלאַטערט:
דיין ניגון טוט זיך וויגן.
די גראָזן בייגן זיך און בייגן.

און אָט — איך דערזע חנה ווּעשערין פאַרמאַטערט,
שלעפּט מיט בלויע הענט אַן אויפגעבלאָזענע ציך.
די אויגן — ברענענדיקע לייד.
דאָס פּנים — ווייסער קרייד.
און איך פאַרשעם זיך פאַר מיין קינדערישער פרייד,
אַ טרויעריקער לויף איך גיך, גיך,
און בלייב שטיין אין סאַזשע-קיך.
ווידער ביסטו געווען.

איך האָב דיך דערזען:
דיין אומעטיק תהלים־זאָגן
האָט טיף גערירט,
און מיך צו אייגן
אָרעם, בלאָטע־געסל געפירט.

פון דעמאָלט — אין צער מיין גאַנג.
פון באַוולהטער אָרעם גאַס מיין קלאַנג —

אודאי — נישט אַזוי האָסטו געמיינט.
איך קעמף אויפגעצאָרנט־גערעכט אין ראַנגלענדיקן היינט.
ליכטיק־אַנדערש דער מאָרגן פאַר מיר שיינט — — — — — — — — — — — — —

ג

דיין וויטיק ברענט
אין לבנה נעכט.
פון צער — דיין פנים ווייסער.
דאָס ליכטל שווינדלט אויף גמרא־בלאַט.
דער ניגון, דער שטילער — לעשנדיק געוויין
אין דער בענקשאַפט, דער הייסער.
ירושה־הויז געוואָרן איז תפיסה־גראַט.

און איך אויף קראַנקן בעט,
אויסגענאַגט מאַט,
בין מיט דיר געווען.
אין דיין צער געווען אַ צד.
עס האָט פרייד נישט געליכטיקט אין מיר.
זון און רו האָט נישט געמאַכט זאַט.

די זון האָט זיך געזעצט.
גרויע שאָטן־ווענט
האָבן דעם טאָג פאַרלענדט.

און איך האָב נאָך דיין וואָרט געלעכצט.
מיין גוף אין ווייטיק האָט געקרעצט —

און דורך נאַכט, אויף וויסטן וועג,
אַהיים, אַליין, צו דיר זיך געשלעפּט.
נאָר אַלעמאָל געפאַלן ביי דער לאַנגער בריק.
אַ גאַנצן טאָג דורכגעפיבערט אויף צוריק.
דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: דער פּאָעט האָט גליק! —

ד

טאַטע וויים,
דאָס לעבן אויף מיר בייטשט.
און ווי ביי אַ גרייז — איז יעדע שעה,
אַ ליכטיקע טייטש.
כאָטש סעדער האָב איך נישט געהיט,
אין מיר די פרייד, ווי אויף בוים בליט.

וואָר — נישט תמיד גערעכט.
צענמאָל וואָרער אָרום ברויזט דאָס שלעכט.

מען טריפט אין מיר האָס און סם.
איך וועל אַריבער דעם ברויזיקן ים.
מיין טאָג אַנקערט אויף יענעם ברעג.
עס גרינט דער וועג ביי יענעם עק.
זון וואָרפט אויף האלדז פון בוים — אַ שטראַלן צוים.
די רו נעמט אָרום — אַ סאַמעט זוים.

איז ליכטיק זשע מיר אויף טאַטע.
דאָס מילד-ווייך קוקן,
וועט דעם טרויער-שרעק פאַריאָגן.
פיינט האָב איך די רייכע, זאַטע.
די באַעולהטע און אָרעמע,
זיי מיין וואָרט וויל איך זאָגן.

הילף און שטאַרקייט פאַר מיר זיי טראָגן.
און אין זכות פון מיינע קעמפנדיקע חברים,
יונג אין מוט, גלויביק ווי די זיידעס,
בין איך גרייט צוטראָגן מיין לעבן
אויף פלאַקערדיקע עקדות — — — ״.

דאָס פייער פון לאָקאָמאָטיוו שווימט אויף אַ וואַסער־שטראָם.
יאָסל ווייסט, אַז ווייטקייט
איז פאַר בענקשאַפט נישט קיין צאַם.
די ווערטער אין גלי פון לויטערן ליכט
צעהעלן דעם טאַטנס פרום, בעטנדיק געזיכט.

די באַן יאָמערט אריין אין דער נאַכט,
ווי זי וואָלט אין לויף פאַרלוירן דעם שליאַך.
יאָסלס אויגן מיטן חושכדיקן דרויסן זיך שלאָגן.
אים דאַכט זיך, ער הערט דער מאַמען זאָגן:
פייגע איז חס וחלילה נישט אַליין.
דעם טאַטנס תהילים
וועט מיט גאָטס הילף איר ביישטיין.

אין יאָסלס האַרץ די פרייד גליט.
אויף די שוועבנדיקע אָרעמס פון דער בענקשאַפט
צו פייגען ער פליט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער העלדנטויט פון טאַטואַי

א

אין דער נאַכט דער שפּעטער זיצט יאָסל פאַרטיפט
אין אַלט־געדרוקטע בלעטער, וואו פאַרשריבן
זיינען העלדנגעשיכטן פון אינדיאַנער,

ווען די שפאניער מיט ביקס, שפיז און שווערד
האבן זיי פארטריבן פון זייער לאנד,
וואו עס גראזט א גאנץ יאר די ערד.

אין צווייטן האטעל-צימער לוסטיקן מעלאדיען
וואס שפארן זיך פון מויל פון הארמאניק.
און יאסל אין געדאנק טראגט זיך
צום ווייטן טאל, צום אינדיאנער שבט
פון בראַון שטאם, וואס ווענן אים
דערציילט די כראניק, אז פארשטיקט
איז געווארן זיין קול דורך די שפאניער
אנגעשוואומען מיט מארד-שיפן פון עבר-לים.

ב

טאטואי מיטן הויכן דורכגעזוניקטן, ברוינעם געביין,
מיט די ברענענדיקע אויגן און בלאנקע ציין,
פאר דעם גייסט דעם גאט
ער פאלט אויף די קני יעדן אינדערפרי,
און לויבט זיין חסדיק געוועלטן.
און פאר דעם פרידנרו, וואס נידערט
אין טאל אויף די אינדיאנער געצעלטן.

דער עלצטער טאטואי איז א פאטער קלוג און שטרענג,
וואס האט פארטריבן פון ארום די שונאים —
די בייסנדיקע, גיפטיקע שלענג.
ער איז א געוועלטער א גוטער פון זיין שבט
אין וואלדיקן לאנד מיט די הויכע, מעכטיקע בערג
וואס זייערע שפיצן פארשטעכן דעם ליכטיקן הימל-ראנד.

אינדיאנער פרידלעכע יעגער.
מיט פרייד געזאנג זיי גייען יעדן פרימארגן
אויף לויער, אויף פאנג.
טאטואי אין קאלירטן סאק,

מיט פייל און בויגן און שטיינערנער האַק,
ביים אויפגיין פון דער זון
שטייט אויפן באַרג־שפּיץ
און בעט ביים גייסט דעם גאָט:
אַז דאָ אויפן שלוהדיקן וועג
זאָל זיין שבט קיינמאָל נישט דאַרפן מער
הויבן די געשאַרפטע העק,
און דאָס מעסער־שווערד
צו באַשיצן די דאָזיקע ליבע ערד.
און אָט איז אַ פרימאָרגן :
און טאַטואַי אויפן באַרג־שפּיץ
שטייט פאַרקוקט צום טייך
פון זונען צעבליצט.
טאַטואַי פון גאַנצן שבט דער בראַווסטער מאַן,
וואָס זיין לייב פון שטראַלן־רויט גלאַנצט,
ווי דאָס קופּער פון אַ פינקלדיקער פאַן,
דאַנקט, ווי תמיד, פאַר דער זון
און איר ליכטיקן אויפגאַנג.
צום יאַגד אין דער גרינער,
וואַלדיקער נידער גרייטן זיך
די רויט־הויטיקע ברידער.
און אָט דערזעט טאַטואַי אויפן וואַסער
גרויסע שיפן, שווער באַלאָדן
וואָס גליטשן זיך צו באַרגיקן באָדן.
דער טייך כוואַליעט זיך,
און שוימעדיקע וואַסערן שווימען.
מענטשן מיט קאַלך־פּנימער
ציען לאַנגע בלישטשענדיקע מעסערס,
פון אַ שייד, וואָס הענגט אויף אַ רימען.
די זון צינדט זיך אויף די שפּיצן פון זייערע שפּיזן,
די מענטשן אָנגעטאָן אין היטלען פון אייזנס
זעען אויס, ווי די ריזן.
אַ דערשראָקענער לויפט טאַטואַי
צו די ברידער, וואָס וואַרטן

אויף אים אין דער גרינער נידער.
דער מאָרגן אין זוניקן העל.
זיינע פינגער רוישן
אויף דער פויק פון פעל,
און רופן די יעגער זיך
אויסצושטעלן פאַר זיין אויג.
טאַטואַי שטאַרקט זיך און זאָגט
אַזוי: פון די ווייטע טייכן
מעכטיקע שיפן צו אונדזערע ברעגן שלייכן.
מיט קאַלך פאַרשמירט זיינען
די מענטשן־געזיכטער.
אין זייערע אויגן ברענען
פון מלחמה־טייוול די מאָרד־ליכטער.
איז קינדער פון מיין שטאַם,
אונדזער מוט וועט פאַר
זייער גאַנג זיין אַ צאַם.
מיר טאָרן אָבער נישט גלייך
מיט פיילן זיי באַוואַרפן.
פריער פרידלעך מיט וואַסער,
אויסגעבראָטן פלייש, מיר
דאַרפן זיי באַגעגענען
ביים ברעג פון טייך.
און ער שיקט דריי מענער
מיט וואַסער און שפּייז
צו די מענטשן מיט
די פּנימער ווי קאַלך וויים.
מיט ווערטער גוטע, פריינטלעך און אָפן
זיי ברענגען די מתנה צו די ווייסע
געזיכטער אָנגעגורט מיט וואָפן.
ברומען מיט אַ שפּאַטיש געלעכטער
די שפּאַנישע קריגער:
נישט פלייש און וואַסער,
נאָר אייערע שיינע טעכטער
ברענגט צו די זיגער.

און דריי שפּיזן בויערן זיך
אַריין אין לייב פון די
דריי בראַווע אינדיאַנער,
און עס הילכט דאָס רציחהדיק
געלעכטער פון די באַוואָפנטע שפּאַניער.

טאַטואַי און אַלע בראַווע פון זיין שבט
ווייסן שוין איצט, אַז
די מענטשן מיט די פנימער
ווייסע, קומען צו זייערע
ברעגן מיט מלחמה־בלוט
דעם צאָרנדיקן און הייסן.
און פינגער שטאַרקע און פלינקע
ציטערן און רוישן אויף די פעלן פון
די פויקן, און רופן צו גיין
אין מלחמה־געשלעג און פאַרצאַמען
פאַר די ווייסע געזיכטער
דעם וועג פון די וואַסער־שטראָמען.
די שפּאַניער שפּרינגען
אויף גרינעם ערד־פּאַס.
שווערד און שפּיז קלינגען,
און עס בליצט אין זייערע
אויגן פון מערדער דער האַס.
ביקסן קנאַלן.
געשרייען, קריגס־שאַלן.
ביימער און געצעלטן ברענען
ווי טרוקענע שפּענער.
אין טיף פון טאָל ליגן טויט
פון טאַטואַיס שבט
די בראַווסטע מענער.

טאַטואַי, אַ פאַרגאַסענער מיט בלוט,
גליווערט אין טויאיקן גראָז,
און שטאַרט מיט אָפענעם פנים
צום בלוי פון הימל-גלאָז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שבת צונאַכטס. אַקעגנאיבער אין הויף
אַ פאַרקייטלטער הונט וואַיעט אין אַ בודע.
אין צווייטן האָטעל-צימער איז רוישיק און פריילעך,
מען פראַוועט אַ שכורע סעודה.
טאַנץ-מעלאָדיען ציט עמעצער אויף אַ האַרמאָניק.
יאָסל פאַרצייכנט פון דעם אינדיאַנער שבט די כראָניק.
אים דאַכט זיך אוים: אַז ער זעט גאַר היטלעריסטן
באַשטאָלטע מיט וואָפן, וואָס
פאַר זיי זיינען אַלע גרענעצן אומבאַשיצט און אָפן.
אין היטלערס בלוטיקער האַנט פעלקער פאַרקנוילט.
די אומות שרעקן זיך טאָמער שליידערט ער
אין הארץ פון איראָפּע זיין געלאָדענע קויל.

און אים דוכט:
שאָטנס פון נאַציסשע מונדירן קלאַפּן
מיט די פויסטן אין די נאַכטיקע טירן.
שווערדן, שפּיזן, העק.
יידן מיט אָנגעפּאַקטע זעק,
יידן פון גאַנצן איראָפּעאישן קאָנטינענט
פאַרקלעמט הינטער געטאָ-ווענט.
יידן האָבן אַפילו נישט קיין שטעקן, קיין שטאַנג
צו ראַנגלען זיך, ווען די נאַצים וועלן אָנהויבן
אויף זיי דאָס מאָרד-געיעג.

אין דער נאַכט שטערנדיק און שטום
רינגלט דער שווידער אים אָרום.

גאַסן זילבערדיק און לער.
אויף זיין פּנים גליטשט זיך
פון פיין די ברענענדיקע טרער.

די גוטע בשורה

יאָסל קאָן נאָכנישט פאַרן אַ היים.
אין אייגענעם, נייעם בנין
רחבותדיק און שיין,
אַן אָפּשייד־אָוונט
פאַר אים איז געגרייט.

אין זאַל, אין רויכיקן געוועב
טראָגט זיך צו אים די פרייד
פון יונג־באַגייסטערטע קעפּ.

די רעדנער לויבן זיין שרייבן,
אָבער האָבן טענות פאַרוואָס
ער וויל דעם טרויער נישט פאַרטרייבן.
די רעדנער רעדן און רימען:
אַז ער האָט לידער וואו עס שלאָגט זיך
דורך דער וויי־געשריי פון צאָרנדיקע אַרבעטער־שטימען.
און אויב ער וויל די אַרבעטער זאָלן אים אמתדיק,
ליבן און אַכטן, וועט ער מוזן
אין פּאָליטישע טערמינען מער טראַכטן.

יאָסל ענטפערט: איך דאַנק אייך פאַרן צוטרוי און לויב.
און איך, וואָס האָב ליב אין פרימאָרגן
דעם בלישטשענדיקן טוי און אויפן וועג
דעם רויך פון שטויב, האָב איין ענטפער:
איך בין געווען און איך בין און איך וועל
תמיד זיין קעגן אומרעכט אַ קעמפער.

אָבער די בענקשאַפטן וואָס טרוימען,
טאָר קיינער נישט צוימען.
דעריבער פאָדערט נישט צו שרייבן
אין פּאָליטישע טערמינען.
צום האַרץ פון פאָלק
וועט דאָס מאָנענדיקע ליד זיין
אייגן וועג געפינען.
לאָמיר דאָ נישט אַריין אין אַ געקריג.
בעסער לאָמיר אינאיינעם קעמפן
קעגן דעם וואָס אונטערדריקט.

דער אָוונט איז פייערלעך און שיין.
דאַרפן מיר פרידלעך און חבריש
קאָנען גיין צוזאַמען אַהיים.
דערנאָך ביז שפּעט אין אַ היימישער מסיבה,
ער פאַרזיצט זיך אין אַ קאַפעטעריע
מיט די חברים די ליבע.
יאָסל זאָגט: נישט איטלעכער פאַרשטייט,
אַז די אָקטאָבער רעוואָלוציע איז אַ מיסטעריע,
וואָס דורות וועלן זוכן צו איר אַ באַשייד.

מען רעדט און מען זינגט.
דער אויסגעשטערנטער דרויסן אין זיינע זילבערנע שאָטנס
די האַרציקע פאָלקס-מעלאָדיען פאַרשלינגט.
אין דער קאַפעטעריע דער גרויסער, ווייסער לאָמפּ
וויגט זיך און בלענדט.
יאָסל פאַרגעסט די פרעמד.
יעדער חבר וואָס נאָדלט און נייט
איז אים אַזוי נאָענט,
ווי אין האַרצן די שטילע פרייד.

אין באַגין שפּאַנט מיט אים די שטילקייט
דורך גאַסן וואָס חלומען און בלאַסן.

דער מאָרגנשטערן אין גאָלדענעם צאַנק
ציטערט און צינדט אָן אין זיין האַרץ
די פרייד פון געזאַנג.
פון אָפענעם מאַרק דעם גרויסן
שפּאַרט אַ שאַרפער ווינט
און שלאָגט מיט די קאַלטע פויסטן די מויערן־ווענט,
וואָס הויערן אין נאַקעטן דרויסן.
איבערן שטאָט קייקלט זיך
פון קלויסטער־גלאָק דער קלאַנג.
יאָסל שיקט פייגען אַ בריוועלע אין געדאַנק:
„פון ליבע דאָס גנאָד פריידיקט אין מיין וואָר.
צו דיר זיינען געהייליקט אַלע מיינע יאָר”.
אַזוי דערגרייכט ער דעם צימער פון האָטעל.
דעם טאַטנס בריוו אין קליינער, געדיכטער שריפט
בלויט צו אים ביי דער שוועל.
יאָסלס אויגן לויפן
אויף ברייטן, לאַנגן פּאַפּיר־בויגן:
„לבני היקר יאָסל נרו יאיר.
היה בקר בהיר.
עס איז געווען אַ ליכטיקער פאַרטאָג
און די מאַמע האָט די טייערע בשורה
דורכן טעלעפאָן מיר אָנגעזאָגט:
אַז זוגתך פייגע שתחיה האָט מיט מזל
געבוירן אַ יינגל.
און היות זי האָט נישט קיין שום צירונג,
האָבן מיר, כפי יכלתנו, איר געקויפט
אַ האַנט־זייגערל מיט אַ גאָלדענעם רינגל.
זי האָט ברוך־השם געהאַט אַ גרינג האָבן.
נאָר צו זוגתך פאַרבענקט האַרץ
איז זיך שווער צו דערגראָבן.
וואָרים זי האַלט אין איין זאָגן:
איך בין גליקלעך, וואָס אין דער ווייטער פרעמד
טוט יאָסל די בענקשאַפט צו מיר
אין פאַרליבטן האַרץ טראָגן.

איך ווייס אין פּיין פון זיין געראַנגל
זיינען פיל סיבות שולדיק.
דעריבער איז די ליבע פאַרגיביק און געדולדיק.
און זיין פאַרן אין דער „וועסט"
וועט געווים אים באַגייסטערן
צו אַ גרויסן, דיכטערישן פאַרמעסט.
און איצטער, אַז איך בין די מאַמע פון זיין קינד,
וועט ער צענטוויזנט מאָל מער
מיך ליב האָבן אַצינד.
און די מאַמע קוועלט פון אירע רייד.
יעדן טאָג אין שפּיטאָל צו איר זי גייט.
סיי ווי שקר החן והבל היופי —
דיין פּייגע איז אַ מענטש ערלעך און גאַנץ.
אין אירע אויגן לויטערט זיך די ליבשאַפט
אין שטילן, הייליקן גלאַנץ.

זוגתך, וואָס איר ליבשאַפט טוט דיך באַגערן,
זאָלסטו מער קיין צער נישט מערן.
זאָלסט מער נישט פאַרזוימען.
עס טאָרן דיך נישט פאַרהאַלטן
אַפילו אייזערנע צוימען.
איז מזל טוב!
קויף בראַנפן אַ גאַנצן שטאָף.
און נאָך פון וואָס די מאַמע פון דיין פּייגען קוועלט,
ווייל זי באַראַט זיך מיט איר
איידער עפּעס פאַר זיך און פאַרן קינד זי באַשטעלט.
יאָ, מיין זון וואָס האָסט ליב נע־ונד.
איך לייען דיינע שירים אין אַרבעטער־בלאַט.
איך פרייַ זיך, וואָס ביסט פון יידישן תחום נישט אַרויס.
דיין ליד „טאַטע" איז איידל,
און אין ליבשאַפט פרום און גרויס.
ואודות הגעגועים העזים הנובעים מהחרוזים
איז עס גאָטס חסד פון דער פרייד,
וואָס וואַרעמט זיך אין מיין בוזעם.

אהבת־אָב לבני חרותה על לוח לבבי —
דעריבער דרינגען דיינע ווערטער אין מיר אריין
אין שטילן, ליכטיקן גלי.
נו, מיין האַרץ איז אויך נישט פון שטיין.
מיר איז אומעטיק די לעצטע פּאָר מאָנאַטן.
איז קער זיך בקרוב אום אַהיים,
און דערפריי דאָס האַרץ פון בענקענדיקן טאַטן.
אָביך אברהם שו״ב

וואָס האָט ברוך השם די וואָך
פאַר די שיפסקאַרטן באַצאָלט דעם חוב״.

יאָסל ענטפערט דעם טאַטן,
אַז ער דאַרף שוין מערנישט אַרומפאָרן
איבערן לאַנד מיט רעפּעראַטן.
צען טעג וועט דער וועג דויערן,
און אַן אויסגעבענקטער וועט
ער עפענען די טיר
פון דער נידעריקער, היימישער שטוב,
וואָס שטייט פאַרשטופּט
צווישן שטאַלן און מויערן.
און פייגען שרייבט ער צום לעצטן מאָל:
„דאָס האַרץ ביי מיר איז נישט פון שטאָל,
איך בין מודה, איך בין סענטימענטאַל
און די בענקשאַפט לייטערט זיך
אין הייסן טרערן־קוואַל״.
און ער שיקט איר אַ ליד
פון דער ליבע וואָס
טרוימט אין זיין געמיט:
„נישטאָ אַזאַ בלענדנדיקע פאַרב
דאָס בילד פון דיין פנים אויסצומאָלן,
ווען אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן
ביסט מיט מיר געגאַנגען
אין די שטילע, טוויאיקע טאָלן.

עס קאָן מיין האַרץ
אַזאַ טיף וואָרט נישט געפינען,
דיין בענקענדיק געשטאַלט זאָל אויפלויכטן
ווי אין יענעם אַסיענדיקן וואַלד
ביים קוועלנדיקן ברונעם.

נישטאָ אין ליד אַזאַ ציטערדיקער קלאַנג
צו זינגען דאָס הייליקע געזאַנג
פון דער ריינסטער פרייד, וואָס
האָט געצאַפּלט אין יעדן פאַלד פון דיין קלייד,
ווען דער פאַרנאַכט האָט אויפן שליאַך
געשאָטנט אין שטילער פרייד,
און איך האָב געבענטשט
דעם שאָרך פון דיינע שטילע טריט".

דער פאַרדרימלטער אינדערפרי
שמעקט מיט בלומען-געבלי.
יאָסל שיקט מיט לופט-פּאָסט דאָס ליד,
און אַליין שפּרייזט ער צו דער באַן
מיט אַ פריילעך געמיט.

יאָסל פאָרט אַהיים

אין טאָלן, שטיבער פאַרצויגן
מיט הילצערנע צאַמען.

בערג צו די הויכן
זיך שפּיצן.
וואַסערן אין ברייטע טייכן
שטראָמען און בליצן.
ברויטיקע ווייטן העלן.

די באַן קריכט דורך בייכיקע בערג,
זוכט די זון אין פינצטערע טונעלן.
און אויגן דערפרייען זיך מיט
דער שטילקייט, מיטן טאָגיקן ליכט,
ווען די באַן איילט ווידער
צווישן קאָרן הויך און געדיכט.

אַ הירש אין שרעק
לויפט איבערן וועג.

אַ בער מיט אַ שוואַרצער, האָריקער פעל,
כמוריק, אַלט, ליגט
ביי דער זוניקער שוועל
פון פאַרמאַכיקטן וואַלד.

עס אומעטיקט פון קי דער מרוק.
אַ פאַסטעך-ייִנגל טראָגט וואַסער
אין אַ בייכיקער, וואַסער-קרוג.

אַ שטיבל פון שטיין
איינזאַמט איין-אַליין
אין פעלד.
און דאָס רויטע קוימענדל גאַפעט
צו דער ליידיקער שטילער וועלט.

יאָסל דערמאַנט זיך אין ר׳ העַנעכס
נישט-געעפנטן בריוו, ווי אין אַ טייער געשאַנק.

ער לייענט. און פול מיט פרייד איז דאָס געפיל.
זיינע ווערטער אין אַלטן סטיל
ברענגען צו אים פון ווייטע דורות
דעם פרומען, בטחונדיקן קלאַנג:

„לידידי היקר הסופר הנפלאָ, משורר בחסד עליון
מר ר׳ יאָסל קופער נ״י:—
מכתבך קבלתי ושמחתי עליו מאד,
ווייל פון דיין האַרץ שלאָגט גרויס רחמנות
צו מענטשן פון נויט.
דיינע שירים זיינען געשריבן מיט גרויס הרגשה.

איז זאָל דיך נישט אַרן שטעכיקע רייד פון דעם עזות־פּנים דעם רשע.
דער רעכטער צד זידלט דיך אָפּט
אין זייער „טאָגבלאַט‟.
נו, נעם זיך נישט צום האַרצן,
זייער שמירן, זייער שוואַרצן.
מען קאָן קיינעמס נייעם דרך
נישט פאַרשפּאַרן מיט שנאה־בראַנד.

יאָ, מאָל דעם מענטש און מאָל.
אפשר וועסטו אַרויסשלעפּן
די נשמה פון דער האַרטער שאָל.
נו, מזל טוב דיר.
זוגתך שיין און לייטיש
זיך פירט. פאַר דיינע עלטערן האָט זי גרויס רעספּעקט.
איר גוט האַרץ דורכדעם זי אַנטפּלעקט.
זוגתך, מרת פייגע שתחיה. מוז איך דיר זאָגן,
איז שענער נאָך געווען אין טראָגן.
און מיין שרה לאה קוועלט וואָס דיין מאַמע
יאַריך ד׳ שנותיה,
האָט ביי פייגען אויך אַ דעה.
איין זאַך, איר לינקן עולם טאָר מען
מיט קיין וואָרט נישט טאָן אַ באַריר.
באַלד ווערט זי בייז און זאָגט:
אַז יעדער שונא פון פּראָגרעס
אין שיינע פּראַזן זיך צירט.
פאַנאַטיש איז איר גייסט פון אַ קאָמוניסט.
איך מוז אָבער צוגעבן, אַז זי קעמפט
קעגן אויסבראָך פון מלחמה וואָס אַ האַלבע וועלט
קאָן, חס וחלילה, ווערן פון איר חרוב־וויסט.
און דיין טאַטע זאָל מאַריך־ימים זיין לערנט יומם ולילה.
ער איז חוקר ודורש און דאָס איז אין לערנען אַ גרויסע מעלה.
און תהילים זאָגט ער מיט אַזאַ טיף געפיל,
אַז אַ ליכטיקער ציטער גייט אויף אין מיין האַרץ,
אין שטיבל, אין דער מאַרגנשטיל.

פון שאַפּ איז נישטאָ וואָס צו שרייבן.
די „באָסעס״ טראַכטן בלויז ווי אַזוי די אַרבעטער
פון דער יוניאָן אַרויסצוטרייבן.
יידן זיינען אין אַזאַ גרויס געפאַר.
און יידישע מאַנופעקטשורערס האָבן געפונען אין לעבן דעם ציל.
אין די לוקסוסרייכע „בעיסמענטס״ מיט אַן אייגענער „באַר״
פאַרברענגען די נעכט ביים טרונק און קאָרטן־שפּיל.
און נאָך גרעסער פון דער זינד, איז דער רויב
פון טרעטן אויף די אַרבעטער ווי אויף שטויב.
וואָס שייך מיר,
איז מיר היימישער,
ווייל מיט דיין טאַטן
חסידישע שמועסן
אָפט איך פיר.
דיין טאַטע איז אַ גאון־עולם —
אַ גרויסער בקי אין קבלה,
דאָך האַלט ער פון מדע און השכלה.
זיין חכמה איז זייער גרויס.
איטלעך איינער איז זיך מיט אים מתיעץ
אין דער חסידישער קלויז.
ער טענה׳ט, זייער חכמה איז אויך משמים;
און זי מאַכט פאַרט גרינגער
דאָס לעבן פון דעם יגיע־כפּים.
שלעכט איז בלויז, וואָס זי איז געוואָרן
אַ וואָפן אין עשיום רוצחישע ידים.
סיי ווי, איך ווייס, אַז דו ביסט נישט פון די פורקי עול.
אין דיינע שירים קלינגט פון גמרא דאָס האַרציקע קול.
מעגסט האָבן אַנדערע צילן,
וואָלסט אָבער פאָרט יעדן טאָג
געמעגט לייגן תפילין.
ווייל דאָס איז אַ בונד צווישן ישראל און גאָט,
און מען טראָגט מיט זיך דעם צייכן
אין יעדער וויטסטער שטאָט.

נו, איבעריק צו זאָגן, אַזוי ווי איך בין אַ חסיד,
און אונדזער רבי, זאָל לאַנג לעבן, איז נישט זיין דרך
יידן מוסר־צו זאָגן.
איז יאָ בכל אשר תפנה תצליח
און זיי ווינציקער מוכיח.
איז טאַקע באַגליק וואו נאָר ווענסט זיך קערן;
און דער רבונו של עולם זאָל אַלע אונדזערע תפלות דערהערן.
פאַר אַלעמען דער זעלבער הימל בלויט.
איז לאָמיר בעטן אויף שלום,
און האָפן צו גאָט וואָס יעדן טאָג
ירושלים — זיין הייליקע שטאָט ער בויט.
ממני ידידך, מוקירך ומכבדך
העניך שאַפּיראָ".

יאָסל טראַכט: פרומע האַרציקייט נאָענט און צאַרט
אין יעדער שורה איז אַריינגעשפּאַרט.
יאָסל פאַרוועבט אין געדאַנק,
זעט: באַנען־רויך רייט
אויפן שפּיץ פון אַ הויכער זאַנג.
צווישן בערג מער נישט פאַרפרעסט,
זוניק שפּרייטן זיך די פעלדער
פון דער „גאָלדענער וועסט".
עס פעלן בלויז שטיבער,
וואָס זאָלן דעם יידיקן אַרום
מאַכן היימישער, ליבער.
דער דרויסן זוניקט יונג און ניי.
זיין האַרץ חלומט פון אַ מאָרגנדיקער וועלט
גלויביק, יונג און פריי.
עס וועט נאָך דאָ אַמאָל טרעטן דער מענטש,
וואָס מיט זיין שווייס פריידיק באַטרערט
וועט געבענטשט ווערן די דאָזיקע
פרוכטיקע נישט־באַזעצטע ערד.

לאַנגע, זומערדיקע טעג מיט דער וואָיענדיקער באַן,
וואָס גליטשט זיך אויפן רעלסן־וועג.

און אַט עס טוט דער סט. לאָרענס אַ בלענד.
יאָסל דערפילט, ווי ער קומט אהיים
פון אַ פאַרוואָגלטער, ווייטער פרעמד.
עס הוידען זיך די שטאָלן פון דער בריק.
דער פאַרנאַכט וויקלט די קוימענס
מיט ברענענדיקע שטראָלן שטריק.
יאָסל טראָגט מיט זיך דאָס לויטערע שווייגן
פון בלעטער וואָס שעפטשען אראָפּ
פון צעוויגטע, זוניקע צווייגן.

בארג-שפּיצן
אין פייערדיקן הימל זיך פאַרקריצן.
עס עפנט זיך די טיר פון דער באַן,
און יאָסל דערזעט ביים שטריק-צאָם,
פייגע פלאָנטערט זיך אַרויס
פון וואַרטנדיקן עולם,
וואָס שטויסט זיך און ברויזט.
אָנגעטאָן אין אַ גרין היטלע פון פּליוש,
זי פאַלט אריין אין זיינע הענט,
און די זיסקייט פון איר קוש
אויף זיין מויל ברענט.

עס גליאיקט דער גלאַנץ פון אירע אויגן.
די זון צאַנקט און ציט אויף דעכער
איר גאָלדענעם שטראָלן-בויגן.

פון פייגעס אויגן פאַרבענקט און אָנגעטרערט,
ער ווערט אין ליבשאַפט באַגערט.
איר קאָפּ אויף זיין אַקסל אָנגעשפאַרט,
און זי רעדט שטיל און צאַרט:
איך שעם זיך נישט, איך בין סענטימענטאַל.
אויך מיין האַרץ איז אַ טרערן-קוואַל.
איך וויל זיך אומקערן צום שאַפּ,
וואָס איז מיט ברויז אָנגעזאַפּט.

איך וועל זיצן קעגן דער שויב,
און טראַכטן פון דיין ליד וואָס קעמפט און דערהויבט.
איך וועל אויף בלויזעם
אויסצירן אַ דינעם בלומענשנור,
און דו וועסט צווישן יידישע אַרבעטער און פאָלקס-מענטשן
פאַרשפּרייטן די פּראָגרעסיווע יידישע קולטור.
ביי דיינע טאַטע-מאַמע אין הויז
די היימישע באַגעגענטשאַפט
דאָס ליבנדיקע האַרץ שפּינט.
מירן וואוינען מיט זיי,
און די מאַמע וועט
אַכטונג געבן אויפן קינד.
ווייטיקדיק איז געווען
פאַר מיר דיין אָפּפאָר.
יאָסל גלעט אירע האָר
און זאָגט: ווי אַ פויגל פון אַ נעסט פאַרוואָגלט,
וואָס מעסט די ווייטקייט מיטן שאָטן פון זיין פליגל,
אַזוי האָב איך געצויגן צו דיר
און צום קינדס וויגל.
די באַן אין ווילד-געיעג יאָגט זיך
נאָך דער זון וואָס קייקלט זיך
ביים וואַלד-ברעג.
פון וואַלד שלאָגט דער ריח פון בוים און פלאַנץ.
און מיין האַרץ בענקט נאָך דיין ליבע
וואַרהאַפטיק און גאַנץ.
דער אויסגעברענטער טאָג פאַלט אַוועק
ביים טייכן-ברעג. די באַן שלינגט די לענג.
און די שטילקייט אויף אירע שאָטנדיקע הענט
טראָגט די נאַכט און ברענגט זי
צום טייכיקן שליאַך, וואָס זילבערט און בלענדט.
און איך זע דיך אין גרין-געפּינטלטן קלייד
פון ווינט געפאַלדט און עס שמייכלט
צו מיר די פרייד, ווי אין יענעם נאַכטיק-
צעשטערנטן וואַלד.

אָנגעטרערט מיט בענקשאַפט
ווערט מיין געביין.
און די שטערן מיט זייערע גליאיקע ציין
גריזשען ווידער דאָס מאָך פון שטיין.
דעריבער זאָג מיר מערנישט, אַז איך מוז
פרייוויליק אויספירן אַ קולטור-באַשלום.
באַגער גליט אין גלוסטיקן בלוט.
פייגע זאָגט: „אין דער בענקשאַפט
לאַנג און גרוים איז יעדע מינוט.
פונדעסטוועגן, אַז מען וועט באַדאַרפן ווערטו
ווידער אין וויטן פאָרן,
וואָרים צו ברענגען דאָס ליכט
פון לידער ביסטו געבאָרן"
מענטשן גייען און בליקן צעשמייכלט
אויף די צוויי, וואָס פון זייער פאַרבענקטן האַרץ
שעפט די ליבע די גאַרנדיקע פרייד.
פייגע פאַרשנורעוועט אין בלוזע-העמד,
האַלט יאַסלם האַנט אין אירער פאַרקלעמט.
זיי פאַרלאָזן דעם וואַקזאַל.
און די שטאָט אין פאַרנאַכטיקן געברום
מיט פרייד-געשאַל נעמט זיי אַרום
שטראַלן פאַרגליען, ווי גאָלדענע זעגן.
די פלאַקערדיקע ביימער
שפיגלען און בלענדן אויף די באַרגיקע וועגן.

װידער װינטשער

מיט זיך אליין

דאנערשטיק קומט ער פרי אהיים
צו קאנען א פאר שעה זיין מיט זיך אליין.
מיט די זיצונגען פארשווינדן די טעג פון דער וואך,
וואו מען פלאנעוועט און מען דיסקוטירט,
ווייל ער כאטש איין אויפדערנאכט
אראפשליידערן פון זיך דעם דריקנדיקן יאך,
און מיט ווערטער וואס בינדן זיך אין פערזן
עפענען צום אייגענעם הארץ די געהיימע טיר.
ווארים דאס ליד איז פאר אים א ליכטיקער סוד,
ווי דער מענטש וואס איינזאמט אין דער גרויסער שטאט.
הייליק, דערהויבן זיינען ביי אים אט־די שעהן,
און טיילמאל ציען זיי זיך
ביז דער מארגן אויף די שויבן הויבט אן גראען.
זיינע אויגן אין בויגן־פאפיר פארטיפט,
און די פען שרייבט מיט א דין־קיילעכדיקער שריפט.
אויפן קאמאד שפיגלען די אפגעפוצטע לייכטער פון מעש.
און אין קיך וואו עס הענגט אויף שטריק דעם קינדס געוועש,
די מאמע דעם שבת גרייט און ברענגט פרי
די היימלעכקייט פון שבתדיקער פרייד.
די שטאט זיצט אויף קישנס פון שניי
און ער טראכט: אז הייליק זיינען מענטשן צוויי,
צו וועמען די ליבע, וואס איז פון לעבן דער קוואל,
אנטפלעקט זיך צו זיי אין דער ריינסטער געשטאלט.
און ווי תמיד דערמאנט עס אים אין יעקבן,
וואס שפאנט קיין פדן ארם,
צום לאנד פון אברהמס שטאם.
אין מדבר זיין מיד געבליין
רוט אויף א געלעגער פון שטיין.
אין חלום שטראלט צו אים גאטס געשטאלט.
דער באשטערנטער הימל ווערט בלויער, ווערט ברייטער.
און די מלאכים — שטיקער פייער גייען ארויף
און נידערן אראפ פון דער הויכער, ליכטיקער לייטער.

דער חומש גיסט אין אים דעם ווייטיק פון געגאַר
און צינדט אין אים דעם פלאַם פון צער.

יעקב בריט די טריט
אין הייסן זאַמד
און קומט צו לבנס לאַנד.
ביים ברונען די פאַסטוכער שטוינען און שטומען.
יעקב קושט רחלען אויפן שטערן,
און רחל מורמלט דורך טרערן:
יעקב געבענטשט זאָל זיין דיין קומען.

יעקב ענטפערט מיט געוויין אין קול:
פון דאָרט וואו עס זאַפטיקט דאָס הויכע גראָז אין טאָל,
פון מיין ברודער, וואָס האָט מיך פיינט
איך אַנטלויף היינט.
איך, דער מאַן פון געצעלט
אַנטרין פון עשיוס האַנט,
און איך זוך פאַשע־פעלד
גערדיכט און גרין,
וואָס ציט זיך ביי אַ וואַסער־ראַנד.
רחל מיט ליבע רייד
גענטערט זיך און הארציקט
אים איין:
מיין פאָטער האָט פיל גערטנער
באַרינגלט מיט אַ צוים פון שטיין.
מיין פאָטער האָט אַ סך פאַשע־ערד,
פיל שאָף און רינד. און ווען אַ שונא באַפאַלט און פאַרדאַרבט
זיינען פאַסטוכער וואָס זיינען מיט פייל און שווערד געשווינד,
גרייט צו באַשיצן אונדזער פאָטערס שאָף און רינד.
און דורך ליבשאַפט וועלן אונזערע משפחות
אויפסניי זיך טאָן אַ פאַרבינד.

יעקב אין געוויין קושט איר שטערן:
זאָל גאָט צו פיל פאָלק
אונדזער שטאַם מערן.

פון יענער טרעפונגביים ברונען,
צוואַנציק יאָר זיינען אַפּגעשוואומען.

דער פּאַסטוך יעקב פון געבענטשטן שטאַם,
קערט זיך אַצינד קריק פון ווייטן פּדן ארם.
ער ציט אַהיים געבענטשט מיט ווייבער און קינדער,
מיט פיל טשערעדעס שאָף און סטאַדעס רינדער.
ער איז באַשיצט פון היצן און קעלטן.
אין דער זוניקער שטילקייט
פרידלעכן זיינע ווייסע געצעלטן.
ער ציט אַהיים נישט צו קיין ערד פון שטיינער אין גרויען,
נאָר צו אַ לאַנד מיט פיל גראָז און צו פעלדער פול מיט טויען.
ער און רחל גייען נאָך די טריט פון די טלאָען,
און איבער זיי די הימלען לויטערן און בלאָען.
אין טאָל שלאָגט אַ קוואַל אַ ריינער.
יעקב געפּרואווט אין וואָגל,
קומט באַנאַכט פון די בערג צווישן שטיינער,
און ער פרישט זיך מיטן וואַסער
פון איר קילן לאָגל.
רחל געליבט און פריידיק.
איר צאַרט, באַגערנדיק לייב
אין לויטערקייט ווערט צו אים געהייליקט.
יעקב אין ליבשאַפט מורמלט און לויבט:
גאָט פון מיינע אָבות, מיין לעבן אין דיר פאַרטרויט.
געאַכפּערט איז גאָט אין זיין פראַכט.
דער צוועלפטער שבט געבענטשט אין רחלס טראַכט.
עס וואַכט איבער מיר גאָט
וואָס דאָס לעבן ער שענקט.
גרויס איז דער חסד
צו ווערן פון אים,
דורך רחלען געדענקט.

קוואַלן פון פרייד זיינען
די פריאיקע אינדערפריען.

יעקב און רחל אויף די גראָז־פעלדער
נאָך די טשערעדעס ציען.

עס פלאַקערן די קאַיאָרן.
יעקב בעט: אַז אָן פּיין
זאָל דער צוועלפטער שבט
ווערן געבאָרן.

נאָר עס שרעקט זיך יעקב
דער פּאַסטוך פון פיך:
גאָט ליבט זיינע ליבנדיקע
אויך, ווען ער שטראָפט.
זיינע ליבסטע בינדט ער
מיט די וואַרג־שטריק
פון טויטן־שלאָף.

אין די פרימאָרגנס, אין זוניקן בלענד,
יעקב זוכט גנאָד אין די הימל־ווענט.
ער טרעט נאָך די שאָף און בעט:
גאָט באַשיצער, גאָט פון דער וועלט
דער רחמימדיקער האַר:
גיס נישט אין מיין האַרץ מער קיין צער.
שיין דיין ליכט אין מיין האַרץ אַריין.
רחלס געצעלט אויפגעשטעלט אין פּיין,
פעסטיק איין.
וועב דיין שלוה אויף מיין גראָזן־פלוין,
פון דיין זון־קרוין שטראַל אויס דיין גנאָד
אויף יעקבס הויז.
גאָט מיין געביטער,
קיין כנען פיר אין פריד
מיינע וואָגלדיקע טריט,
און זיי דאַרטן מיין היטער.

און גאָט נידערט פון זיינע פאַרהוילענע וועלטן,
ער שוועבט אין טרויער איבער יעקבס פרידיקע געצעלטן.
יעקב איש־תם — אין פרידן־פרייד
אויפן פעלד אָנגעטאָן אין טויאיקן גראָזנקלייד.
קענסט נאָך פאַרגעסן, אַז אין העליש־פאַרצערנדיקן פלאַם,
מיין שטראַליק ליכט שווימט אויפן פנים פון ערד און ים.
דעריבער וועל איך פאַרקלערן
נישט צו פאַרפעסטיקן רחלס געצעלט,
וואָס האָסט אין רויש פון באַגערן אויפגעשטעלט.
דער הימל פלאַקערט און הויערט.
גאָט מיט אַ פייער־קויל
צינדט דעם גלי פון טרויער
אויף יעקבס בעטנדיק מויל.
און יעקב געדענקט: די אויפגייענדיקע זון —
אַ גאָלדן שטראַליקער ציגל.
און גאָטס טרויעריק קול
אויפן שטילן גראָזן־היגל:
יעקב האָרך!
איך בין דיין גאָט,
וואָס דו פאַרכסט.
ביסט באַרוישט פון באַגער.
רחלס געצעלט איז דיין שטרויכל־שטיין.
און איך האָב דיך ליב אין וואָגלדיקן אַליין,
ווען דו אַנטלויפסט פון עשיוס בויגן וואָס שיסט,
און דו מיט בעטנדיקע אויגן זוכסט
מיינע טריט אין דער שטייניקער וויסט.
דעמאָלט דערקען איך דיין פיין
אין טרויער פון לבנה־שיין.

יעקב אַ פאַרציטערטער בעט אויף פרייד
און פאַרדעקט זיין פנים
מיט לאַנגן פאַסטוך־קלייד.
דאָס וואַסער בלעזלט און קלאָרט
אין טיפן, שטיינערנעם ברונעם.

רחל יונג אין יאָר,
גענטערט צו אים מיט אַ ווייסער לאַם.
אין אירע גליאיקע אויגן
ליכטיקט באַגערנדיקער פלאַם.
יעקב קושט איר געזיכט,
ווי ביים ברונעם אַמאָל.
און דער פרימאָרגן מיט זיין שלוהדיק ליכט
פאַרציט דעם שטילן, טויאיקן טאָל.

יעקב אין צער פאַרצערט.
גאָטס וואָרט מערנישט ער הערט.
אַ גאַנצן טאָג ער
שרעקט זיך פאַר דער נאַכט,
פאַר דער לבנה און איר שיין,
וואָס צינדט דאָס גרויע זאַמד
אויפן קאַלטן, שאָטנדיקן שליאַך.

און עס געשעט: דער טויט קלעמט
רחלען אין זיינע אָרעמס איין.
און רחל געבערט דעם זון פון איר פיין.
יעקב זעט:
רחל אויפן בעט באַהאָנגען מיט פאַרביקע געוועבן,
הויך, צום באַשטערנטן הימל מיטן טויט
זי טוט אַוועקשוועבן.
אויפן פאַשע-פעלד
די לבנה שווימט אין ברונעם
ביים אָפענעם געצעלט.
איבער די ביימער-שפיצן
קייקלען זיך די שטערן,
און זיי פאַרטרויען די הימלען
דעם סוד פון זייערע באַגערן.
יעקב אין דער שטומקייט פון וויסט און שטיין
וויינט מיט אַ שווער געוויין:
גאָט, איבער מיר דיין רחמים שפרייט.

רחל געבערט אַ זון פון פּיין.
פאַרוואָס לעשסטו
פון ליבשאַפט די פרײדן־שײַן?
אָ, גאָט פאַרוואָס האָסטו מיך
באַשירעמט פון עשיום שווערד
און אָצינד צו צער, צו מײַן היים
מיך אומגעקערט.
יעקב טענהט, רעדט.
און גאָט נעמט נישט אויף
זײַן טרערן־געבעט.
נישט ווייט פון בית־לחם,
ביים גרויען שליאַך,
שטאַרבט רחל אינמיטן דער נאַכט.

דער קוואַל דער ריינער
בלעזלט צווישן שטיינער.

אויפן וועג קיין חברון,
וואָס איז קליין,
אַ שטיבל פון שטיין,
אויף רחלס קבר אויפגעשטעלט.
אין מאָרגן־שײַן, יעקב ציט מיט שאָף און רינד,
ער וויינט אויף רחלען
וואָס איז געשטאָרבן
און אים געבוירן בנימינען —
דעם זון פון פּיין — — — — — —

יאָסל שרייבט אין קיך און טראַכט
פון יעקב דעם פאַסטוך פון פיך
ביי וועמען רחל שטאַרבט אינמיטן נאַכט.

אין שטוב וועקט זיך דאָס קינד
מיט אַ פאַרשלאָפענעם כליפּ.

יאָסל מאָלט זיך אוים דעם פאַרטרויערטן יעקב,
וואָס איז אַ גאַנץ לעבן אין רחלען געווען פאַרליבט.

יאָסל גייט צום קינדס וויגל.
אינדרויסן בלישטשען
די שנייאיק-פאַרזילבערטע מויער-ציגל.

יאָסל קושט פייגעס הענט.
ווייטיק און באַגער
אין זיין לייב ברענט.

פייגע שעפּטשעט:
פון דיין קוש היים און פייכט.
די ליבשאַפט אין מיין האַרץ לייכט.

זי האַלט יאָסלען אין אירע אָרעמס פאַרקלעמט.
איר לייב בריט
דורכן דינעם, ראָזן העמד.
יאָסל לייענט איר פון יעקבן און רחלען —
די לעכצנדיקע צוויי,
וועלכע לייטערן זיך
אין דער ליבע, אין איר וויי.

און יאָסל ענדיקט: יעקב גידערט קיין חברון;
יעקב איז עלנט,
יעקבס האַרץ — אַ קוואַל-געוויין.
זיין געליבטע רחל רוט אינמיטן פעלד,
אין קבר אונטער אַ שטיבל פון שטיין.

יאָסל איז אָנגעקוואָלן מיט טרערן.
יאָסל קושט פייגעס קליינעס, קלאָרן שטערן,
און פייגע פליסטערט:
אין שרעק פון טויט,
דורך יעקבס מויל טענהסט
צו גאָט.

אָבער דאָס ליד ברויזט מיט ליבע
מיט איר הייסן זאָט.
וואָר, אין דער ליבשאַפט שטענדיק
פריידיק, יונג זיינען די יאָר.

די ליבע פון פאַרצייטן,
פון דעם דור דעם אומבאַקאַנטן און ווייטן,
האָט זיך גאָרנישט געביטן.
איז לאָמיר אונדזער ליבע פאַרהיטן,
און קיין שום שטורעם וועט נישט קאָנען
אָפּפליקן אירע יונגע בליטן.

פייגע אין באַגער ציטערט
אין דינעם, ראָזן העמד.
יאָסל פאַרטוליעט אין אירע הענט,
קושט איר קליינעם, קלאָרן שטערן
און אויף איר פּנים פייכטיקן זיך
זיינע פריידיקע טרערן.

פאַרן אַהיימגיין

פייגע מיטן היטעלע אויף אַ זייט פאַרדרייט,
פילט נישט פון דער אַרבעט מיד.
די ליבע מיט איר פרייד
שכורט אין איר געמיט.

צום קאָרידאָר גיך זי שפּאַנט,
זי וויל אויסמיידן מאַטקע פראַנט,
וואָס טרויעריק, פאַרצאַגט
ער קוקט אויף איר אַ גאַנצן טאָג.

איר פּנים פלאַמט. איר דאַכט זיך:
אַז מיט זיין בליק וואָס גלוסט,
ער יאָגט זי אויפן זאַמד
צו אַ דאָרן־קוסט.

אין דער פריער ווינטערדיקער נאַכט,
ווי נאָר די מאַשינען טוען דעם לעצטן קלאַפּ,
פאַרלאָזט מאַטקע דער ערשטער דעם שאַפּ,
און ביים פאַרפרוירענעם שויבן־גלאָז
אין קאָרידאָר, ער צאַפּלט־אויף,
ווען ער זעט, אַז אין עלעוועיטאָר אַהיים
זי פאָרט.
פייגעס ברוין־ביינערדיק קעמל
בלישטשעט צו אים פון געזעמל.
ער היט אירע טריט,
וואָס ווערן אים תמיד פאַרלוירן
אין שטויסנדיקן מענטשן־קנויל,
ביי דער שוועל פון אָפענעם טירן־מויל.
ער גרייט זיך צו רעדן צו איר
אין אַ צאַרטער שפּראַך,
נאָר זי פאַרשווינדט יעדן אויפדערנאַכט.
ביז איינמאָל, פאַרן אַהיימגיין,
ביי דער שפּיגל־וואַנט בלייבט ער שטיין.
און מיט ווערטער אין ווייטיק צעגליט,
ער פאַרצאַמט איר די איילנדיקע טריט:
מיידסט מיך אוים באַגינען,
און באַנאַכט טוסטו אויף גיך
פון מיר אַנטרינען.
פייגע קערט זיך אָפּ פון אים דערווידערדיק און פרעמד.
אירע אויגן ברענען אין בייזן בלענד.
מאַטקע שמייכלט צו איר ליבלעך:
שיין זיינען דיינע חן־גריבלעך.
אַז איך בענק נאָך דיר דאָרף איך דיר נישט דערציילן.
איך האָב אָבער צילן און ווען זיי איך וויל זיך מיט דיר טיילן.

זיי זשע אַ גוטע און באַוויליק מיט מיר צו פֿאָרן
אין מיין נייער קאַר, צו אַ רעסטאָראַן,
וואָס האָט אַ גרויסן עס-צימער מיט אַ „באַר".
דאָרטן וועסטו עסן אַ געשמאַקן מאַלצייט,
און פֿאַרטרינקען מיט וויין,
און וועסט זיך דערוויסן ווי גוט
עס איז רייך צו זיין.
פֿייגע טוט שפּאָטיש אַ לאַך:
איך בין אַ פּשוטע פֿרוי
מיט אַן אָרעם פּאַך,
מאָרגן וועלן די אַרבעטער לאַכן,
פֿונעם צעקראַכענעם באָס
מיטן כאַראַקטער דעם שוואַכן.
עס וועט דיר נישט העלפֿן האַלטן
די טיר פֿאַרשפּאַרט,
עס איז פּשוט אַ געפֿאַר
צו פֿאָרן מיט דיר אין איין קאַר,
ווייל ביסט אַ יונג
אומפֿאַראַנטוואָרטלעך און פֿאַרשייט.
איך וועל אָבער מיט דיר גיין
אין אַרבעטער-רעסטאָראַן,
וואָס איז דאָ נישט ווייט.
נאָר אויב דו מיינסט וועסט אין מיין לעבן
זיך אַריינפֿלאַנטערן אויפֿסניי,
געדענק, אין ליבע און אין לעבן
מיינע פּרינציפּן איך היט געטריי.
מאָטקע ענטפֿערט מילד, געלאַסן:
דאָס בילד פֿון דיין פּנים,
ווי זאָלסט זיך שרעקן און בלאַסן.
און איך וויל זאָלסט קומען
צו אַ תּכלית, צו אַ ציל.
איך וויל פֿאַרבעסערן דיין לאַגע,
און דו שטעלסט מיין אָרנטלעכקייט
גאָר אונטער אַ פֿראַגע.

איז זע, איך נעם דיך אַרויס פון קלעם;
מיט דיר וועט מיר, אַפילו
אין אַרבעטער־רעסטאָראַן זיין אָנגענעם.

ער שפאַרט אָפּ די טיר,
און צום אַרבעטער רעסטאָראַן פירט
דער ברייטער טראָטואַרן־וועג, וואָס
בלישטשעט מיט דער שנייאיקער דעק.

פּעטש

אין רעסטאָראַן, אין אַ וואָלקן־רויך רייצט דער ריח פון געבראָטנס
וואָס פּרעגלט זיך אין אַ פעטער יויך
פון אַ טיפער בלויער פּאַן.
אַ ראַדיאָ קלאָגט אויס אַ ליבע־ליד
אין לוסט פון בענקענדיקע קלאַנגען.
פייגע, טרויעריק, מיד
קוקט צום דרויסן, אויף די צאַמען און קראַמען
באַהאַנגען מיט אייזיקע, זילבער־שטאַנגען.

אין רעסטאָראַן וואָס שטילט,
אַלע זיצן און שטוינען.
די קיילעכדיקע קרומע אויגן
ביים לאַנגן וואָווע שטאַרצן און ברוינען.
ער וואָרטשעט: אָט־דער מאָטקע פּראַנט
ווייסט נישט פון קיין צווימונג.
ער וויל פייגען אַריינקריגן
אין זיין נייער רייך־מעבלירטער וואוינונג.
זאָל ער פון בענקען קראַנק ווערן
אָט־דער בלוט־זויגער. דער כאַם!
איך בין זיכער, אַז פייגע וועט אים נאָך היינט
צעדראַפּען דאָס פּנים
מיט איר ביינערדיקער קאַם.

אַלע קירעווען זיך צו זיי,
צו זייער פענצטער וואָס בריט
אין פּראַסטיקן שניי.
אין דער פֿאַרע דער געדיכטער
שווינדלען פֿאַר פייגען
די היימישע געזיכטער.
די ראַדיאָ גלעט און פֿאַרוויגט
מיט די גלוסטיק-בענקענדיקע קלאַנגען.
מאַטקע הייסט אַ פליישיקן מאַלצייט דערלאַנגען.
פייגע זאָגט: איך וויל בלויז אַ גלאָז טיי.
עס פֿאַרדריסט איר זייער, וואָס וואָווע
דער רכילותניק און ליץ גלאָצט
די קרומע אויגן אויף איר בלוזע-העמד
מיטן גריַנעם, געבלימלטן געניי.
מאַטקע אויפגערעגט און רויט פון פּראָסט,
וואַרפט פייגען פֿאָר:
אַז אַלע אירע יאָר האָט זי ליב נאָר רעסטאָראַנען
מיט רויך און קויט,
און די אַרבעטער-לייט חוצפּהדיק און פּראָסט,
וואָס קוויקן זיך מיט מאַרינירטן הערינג און שוואַרצן ברויט.
פייגע שפּילט זיך מיט אירע בורשטינענע קרעלן.
עס שפּעטן אירע אויגן און זי לאַכט:
מיר איז היימיש ביי זייערע שוועלן.
פייגע זופּט די הייסע טיי.
מאַטקע שלינגט שטיקער געבראָטן פלייש און זאָגט:
דאָס האַרץ טוט מיר פֿאַר דיר וויי.
ביי מיר ביסטו טייערער פון אַ פּערל.
און דיין מאַן — דער לידל-מאַכער,
וואָס וועט שטענדיק זיין גרין,
שיקט דיך אין שאָפּ, צו מאַשין און שערל.
וואָס טויג דיר דער אָרעמער רעסטאָראַן
מיט דער אָפּגעריבענער האַלצערנער באַנק.
איך וועל דיר קויפן אַן אייגענעם אויטאָ
פֿאַר אַן ערשט געשאַנק.

וואָרים, מיין האַרץ טוט אין מיר קלאָגן:
די אָרעמקייט וועט דיין שיינקייט און יוגנט
פרי פון דיין לייב אויסנאָגן.
יאָ, מען ווייסט, דיין מאַן פלירטעוועט מיט
פרעמדע פרויען, ביז דער טאָג
הויבט אָן בלויען.
דיר, זאָגט ער, אַז ער ווערט פון מיטינגען פאַרהאַלטן,
דו בעסער גיב אַ שמעק צום פרויען־פּערפיום
פון זיין אויסגעריבענעם פאַלטן.
פייגע שפּעט, פינקלט מיט די אויגן און לאַכט:
איך וויים, ער טוט עס יעדע נאַכט . . .
נאַר זאָל דיך נישט אַרן,
אויב יאָסל טוט מיך
אַביסל אָפּנאַרן . . .
אונדזער לעבן אין ליבע איז געשטאַלט.
און דו ביסט פּוסט.
באַרימסט זיך מיט רייכקייט און גאָלד.
און פאַרמאָגסט נישט מער,
ווי פון ליבע די לוסט.
איך וויל נישט פון דיין רייכקייט קיין חלק,
איך בין באַשאָנקען מיט אַ ליבע הויך און הייליק.
דו ווייסט נישט, אַז אין ליבן
איז געשמאַק דאָס אַלט־געבאַקן
שטיקל חלה פון שבת־טיש פאַרבליבן.
מאַטקען פייניקן פייגעס ווערטער,
וואָס גרויסן זיך:
אַז יאָסל איז נאָך אַליין
איר אויסדערוויילטער און באַגערטער.
עס פּויסטיקט זיך ביי אים די האַנט,
אין צאָרן־ווייטיק ער וויל אָנכאַפּן
דעם טיש ביים ראַנד, אים
אַזוי לאַנג טרייסלען ביז אַלע
טעלער און טעפּלעך וועלן
אויפן דיל זיך צעקלאַפּן.

דעריבער פּרואווט ער
מיט רכילות וועגן איר זי שטעכן.
ער זאָגט איבער די רייד געהערט
לעצטן זומער טאַקע אין זעלביקן רעסטאָראַן,
ווען פֿון ברייטע טעלער האָבן גערייצט
די פֿאַרברוינטע קאַשע-קנישעס
אַרויסגעגאַפּלט פֿון הייסע שוואַרצע בלעכן.
ער קאָן דעם ווייטיק אין זיך מער נישט צוימען,
און עס נעמען זיינע ווערטער אין צאָרן שוימען:
זעסט דאָרט וואָווקע ליץ,
וואָס בראָקט אין דער פּאָטעיטאָ-זופּ
שטיקער אַלט-געבאַקענע ציבעלע פּלעץ.
אָט-דער ליץ, דער לאַנגער
רעדט אויף דיר, אַז ביסט
פֿאַר דער חתונה שוין געווען שוואַנגער.
פֿייגעס אויגן שמייכלען און העלן:
אַזוי! און דיר טוט עס נישט געפֿעלן?
אַזאַ זינד, וואָס ערגערט דיך
אַזש נאָך אַצינד.
פֿייגע שטייט אויף און זאָגט:
איך פֿאַרגיב דיר,
ווייל איך ווייס,
ווייטיק טיף און הייס
אין דיין האַרץ שלאָגט. זאָגן כ'מעג:
איך בין דיר אַ פֿריינט און
ביסט אַ יונג אַ שיינער און אַ רייכער
אַ פֿאַרמעגלעך מיידל איז פֿאַר דיר
דער גלאַטער וועג דער גלייכער.
מאָטקע פֿויסטיקט צאָרנדיק ווילד.
און ער שרייט און ברילט:
הער, צום לעצטן מאָל איך וואָרן.
דיין יאָסל אין מיין לעבן איז

דער שאַרפער, שטעכיקער דאָרן.
וואָס טויגן דיר זיינע לידער?
לאָז אים איבער מיט די אַרבעטער־ברידער,
און פאַרלאָז די מיסטיקע גאַס
מיט די קויטיקע שטיבער!
דאָס גליק אין דיר איך געפין,
איז פון קאַבצאַנסקן לידל־מאַכער אַנטרין.
יאָ, מיט מיר זיך פאַרבינד,
יאָ, איך וועל דיך נעמען מיטן קינד.
געדענק, מיינע ווערטער וועלן מער נישט בעטן,
איך וועל אייך ביידן צעטרעטן.

אין פייגען טוט דאָס בלוט
אין האַרצן אַ זאָט:
ווי וואַגסטו מיר צו מאַכן
אַזאַ געמיינעם אָנבאָט?
ביסט אַ כלב, און דערצו אַ קוואַטש,
און פאַרגינסט נישט ווער עס פאַרדינט
אין דיין שאַפּ אויף אַ קליידל מיט אַ לאַטש.
זי טוט דעם טיש אַ שטויס.
אירע צעצאַרנטע אויגן
ברענען אין הייסן ברויז.
און איר קליינע, ווייסע האַנט
קנאַקט אויף מאַטקע פּראַנטס
גלאַט־געגאָלטער באַק.

מאַטקע, אַ פאַרקלעמטער זיצט
איבערן טעלער געבראָטנס אַ פאַרשעמטער.

פייגע אַ שטאָלצע, אַ צעפלאַמטע
פאַרלאָזט מיט גיכן שפּאַן,
דעם שטוינענדיקן עולם
אין פול געפּאַקטן רעסטאָראַן.

וואָוּוע דער לאַנגער לצעוועט
אויף זיין הוזקדיקער שפּראַך:
„מאַטקע דער פרויען־פאַנגער
זיצט אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט".
וואָוּוע צאַפּלט אויף זיינע
לאַנגע, דאַרע פיס
און רעדט הויך אויף אַ קול:
אין אַרבעטער־טאַל
— אַזעלכע ווייבלעך ווי פייגע שטאָלץ, שיין און זיס
וואַלגערן זיך נישט אונטער די פיס.

וואָוּוע פינטלט מיט די קרומע אויגן
און לאַכט:
— פייגע אַ זינג־פייגעלע
פון שטייג אַרויסגעפלויגן.

וואָוּוע לוסטיקט:
— העי „וועיטער" די קאַווע
אין טעפּעלע גיס!
אָ, פייגע איז שיין!
דאָס רויטע, הייסע בלוט
פליסט אין איר געטאָקט געביין.
און כאָטש יאָסל איז נאָך אַלץ גרין,
און מאָטקע איז שוין רייך און געל,
וויל פייגע נישט אַריבערטרעטן
זיין רייכע שוועל.
מיט דער קאַכעדיקער טיי האָט זי אים
געדאַרפט אָפּגיסן.
ווייל מאָטקע דער פּוסטער פּראַנט,
וויל נישט וויסן, אַז יאָסל
איז פאַר אַלע אַרבעטער אַ מוסטער
מיט זיין ערלעכקייט און טאַלאַנט.

אין רעסטאָראַן די אַרבעטער רעדן און רוישן:
מאַטקע האָט חוצפּה נאָר צום שטוינען.

פייגע זאָל יאָסלען פאַרטווישן,
און מיט אים דעם כאַם גיין וואוינען.

אין מאַטקען ווילדער צאָרן טוט אַ מיש.
ער שפּרינגט אויף און פּויסטיקט אויפן טיש.
שניידערוקעס! וואָס ווייסט איר מער,
ווי טראַסקען מיט שער און אייזן?!
איר זענט מיסט! און איך וועל אייך נאָך באַווייזן
פאַר דעם, וואָס איר שיסט אין מיר
אייער גיפט, און שטעכט מיט שפּאָט.

פון געבראָטנס דאָס איבערגעלאָפענע שמאַלץ
טשאַדעט אין דער בלויער פאַן.
מאַטקע מיט צאָרן־גלאַנץ אין די אויגן,
לויפט אַרויס פון רעסטאָראַן.

ב ר ו ג ז

פון חברים פרי־אַרויסגעקומענע אין „קולטור־צענטער"
ווערט יאָסל געוואויר, אַז אין רעסטאָראַן
ביים גרין־געפאַרבטן, פאַרפרוירענעם פענצטער,
האָט מאַטקע־כאַם וואָס האָט אַ צונג אָן אַ צאַם,
גערעדט צו פייגע'ן גראָב און פרעך,
און זי מיט פלינקע און שטאַרקע פויסטלעך
האָט געפויקט אין זיין חוצפהדיקן פנים
ווי אויף בלעך.

יאָסלען ווערט אויפן האַרצן גוט און פריידיק.
עפּעס טראַכט ער נישט פון דעם וואָס פייגע
איז געוואָרן באַליידיקט.
ער טראַכט גאָר: פייגע זעט תמיד
דעם מאָרגן דעם צעהעלטן.
זי אַזאַ מוטיקע און שטאָלצע.

אונ באקלאגט זיך זעלטן.
דעריבער איז אים אויפן הארצן גוט,
וואס פייגע פארמאגט אזוי פיל מוט.
ער פרעגט קיינעם נישט,
ווי פייגע פילט און וואס זי מאכט
אויפגעלייגט און לוסטיק שפרייזט ער אין דער נאכט,
צווישן פענצטער-קראמען, וואס רייצן מיט כל המינים שפייז,
און די גלאזן גליען אין שארפן שיין פון אייז.
פון טריט דאס איילקע געגיי
שאבט דעם טראטוארן-שטיין
אויסגעבעט מיטן פרישן שניי.
יאסל, א שמייכלדיקער שפרייזט אריבער
די הויכע שטוביקע שוועל.
און ער טרעפט פייגען א פארוויינטע אין צימער
מיט לבנה-שיין אנגעקוועלט.
יאסל א פריילעכער וויל איר גאר דערקלערן,
אז אין הוילער פרייד דארפן איצטער שטראלן
אירע ליכטיקע טרערן.
פייגע ענטפערט אויפגערעגט,
און בייז זי פרעגט:
אפשר זיך שעמען מיט מיין טרערן-קוואל?
אפשר זיך גאר שעמען, וואס אויך איך
בין לעצטנס געווארן צעקראכן און סענטימענטאל?
אבער איך שעם זיך נישט!
ווייל דיך ארט נישט,
וואס דער מאטקע פראנט
אין מיין לעבן זיך מישט.
אניט ווייסטו דען וואס עס איז
צו מיר היינט געשען?
אזא מאטקע גראביאן!
ער לויערט אויף מיין יעדן שפאן.
און היינט וואגט ער צו מיר צו ריידן,
נישט אנדערש, נאר איך זאל זיך
מיט דיר שיידן.

פאַר אַזוינס מיר זאָגן,
האָב איך מיט מיינע הענט
געמוזט אויף זיין אויסגעפּאַשעטן פּנים
דעם צאָרן פון זיך אַרויסשלאָגן.
און דו אַזאַ דיכטער אַן עכטער,
מאַכסט גאָר פון מיר דאָס געלעכטער.

פון פייגעס אויגן די טרערן קוועלן.
זי טוט אויס פון האַלדז די קרעלן.
פייגע בלאַסט און כעסט:
ווערסט מיר לעצטנס אין דיין
מאַראַלן-זוכעריי,
נעבעכדיקער און פרימער.
איז אַט האָסטו דיר דיין ציר!
גלייך גיי אַרויס פון מיין צימער
און פאַרמאַך הינטער זיך די טיר!
מיך אַרט נישט וואָס דו וועסט טראַכטן און מיינען,
מיר טוט וויי און איך וויל וויינען.
און ביז וועסט נישט פאַרשטיין
פון ווייטיק מיין געוויין,
זאָלסטו נישט וואַגן צו מיר
נאָענט צוצוגיין.

אויפן שויב די לבנה שימערט.
יאָסל דורכגענומען מיט פייגעס פּיין,
פאַרלאָזט אַ טרויעריקער איר צימער.

איבער דער שטוב שמעקט דער ריח
פון דער מאַמעס פריש-אָנגעגאָסענער זופּ.
די מאַמע קוקט נישט אין זיין זייט,
און רעדט צו אים פון דער ווייט:
— פון פייגען טריפט זיך בלוט
און דיר, געטרייער מאַן,
דיר איז פריילעך און גוט
וואָס פייגע איז געבענטשט מיט מוט.

דער מאָטקע פראַנט דאַרף פון קאָפּ ביז די פיס
זיין איינגעטונקען אין זינד,
צו רעדן אַזוי פאַרשייט און מיאוס צו אַ פרוי —
אַ מאַמע פון אַ קינד.
איצטער אין פאַרשעמונג, דער טרויער
שווער און פינצטער איבער איר הויערט.

זי זיצט אַודאַי דאָרט איין־אַליין
זי קוקט אויפן גרויען מויערן־שטיין,
און די ביטערע טרער
גליט איר אַנגעווייטיקט געמיט.
איז פאַרשאַרף נישט איר פּיין
דורך אומזיסטיקן געקריג.

לאָז זי דאָרט נישט זיצן איין־אַליין
צו וויינען און צו וויגן דער קינדס וויג.
גיי אַריין און בעט זי איבער,
איידער מען לעשט אויס דאָס ליכט
אין די אַרומיקע שטיבער.

זאָג איר פאַרמיינעטוועגן: אויס מיט שאַפּ!
גענוג מיט דער ניי־מאַשין געקלאַפּט!
זי האָט אַ שטוב, ברויט און אַ בעט,
זאָל זי זיין אַ מאַמע צו איר קינד,
און פון היינט אָן פרעסן דאָס אייגענע גרעט.

יאָסל זיצט אין קיך און רירט זיך נישט פון אָרט.
ער איז צו פייגען
תמיד אין געדאַנק ערלעך און ריין,
בלויז מיט אַן איבערבעט־וואָרט,
קאָן ער אַצינד צו איר נישט אַריינגיין.

ער ווייסט, אַז איר געמיט
קאָן דערפרייען די ליבשאַפט אין ליד.
זי וועט זיין שטימונג דערשפּירן,
און די צאַרטע ווערטער
וועלן די דינסטע סטרונעס
פון איר צעווייטיקט האַרץ רירן.

שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי ער שרייבט
אַז ער וועט זי תמיד זוכן,
ווי דעמאָלט, אויפֿן בערגל פֿון מאָך.

די גאַס שטילט אין דער שנייאיקער ציך.
יאָסל זיצט אין קיך,
און די שטערן הויך און וואַך
בלענדן צו אים פֿון גרויען הימל־שליאַך.

די פֿען שאָרכט אויפֿן פּאַפּיר־בויגן.
פֿרום און בעטנדיק זײַנען זײַנע אויגן:
„גאָט שטראַל אין טרייסט, אין גנאָד
פֿאַר מײַן ליבסטער, וואָס
אירע טריט איך זוך
אין דער ברויזיק, אומהיימלעכער שטאָט.
אין רויש פֿון די שטאָטישע רעדער,
זאָלן די באַשנייטע ביימער
שמעקן פֿאַר איר, ווי
אין זומער די צעבליטע סעדער.
איך זינק אין די סטויגן־שניי,
און איך זוך אירע טריט
מיט דער בענקשאַפֿט, וואָס
פֿאַרשטילט קיינמאָל נישט
פֿון גאַרונג דעם ווײ.

אָ, גאָט, איך בעט,
אַז אין מײַנע סטראָפֿן
זאָלסטו לאָזן די צייכנס
פֿון מײַן ווייטיק צעגליט און אָפֿן,
און אין מײַן ליד זאָלן בלײַבן
די שפּורן פֿון מײַנע וואָגלדיקע טריט”.

יאָסלס פּען שאַרכעט און קריצט.
און דער אויוון פאַרשפּרייט
אין אַלע צימערן אַ היץ.

די ווערטער בענקען אויפן פּאַפּיר-בויגן.
און אין הויף העלן די שניי-סטויגן.
די אותיות דיגן, ווי נאָדל-שטעך.
דער הימל בלענדט, און די שטערן מיניען
אויף דער שויב אַנגעטאָן אין דער אייזיקער בלעך.

מיטן פאַרשריבענעם בויגן אין האַנט
גייט ער צו פייגען אַריין,
און ער טרעפט זי שטיין אַ פאַרוויינטע,
און קוקן אויפן שטערן-שיין,
וואָס וועבט זיך אויף
דער גרויער, שטייניקער וואַנט.

יאָסל זאָגט צאַרט און שטיל:
פייגע, פאַרגיב וואָס איך האָב נישט
באַנומען דעם טרויער פון דיין געפיל.

הער, איך וויל מיט מיינס אַ ניי ליד
פאַרטרייבן דעם ווייטיק פון דיין געמיט.

יאָסל לייענט און פייגע שטילערהייט וויינט.
דאָס ליד דערציילט, און פייגע האָרכט
דעם ווינט, וואָס שאַרכט אין שטילט דעם וויי,
און שיילט פון דער שויב דעם זילבערנעם שניי.

פּלוצלונג. פייגע טוט צו אים זיך אַ צי,
און יאָסל דערפילט פון אירע הייסע ליפּן דעם ברי.
און זי פּליסטערט: טו מיר אָן צוריק די קרעל,
און זאָג מיר צו, אַז וועסט נישט לאָזן שטערן
די רו פון אונדזער שוועל.

זי פליסטערט און זי פלאַטערט:
איך בין פון דער אַרבעט נישט פאַרמאַטערט,
נאָר איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן
די היינטיקע פּאַסירונג,
און דעם געמיינעם בורזשוק מאָטקע פּראַנט,
וואָס קאָן קויפן די שענצטע צירונג.
ער גרויסט זיך שוין,
וואָס ער איז איינער פון עקספּלואַטאַטאָרן־קלאַס,
דערפאַר דערלויבט ער זיך צו דערנידעריקן
די הענט ביי נאָדל און פּאַס.

אָבער ווער איז ער דען ווער?
אָט דער גאַנצער מאָטקע פּראַנט?
איך בין גליקלעך, וואָס אין באַגער,
מיין ליבע צו דיר לייטערט זיך אין דער טרער.
איך שעם זיך נישט, איך וויל זאָלסט וויסן:
די פריידן אין מיר שוין ווידער פליסן.
אין דער בענקשאַפט, אין דער דערהויבנסטער וואָר
גלוסטיקן צו דיר אַלע מיינע יונגע יאָר.
איך בענק, אַז נאָך אַ ניי לעבן
זאָל אין מיין לייב אויפגיין.
אָבער דאָס וועט געשען זומער,
ווען מירן ווידער רוען
אונטערן דאַך פון פעלדזנשטיין.

אויף יאָסלס הענט קאַפּען
אירע טרערן ווי טראָפּנס־טוי.
זי פלאַטערט און זי פליסטערט:
איך בין גליקלעך
וואָס דו ביסט מיין מאַן,
און איך דיין פרוי.
איך וועל דיר נאָך אַ קינד שענקען,
וועט טיפער ווערן די ליבע,
און שטאַרקער דאָס בענקען.

יאָסל זאָגט צאַרט און שטיל:
איך בין אין פיל רייד נישט געאיבט.
און איך בין גליקלעך, וואָס דו פילסט
אַז איך האָב דיך נאָך שטאַרקער ליב.
דעריבער וויל איך זאָלסט געדענקען,
אַז כל זמן דו וועסט נאָך מיר בענקען,
וועט אונזער לעבן לויפן אין איין ריכטונג
און אין מיין ליד וועט גליען דער פונק פון דיכטונג.

פייגע פלאַטערט
אין יאָסלס פאַרקלעמטע הענט
און זי פליסטערט: „די ליבע
אונדזער לעבן דערהויבט".
און די נאַכט שטערנט
און בלענדט אויף דער שויב.

משפּחהדיק־נאָענט

צומאָרגנס קומט דער עלטערער ברודער
אין שטוב אַריין.
אויף זיינע ברייטע ברילן
בלענדט פון זון־גאָלד דער שיין.

ער טרעפט פייגען דעם אויוון הייצן.
און היימישלעך, ליבלעך ער הויבט זיך אָן
מיר איר צו רייצן:
„נו, וואָס מאַכט עפּעס מיין שוועגערין די שיינע,
וואָס קלאַפּט מיט די פויסטעלעך די קליינע?
אַ מחיה, אוים פּראָלעטאַריאַט וואָס,
שאָקלט זיך ביים מאַשין
אין אַ גרינעם כאַלאַט.
שוין גענוג זיך אָנגעזאַפּט
מיטן ריח פון בוקמאַנס שאַפּ.

שוין צייט צו זיין אַ הויז־פּרוי
און שטריקן פאַרן מאַן אַ סוועטערל
פון וואָל העל און בלוי.
סיי ווי האָסט פון דער ליניע אָפּגעגוויגט,
ווי נאָר האָסט צו יאָסלען שמייכלענדיק
אַ פינקל געטאָן מיט איין אויג.
ביי מיר איז עס חלילה נישט קיין פלעק.
האָסט בלויז דיינע בורזשואַזנע געפילן אויפגעדעקט.
סיידווי דיין יאָסל קאָן נישט זיין לינק,
וואָרים פון אַלטע קוואַלן ער טרינקט.
כאָטש ער רייט נישט אויף דיין רויט פערד.
פאַר יושר אין שטרייט שאַרפט זיך
זיין וואָרט ווי אַ שווערד.
ווי אַ רעליגיעזער ייד,
אַזוי פרום שרייבט ער זיין ליד:
„גאָט אין דער נאַכטיקער שפּעט,
ווען אויפן הימל ברענען דיינע שטערנדיקע ליכטער,
הער דאָס געבעט פון דעם בענקענדיקן דיכטער”.
פייגע טענהט: דאָס איז אַ מאָמענט־געפיל,
ווען די נאַכט חלומדיק און שטיל
שוועבט אויפן שליאַך.
אָבער נישט קיין שטימונג גלאַט,
נאָר דער ווייטיק פון זיין געמיט
איז דאָס ליד געדרוקט היינטיקע וואָך אין אַרבעטער־בלאַט:
„דיכטער דערמאָן די ליכטיקע מאַרטירער,
און אייביק מאָן זייער ברענענדיקן פיין
אין דיינע לידער.

דיכטער, מיט פרייד אין געמיט,
זינג צו די געוואַגטע
דאָס רומפולע ליד.

דיכטער, זינג צום מאָרגנאויפגאַנג,
זינג צו די געוואַגטע
דאָס העלדנגעזאַנג!”

פייגע מיט אויגן פול ליכט
שמייכלט צו אים פריילעך
מיט אַ זיגעריש געזיכט.

דער ברודער פאַרטראַכט און שטיל,
קוקט אויף די זון־פּאַסן
וואָס באַשטראַלן דעם געפּאַרבטן דיל.
דער ברודער געלאַסן און מיט אַ טיף געפיל
ברומט אַ חסידישן ניגון,
און שפּרייזט אויף די זון־פּאַסן
וואָס גאָלדיקן אויפן געפּאַרבטן דיל.
פייגע קושט אים אויפן שטערן
און זאָגט: אַ דיכטערס געמיט
איז שווער צו דערקלערן.
דער עלטערער ברודער שמייכלט און שפּאַסט:
כ׳בין צופרידן וואָס יאָגסט זיך שוין מערנישט
נאָכן מאַשין מיטן קיילעכדיקן פּאַס.
פייגע פון דיינע קושן האָניק פליסט.
ביסט שטאָלץ און ביסט שיין.
און שטענדיק אויף דיינע אייגענע פיס
דו שטייסט אַליין.

ווען איך וואָלט געווען יונג און פאַרשייט,
וואָלט איך ווי מאָטקע פראַנט
פאַר דיין ליבשאַפט געשטרייט,
און ביים פעלדז אין מאָרגנזון
וואָס גאָלדיקט אויפן זאַמד
וואָלסטו נישט אַנטרינען פון מיין האַנט.
סיי ווי, רויטער פּראָלעטאַריאַט
צוליב דיר האָט מיין ברודער
פאַרבלאָנדזשעט אין אַרבעטער־בלאַט.

פייגע שמייכלט, און שפּאַסט:
„מיר איז גוט, אויך מיין שוואָגער
איך געפעל,
וועט ער אָפּטער אריבערטרעטן
טאַטע־מאַמעס היימישע שוועל.
און יאָסל אומרעכט האַסט.
דעריבער איז מיין רויטקייט
פאַר אים נישט קיין לאַסט".

דער ברודער געזעגנט זיך
ביי דער טיר־שוועל.
פייגע פאַרפאָרעט פאַרמישט פאַר מאָן־קיכלעך
אייער, אויל און מעל.

זי זוכט דאָס זאַלצמעסטל
און זי געפינט אויף יאָסלס ספרים־קעסטל
הונדערט דאָלער מיט אַ בריוול:
צו פייגען וואָס קעמפט פאַר אָרימען פעבל
קויף איין פאַרן שטוב אַ פּאָר שטיקלעך מעבל.
דיין שוואָגער דער רויטהאַסער,
וואָס גלויבט נישט, אַז מ׳קאָן
בעסער מאַכן די וועלט
מיט אַ ביסל רויט־וואַסער . . .

אויפן אויוון שמעקט דער קאַרטאָפל־זופּ.
פייגע פון משפּחהדיקער נאָענטקייט דורכגענומען,
פּאָרעט זיך אין שטוב און האַלט אַ גאַנצן טאָג
דעם עלטערן ברודערס חסידישן ניגון אונטערברומען —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

חבר גאָרמאַן באַהאַלט זיך אוים

אין אַ צימער אַ קויטיקן און קאַלטן
חבר גאָרמאַן איז באַהאַלטן.
דאָס צימער מיטן פענצטערל קליין און קרום
פאַרשפאַרט פאַר אים די שטאָט אַרום.
אין אַט דעם צימער פאַרהאַקט ווי אין אַ שטייג,
שפרייזט ער שעהן גאַנצע אין געדיכטן רויך
פון אייגענעם ציגאַר און שווייגט.
דערנאָך אַט אַזוי אין זיך פאַרטיפט,
זעצט ער זיך צום טיש און שרייבט
אַרטיקלען אין אַ גראָבער, געדיכטער שריפט.
פאַר יאָסלען וואָס באַזוכט אים אָפט
באַקלאָגט ער זיך: אַז די איינזאַמקייט
איז פאַר אים די שווערסטע שטראָף.
און שטאַרק ער ליידט, וואָס ער קאָן פערזענלעך
נישט אָנטיילנעמען אין איצטיקן שטרייט.
וואָרים שרייבן אַליין איז נישט גענוג.
די מאַסן גויטיקן זיך איצט
אין פירער געוואַגט און קלוג.
אין קאַנאַדע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן
וואַרפט מען אונדזערע חברים הינטער גראַטן.
אונדזער פיער פינצטערט שוין אין אַ תפיסה־צעל.
און חוהלעם הארץ מיט געוויין איז אָנגעקוועלט.
פונדעסטוועגן כאָטש מען שאַרפט דאָס מעסער
צום צאָרן־שניט, ווערן מוטיקער און גלויביקער
פון קעמפערס די טריט.
און איבער גאָר דער וועלט וואַגנדיקער און פעסטער
זיינען קעמפנדיקע ברידער און שוועסטער.
איך גלויב, אויפשיינען וועט אינגיכן יענער טאָג
וואָס מען וועט בענטשן און זאָגן:
כדאַי געווען אַלע פיינען.
אַבי איצטער הינטער פלאַטער פון די רויטע פענער
איז דאָס לעבן פריידיקער און שענער.

יאָסל ווייסט פעלקער וועלן צעברעכן די שקלאַפנרוט.
אין זיין געדאַנק ער זעט דאָס אויפגיין
פון דעם טאָג געבענטשט און גוט.
נאָר איצטער אים שרעקט היטלערס רוצחים־מאַכט
וואָס וויל פאַרטיליקן דאָס פאָלק ישראל
וואָס איז פון קיינעם נישט באַוואַכט.
עס ציטערט חבר גאָרמאַנס קול:
„און איך האָב מורא, אַז היטלער
וויל פון לענדער מאַכן אַ טויטן־טאָל,
ער וועט זיך איינגיכן וואָרפן אויף דער וועלט
מיט זיין מאָרד־מאַשין.
און ער וועט פאַרטיליקן די יידן פון פוילן און וואָלין.
יאָ, יידן אין אייראָפּע שטייען ביים ראַנד
און פאַרמאַכט זיינען פאַר זיי
די גרעניצן פון יעדן לאַנד.
דאָס פאָלק ישראל אַן עלנט שעפעלע
צווישן היטלערס פאַרצוקנדיקע ציין
און קיינער הערט נישט זיין געוויין״.

יאָסל דערציילט חבר גאָרמאַנען:
„אַז די נאַכט אין חלום
טראָגט גרויל אין מויל.

עס בריט זיין לייב אַ מעסער־שניט,
און עס הילכט איבער דער גאַס
דער האָגל פון די היטלעריסטישע טריט״.

יאָסל קערט אַ היים, ווען עס שטערנט די נאַכט,
און עס זילבערט דער שניי אויפן שליאַך.
יאָסל היט זיך נישט צו לאָזן
פון זיינע טריט קיין שפור,
קוקט ער זיך אַרום צי עס שאָטנט
אים נישט נאָך קיין פאַרדעכטיקע פיגור.

דורך גאַסן טונקל און אומבאַקאַנט
ער דרייט זיך און שפּאַנט.

נאָך האַלבע נאַכט
פאַראומערט און אויסגעשעפּט,
גרייכט ער די שטובנטרעפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּיער אין טורמע

שוין חדשים, ווי פּיער איז אין טורמע פאַרשפּאַרט
און דער אַרבעטער איבערן גאַנצן לאַנד
אויפן אורטייל וואַרט.
מען האָט אים אַרעסטירט,
אויף אַ הונגער-מאַרש
וואָס ער האָט קיין אָטאַווע געפירט.
אַרבעטער אויף פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען
פאָדערן און שרייען:
מען זאָל זייער פּיערן באַפרייען!

הוהלע מיט טעג פאָרויס ווייסט, ווען
עס וועט איר דערלויבט ווערן אים צו זען.
זי פּוצט זיך אויס אין שענצטן קלייד,
און קומט צו אים מיט נאָענטע רייד:
זאָרג נישט, וועסט פון טורמע אַרויס,
ווייל די רעגירונג וועט זיך מוזן בויגן
פאַרן אַרבעטערס צאָרן-ברויז.
וועסט ווערן אַ ייד.
ווייל אויך צווישן יידן,
וועט קיינער נישט צוימען
דיינע קעמפנדיקע טריט.
אָבער ער ענטפערט שטיל און שיין:

איך דאַרף דיין ליבע די ריינע.
און איך בענק נאָכן דאָרפישן שטיבל
מיט די פענצטערלעך די קליינע.

ער איז אויסגעצערט,
און ערנסט פאַרקלערט
קוקט ער אויף איר אומעטיק געזיכט,
און זעט אין אירע אויגן אויפגיין
פון ליבע דאָס לויטערע ליכט.

פון טורמע שפּאַנט חוהלע גלייך אַריין
צו פייגען אין קיך, וואו עס טריקנט זיך
דאָס קינדערישע געוועש אויף דינע שטריק.
אין אירע אָרעמס זי וויינט
אויף איר גרויס אומגליק.

פייגע נעמט זי איין,
און מילדערט מיט טרייסטנדיקע רייד
איר טיף־שווערן פיין — — — — — — — — — — — — — — — —

חנוכה אין הויז

אויף די שויבן גליט פון פראָסט
דער זילבערנער פּאַס.
דער טאַטע וויל אין קאַנאַדע
כאָטש נאָך איינמאָל דורכגיין ש״ס.
אין די שפּעטע נעכט פון דערוואַכן
זיינע אויגן אין גרמאָ־בלאַט זיינען פאַרשטאַכן.
עס וויגט זיך זיין לאַנגע ווייסע באָרד,
ווען ער ניגונט איבער אַ שווער וואָרט.
אויף מויערן־ווענט דער שניי־ווייסער ווינט קלעטערט.
דער טאַטע שאָטנט איבער די גמרא־בלעטער.
פייגע טראַכט:

דער טאַטע אין זיין געכטן
איז אַ מענטש אַ גלויביקער און גאַנצער.
און יאָסל אַמפּערט זיך אויף זיצונגען יעדע נאַכט,
ווייל ער וויל פון יושר זיין דער נייער פלאַנצער.
יאָסל שפּאַרט זיך, אַז איניקע טאָן־געבער
זיינען הערשעריש, קליינלעך און פלאַך.
און פייגען אַרט וואָס צוליב דעם
שוין וואָכן, ווי ער שרייבט נישט קיין שום זאַך.
דער טאַטע זאָגט: זאָל יאָסל זיך צוריקקערן אין שאַפּ,
וועט ער זיך אויסניכטערן פון מאַשינען־קלאַפּ.
זאָל ער צוריקגיין צו דער גמרא,
וועט ער ווידער דערפילן דעם טעם פון אמת און וויסן,
וואָס יעדער פרום־ערלעכער ייד ווייסט,
אַז דער שומר ישראל איז מיט אונדז יידן
אין יעדער עת צרה.

יעדן פרייטיק צונאַכטס נאָך קידוש,
זאָגט דער טאַטע פאַר יאָסלען
אין לערנען עפּעס אַ חידוש.
ביי פייגען איז טאַטע־מאַמעס תמימותדיקע פרומקייט
פריש און ניי, און זי פאַרשטייט, אַז אַט
פון דעם דאָזיקן דורותדיקן, ערלעכן שטייגער,
האָט זיך יאָסל געלערנט, אַז מען טאָר
פון לעבנס־עול נישט ווערן פריי.
פייגע פילט, אַז יאָסלס לעבן וואָלט געוואָרן הויל,
און עפּעס צווישן זיי וואָלט געוואָרן לויז,
ווען זי דערווידערט מיטן מויל וועגן דער פירונג אין הויז.
דעריבער איז דאָס פאַר איר נישט קיין יאָך.
בפרט דער שבתדיקער טיש
פאַרטרייבט פון שטוב די וואָך.
און איר איז גוט, וואָס אין אַ יום־טוב
איז נישט אַליין איר צוגערוימטע, פרידלעכע היים.
קרובים און לאַנדסלייט זיינען אָנגעלייגטע געסט.
מען האַלט זיך היימיש־נאָענט,

מען זינגט און מ׳טרינקט און מ׳עסט.
אזוי איצטער אין דער חנוכה-נאכט,
זיצט די גאנצע משפחה.
און בעני קאמעדיאנט לאכט
פון איטלעכם מעמד און מלאכה
אין קאנאדישן לאנד.
עס צאפלען די ליכטלעך אין דער מנורה.
ר׳ הענעך און דער טאטע פעדימען
חסידישע מעשות און זאגן-איבער
דעם אלטן רבינס א תורה.
די מאמע רייסט אלץ איבער מיט א זיפץ:
„וואס קומט ארוים מיר זיצן דא אלע ב״ה במנוחה
אבער די געבליבענע משפחה אין עבר לים
רינגלט ארום א בייזער פלאם״.
די מומע זיפצט:
היטלער הרשעם חיל זאל נאר נישט פאלן ווי א בליץ
אויף ישראלם הויז וואס איז
שוין אזוי אויך וואקלדיק און לויז.
דער טאטע וויל פארקלענערן די שרעק
און ער זאגט: גאט וועט שיקן זיינע גוטע מלאכים
צו היטן אונדז אויפן סכנהדיקן וועג.
דער רבונו של עולם וועט נישט באוויליקן,
אז היטלער הרשע זאל קאנען
די יידן פון אייראפע פארטיליקן.
און ר׳ הענעך וואס וויל ביט אז די שמחה
פון חנוכה זאל ווערן פארשטערט, זאגט ער אין א געלעכטער:
„איר הערט, מען מורמלט, אז אין די שעפער וויל מען שוין ווידער ניט
קיין פרומע יידן מיט בערד, ווייל
צו גרינע זיי פארשדכנען די שיינע, יידישע טעכטער״.
און ער דערציילט, ווי יאסל האט פייגען אויסגעוויילט.
באלד אין ערשטן טאג אין שאפ,
האט די ליבע זייביידן פארכאפט.
פון ליבע די לאסט
צו זייערע יונגע, ריינע הערצער האט געפאסט.

און אַט אַ וואָלקן שוואַרצט זיך און שווימט אָן אומגעריכט,
און לעשט שיעור נישט אויס פון ליבע דאָס ליכט.
יאָסל אין אַרבעטער-רעסטאָראַן צעאַמפּערט זיך
וועגן עמעצענס אַ רעפעראַט פון וועלכן
ביידע האָבן שפּעטער פיל עגמת נפש געהאַט.
וואָרים אויפן אָרט שפּאָרט מען נישט
דאָס וואָרט וואָס כעסט און זידט
אין קריגערישן געמיט.
דערצו שרייבט עמעצער אַריין אין אַרבעטער-בלאַט:
אַז דער יידישיזם וועט דעם יאָסלען אַזוי קייקלען
ביז ער וועט ווערן אַ רענעגאַט.
ווייזט אויס, קיין שום זווג קאָן נישט פאַרמיידן
פון לייטערן די ליבע אין בענקשאַפט אָנגעלאָדן מיט ליידן.
אָבער נאָך אַ סך ברוגזע טעג,
און די ליבע געפינט ווידער
צו זייער האַרץ דעם וועג.
דעם סוף ווייסט איר אַליין:
אין דער ליבע, אין זיין פּרוכטיקן גאָרטן
דער זיווג איז געראָטן.
ווייס קינדיש געוועש טריקנט זיך אויפן שטריק.
אָנגעזעטיקט און ריין טרייסלט זיך
אין וויג דאָס קינד און שמייכלט
ליכטיק און שיין. עס מיִעט זיך פייגעס געזיכט.
אירע אויגן שטראַלן אין פריידנליכט.
אויף איר קלאָרן קליינעם שטערן
גליט אַ דינער קאַרבן-שניט.
ר' העניך וויל די שיינקייט
פון זייער ליבע דערקלערן.
אויף פייגעס, לאַנגע וויעס
הענגען טראָפּנס טרערן.
בעני קאָמעדיאַנט לאַכט:
די ליבע איז די שטאַרקסטע מאַכט.
די ליבע אין האַרצן — ווייִן אַ פולער כוס.
דעריבער האָבן זיך איצט די טרערלעך

פון פייגעס שטראַלנדיקע אויגן געטאָן אַ גאַס.
און אין יאָסלס געדאַנק ליכטיקט־אויף
פון ליבע זיין שטענדיק־גאַרנדיק געזאַנג:
„דו ביסט פון מיין בענקשאַפט דער טרוים.
דו ביסט דאָס ליכט פון מיין פרייד.
איך זוך דיך אין שאָטן פון בוים,
אין שטילן רויש פון זיין בלעטער־קלייד".

אין הויז איז יום־טובדיק.
די פריידן ברויזן.
עס בלויט דאָס אויסגעשטריקטע טישטעך
מיט די גרינע פראַנדזן און רויטע רויזן.
אָבער פייגע אין איר געדאַנק שפּאַנט
מיט יאָסלען צו די לאָנקעס מיט געטרוקנטן היי
און זי פאַרגעסט גאָר, אַז איצט
איז ווינטער, און די שויבן שימערן
אין דעם בלענדנדיקן ווייס פון שניי.
און בעני מאַכט זיך, ווי קיין זאַך גייט אים נישט אָן.
אים רייצן די לאַטקעס און דער געפּרעגלטער האָן.
זיינע פּיס רוען אין אַ פּאָר וואָלענע גוטע פּאַנטאָפל.
צעקנעפּלט איז דער היימיש פּויערישער שפּענצער.
און ער אַ פאַרשוויצטער — זיצט און שלינגט
דעם רויטן באָרשטש מיט די פאַרעדיקע קאַרטאָפל.
בעני פאַרטיקט זיך ענדלעך אָפּ מיט דער סעודה און זאָגט:
וואויל וואָלט געווען ווען דער ווינט
טראָגט אַוועק היינט באַנאַכט די טרעפּ,
וואָלט איך אויף מאָרגן נישט געדאַרפט
גיין אין שאַפּ, צום געשטעפּ.
איך פייף אויף ראָקפעלערן, אויף זיין קאַסע,
וואו ער האַלט זיין גרודע גאָלד.
קאָן ער דען קריגן אַזאַ טעלער באָרשטש,
ווען אים וואָלט זיך פאַרוואָלט?
סיי ווי רבותי, איך האָב אין בלאַט
געלייענט יאָסלס אַ ליד נישט פון טרויער,

נישט פון הונגער, נאָר פון דער ליבע
פון אַ גאַליציאַנער משכּיל וואָס
שערט זיך באָרד און פאות
און טראָגט אַן אונטערגעהאַקטן כאַלאַט.
איך האָב זייער געלאַכט.
איך מיין דעריבער, אַז עס איז פּאַסיק
צו לייענען דאָס דאַזיקע ליד
טאַקע איצט אין דער פריילעכער חנוכּה־נאַכט.
בעני מיט מינע און קול לייענט און אַנטפּלעקט
דעם קאָמיזם פון דעם גאַליציאַנער חתן
פון דער אויפגעקלערטער שטאָט טאַרנאָפּאָל:
„אויס אַן אַלטן בריוונשטעלער איין ליבעס בריוו
פון שמואל האַכגעלערנטער פון טאַרנאָפּאָל — דער שטאָט
מיט אַלטע געמעלער, צו זיין בילד שיינער כּלה,
פריילין מאַליא זילבערבאַנד אין זאַמאָשטש,
דעם שניט־קרעמערס טאָכטער, וואָס
מיט אירע מאָדישע קליידער שמט זי אין גאַנצן קאַנט.
צו מיין האַרצנס־געליבטע מאַליאַ זילבערבאַנד!
זאָל דער ליבער גאָט באַוויליקן
מיר זאָלן אינגיכן זיין באַנאַנד.
איר זענט הערלעך און שיין,
און אייער האַרץ איז גוט און ריין.
עס איז מיין הויז מיר ווי אַ צעל.
וואָרים איך בענק נאָך
די טריט אויף אייער שוועל.
מיין פיל־געליבטע כּלה, מיין אומשאַצבאַרער שאַץ.
זילבער־טראָפּנס פינקלען אין פריש־גרינענדיקן טאָל,
ווי אין אַ טיפער, בלויער טאַץ.
מיין גנעדיקע, וואָס האָט אַן איידל האַרץ,
עס שטאַרקט זיך די בענקשאַפט טאַקע יעצט
אין ענד פון פרילינגדיקן מאָנאַט מאַרץ.
איך לעז דעם שפּאַנענדן ראָמאַן
„די געהיימניסע פון פּאַריזש",
וואָר דער מענטש איז אַ מענטשן־ריז.

איין בראווער מאַן מיט אַ נאָבעלער זעל,
אָבער ער מוז נעבעך קעמפּפן
מיט שלעכטע לויטע אין איין לייבן־פעל.
יאָ, איין גוטע נאַכריכט איך האָב מיטצוטיילן,
וואָס איר קענט שוין אַלע אייערע פריינדינס דערציילן.
איך האָב שוין באַקומען איין שטעל אַלס בוכהאַלטער.
איך פאַרהאָף צו גאָט, מיט דער צייט וועל איך
דאָ ווערן דער גאַנצער פאַרוואַלטער.
מיר וועלן קיין פאַראַזיטן נישט זיין,
נישט דאַרפן עסן קעסט,
מיר וועלן, ווי אונדז געפעלט
בויען אונדזער ליבעס־נעסט.
מיר וועלן זיך פירן רעליגיעזיש, אָבער ניט פרום־פאַנאַטיש.
מיר וועלן לעבן ווי געבילדעטע לייט,
זויבער־שיין, שטיל און באַלעבאַטיש.
איך וועל זיך קליידן קורץ און דייטשיש,
פאַר מיינע האָכגעשעצטע הארן אויסקוקן אייראָפּעאיש־לייטיש.
איך באַדויער, וואָס אייערע פאַנאַטישע עלטערן ערלויבן נישט
מאָלן איין בילד פון אייער הערליך־פּרעכטיק געשטאַלט.
דיזע פּאָלנישע יודן — ווילדע ברואים אין איין אורוואַלד.
יאָ, מיין טייערע כלה, איר זענט מיין הארצנסגעליבטע,
דעריבער מיין הייסע רייד, הערט אוים, ביטע:
דער ליבער גאָט האָט אייך מיר באַשערט.
איך וועל טאָן אַלץ אייך צו האָבן די ווערט.
אייער שיינקייט, וויזהייט און גנעדיקייט
האָט אַ שם אין דער גאַנצער מדינה.
איך שיק אייך אַ פּרעזענט איין העכסט־אינטערעסאַנטן ראָמאַן,
אַ גאָלדן פינגערל, אַ טייטש חומש מיט אַ זילבערנעם שלאָס,
אונד איין באַצירטע, לעמבערגער תחינה.
איך וואַרט מיט גרויס אומגעדולד
אויפן טאָג פון אונדזער חופּה.
אָקעגן טאַנצן מיט אַ קוילעטש וועט די פאַרנעמע דאַמע —
מיין געבילדעטע און רייכע מומע ציפּע.

אונדזער געטלעכע ליבע וועט בענטשן
מיין ליבעסווירדיקער גרויספּאָטער.
אונדזער האָכצייט וועט זיין צויבערלעכער, לוסטיקער,
ווי אויף אַ באַל אין קייזערלעכן טעאַטער.
אויף אימער און אייביק וועלן מיר
אַ גליקלעכס פאַמיליע-לעבן פירן.
אין די פאַריזשער מאָדישסטע קליידער
וועט איר זיך ביי מיר צירן.

איך לאַד אייך איין מיין גנעדיקע כלה אויף פסח.
די רייזע זאָלט איר מאַכן מיט אַ קאַטש,
נישט מיט פּאָסט-וואַגאָן אין פּראָסטן געשפּאַן.
ביטע, למען השם אָפּשטאַטן איין וויזיט
ביי מיין האָכגעשעצטן אָנקל ברוך און מיין מומע זלאַטע
וואָס וואוינען אין רעכאָן און פון וועמענס רייך הויז
די אָרעמע לייט גייען אַרויס באַקליידטע און זאַטע.
ביטע גריסן אַלעמען דאָרט,
און אַן אַנטוואָרט באַוויליקט מיר זאָפאָרט.

עס איז יעצט נאַכט אין טאַרנאָפּאָל,
דער הימל איז אַ פינקלענדיקער שטערנטאָל.
איך פלאַטער צו זען אייער שיין געשטאַלט.
אויף אימער אייער שמואל האָכגעלערנטער".

בענין דעם פּאַרלייענער
לויבט מען פאַר דער דיקציע דער ריינער.

אין דער היימלעכקייט פריידיק, דערהויבן,
שטילן ביסלעכווייז איין פון געלעכטער די קלאַנגען.
אויפן ווייסן פנים פון די שויבן
שלייפט דער פראָסט די זילבערנע זאַנגען.

ל י ב ט

פייגעס טרויער

אין די אוונטן, אויף פארזאמלונגען האלט פייגע רעפעראטן,
אז מען טאר נישט דערלאזן, אז עס זאלן זיך אויפסניי
צעהילכן די הארמאטן.

זי רעדט און רופט די גרויס-מאכטן,
צו פארמיידן נייע גרויזאמע שלאכטן.
זי מאנט ביים געווויסן:
אז מען זאל אפשטעלן דעם רוצח היטלער,
איידער ער הויבט אן אין א טייך בלוט
די וועלט פארגיסן.

זי ווארנט: היטלער האט פארקלערט צו שפאנען,
און פארוויסטן די ערד מיט טאנקען און עראפלאנען.

יא, פאראייניקט מיר קאנען
פארמאכן די מיילער פון זיינע קאנאנען.

זי קומט אהיים נאך חצות
און זי שרעקט זיך אז א ליאדע טאג,
וועט די מלחמה אויסברעכן
מיט היטלערס ערשטן שאס.

אינדערפרי. אירע אויגן גליען אין וויי
פון די שויבן
וואס שטראלן פון זון און שניי.

מיט ווייסן שיין דער צימער איז פארשוואומען.
און זי טראגט אין הארץ דעם פיין דעם שטומען,
זי געדענקט חברים געפייניקטע צווישן טורמע-שטיין,
און דאס הארץ קוועלט זיך אן פון געוויין.
זי זוכט בארואיקונג אין דער גיטאר.
נאר דורך סטרונעס דער טרויער
שטארקער נאגט און שפארט.

דאָן פֿאַרטרויט זי דאָס קינד דער מאַמען.
און אַליין לאָזט זי זיך אַרויס אינדרויסן,
וואָס כאַפּט זי אַריין אין אירע פּראָסטיקע פֿלאַמען.
פֿאַרטוליעט אין מאַנטל איר געביין,
שפּרייזט זי אין ווינט
וואָס ברעכט פֿון די דעכער די אייזיקע ציין.
זי מיידט נישט אויס אין גאַס קיין שוועל,
און מיט אַ שטאָלצן שטעל זי שטרעקט די האַנט,
און בעט אַ ביישטייערונג פֿאַר אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט.
אַלע זאָגן איר, אַז זי זאָל באַהאַלטן
דאָס פּנים פֿון דעם ווינט דעם שטעכיקן
און פּראָסטיק־קאַלטן.
מען רופֿט זיך אָפּ מיט גרויס מיטגעפֿיל.
און פֿייגע דערגרייכט איר ציל.
פֿייגעס פֿאַרטוליעט געביין
שמעקט מיטן ריח
פֿון פֿרישן שניי.
אירע שמייכלענדיקע אויגן —
שטראַלנדיקע שפּיגעלעך צוויי.
פֿייגע דופּטיקט מיט דער לופֿט
אין ריינעם דרויסן אָנגעשעפּט.
זי גייט מיטן ווינט וואָס קלעטערט
אין געבריל אויף די פֿאַראייזיקטע טרעפּ.
אָנטרינען איז פֿון איר דער פּיין,
אַ צעשטראַלטע זי קערט זיך
צוריק אין שטוב אַריין.
אַ פֿריילעכע מעלאָדיע אין האַרצן קוועלט
און זי בענטשט די אייגענע, שטוביקע שוועל.
דאָס קינד אויפֿן דיל קייקלט צו דער קאַץ די באַל,
און פֿייגע לאַכט לוסטיק אויפֿן האַרציקן קול.
זי כאַפּט דאָס קינד אין אירע אָרעמס
און מורמלט: יינגעלע, מיר וועלן ביישטיין
אַלע ווילדע שטורעמס.
און זי בענקט נאָך יאַסלען

וואָס יעדן אינדערפרי ער שפּרייזט
אין שטאָטישן געפילדער,
מיט אַ האַרץ אָנגעלאָדן מיט לידער.

דאָס קינד פּלאַפּלט.
זיינע פרייל־עכע, אומפאַרשטענדלעכע רייד,
זיינען פאַר איר אַ קוואַל פון פרייד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם טאַטנס פאַרדראָס

אויפן טיש קילן זיך גלעזער טיי.
דער טאַטע רעדט צו יאָסלען אין צאָרנוויי:
אַזאַ פאַרשוועכנדיקע שירה,
האָט אין זיך דעם ניצוץ פון כפירה.
דער טאַטע ציט דעם ווייסן פאָס פון דער באָרד
און לייענט יאָסלס ליד וואָרט און וואָרט:
„גאָט, איך ווייס אַז ביסט דאָ,
נאָר אין מיין מויל איז קיין לויב פאַר דיר נישטאָ.
איך ווייס, איך בין פון דיין בלענדנדיק ליכט
דיין ליכטיקער זאָמען, נאָר איך ווייס, איך דאַרף נישט זיין
דער קרבן צו הייליקן דיין נאָמען.
וואָס דאַרף איך טאָן פאַר דיר?
דיין הימל פאַר מיר — אַ געשמידטע טיר.
ווי פיל איך רעד און בעט צו דיר,
און דו גיסט אַלץ אָן אין מיין לייב
דאָס פייער פון שרעק און פיין.
ביסט פאַרהוילן אין הויכן,
און דיין זון־ליכט בלענדט דורך בלויע רויכן.
איך קען דיך נישט זען.
ווילסט פון מיר לויב, ווילסט איך זאָל זיך
אין דיין שאַפונג דערבנידערן און פייניקן,
מיט רופן זיך אַליין מענטשן־שטויב.

איך קאָן דיך נישט לויבן,
אַפּילו פאַר אויפברעכן אין פרילינג
די אייזיקע שויבן.
גאָט, דו טוסט גאָרנישט פאַר מיר,
האָסט מיך באַשאַפן צו פייניקן מיין לייב,
זאָלסט הנאה־האָבן פון זאָגן:
גאָרנישט נאָך דיר מענטש בלייבט.
דו ביסט שטענדיק דער געאַכפּערטער,
דער וואָס קומט צוריק מיט אַ קרוין פון קריג.
אָבער איך וויים בלויז די וועלט, די ערד
דיין וויג וואָס טרייסלט מיך
אין דיין צאָרנדיקן געוויג".

מען האָט דאָס ליד נישט געוואָלט דרוקן אין אַרבעטער בלאַט
ביסטו אוועק אין אַ זשורנאַל פון צווייטן צד.
דו ווייסט שוין נישט לפני מי אתה עומד,
האָסט פאַרגעסן, אַז פאַר גאָט ברוך הוא,
דאַרף מען שטיין מיט אַ געבראָכן הארץ
פול מיט שרעק, ליבשאַפט און דערשטוינונג,
ווייל מלא כל ארץ כבודו מיינט:
אַלע וועלטן זיינען זיין וואוינונג.
דעריבער ווער ביסטו וואָס פועלסט ביי זיך
צו רעדן קעגן גאָט?
אַ מענטש דאַרף לויבן גאָט פאַרן חסד, וואָס
יעדן טאָג מאַכט ער ליכטיק די וועלט
מיט זיין זון־ראָד.
ווי וואַגסטו צו דרוקן אַזאַ שיר?
בעסער וואָלסטו געבעטן, אַז ער זאָל דיר
עפענען פון רחמים די טיר.
ר' הענעך ניגונט און זאָגט:
איטלעכער מענטש האָט זיך
זיין ווערט און וואָג.
איך פאַרשטיי נישט דעם צאָרן,
האָט דאָך שוין איוב געשאָלטן
דעם טאָג פון זיין געבאָרן.

איך זע גאָר אין דעם דאָזיקן שיר
פון גרויס אמונה דאָס פלאַמען,
פון יסורים די טיפע טעמים.
און די טענות האָבן אין זיך
דעם מענטשנס הארץ וואָס איז זיין הייליק היכל,
ווען ער גרייכט די הויכן מיט זיין שכל.
ר׳ הענעך ניגונט און די טיי פון גלאָז ער זופּט:
עס איז אַ זינד פאַראומערן די שטוב.
יאָסל אין זיך פאַרטיפט.
קוקט צעווייטיקט און פאַרבליפט.
דער מאַמען פאַרדריסט דעם טאַטנס שטראָפן.
דאָס הארץ אָנגעטרערט
רעדט טענהדיק, אָפן:
ווען דו וואָלסט ווי אַ טאַטע, מיט הארץ,
די שורות געוואָלט לייענען,
וואָלסטו געוואוסט אַז די יסורים
דורך די ווערטער וויינען.
אָבער וואָס טויג דיר לידער.
זאָג בעסער תהילים
פון אַלטן ירושה סידור.
לערן בעסער אַ פּרשה חומש,
אַ פּרק משניות און היט
אין הויז דעם שלום־בית.
הער אויף מיט שטראָפנדיקע דבורים
וואָס ברענגען יאָסלען אַנגסט און גיסן אַן
פייגעס הארץ מיט יסורים.
נישקשה, איך קאָן מיינע לייט.
פייגען האָט מען דאָך געווים
אויסגעשניטן פון יאָסלס זייט . . .
פייגע פילט אָן די גלעזער מיט הייסער טיי
און רעדט צום טאַטן, צו ר׳ הענעכן —
די טרויעריק־פאַרקלערטע צוויי:

„מיר איז בכלל נישט צום הארצן אזא דיכטונג
עס פירט נישט אין קיין שום ריכטונג.
זיין געמיט, איידער עס וועט ווידער נעמען העלן
וועט פיל עקבערנדיקע טענות צו גאָט שטעלן.
מ׳קאָן אָבער דעם דיכטער נישט צווינגען און דיקטירן.
זאָל ער פון דער אייגענער טיף זינגען, און זיינע ווערטער
וועלן שוין עפענען אין מענטשן די הארץ-טירן״.
פייגע קוקט אויף אים מיט הייסע, ליבנדיקע אויגן
וואָס זיינען מיט דער טרער פון טרייסט פארצויגן — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יאוש

אין דמיון דרייט זיך יאָסל טיילמאַל אַרום אין שטעטל,
אָדער ער זיצט אין בית-מדרש און מוטשעט זיך איבער אַ פּשטל.
אין איינגעשטילטן מארק-געווימל
פּלעמלט אַ לאַמטערן און פינטלט צום הימל
אָנגעשאָטן מיט זילבערנע שטערן.

יידן פאַרטראַכט און פאַרטרויערט איילן-פאַרביי
דער הרובער פעסטונג-מויער, וואָס
שרעקט מיט די פאַרמאַכיקטע, קרישלענדיקע זיילן.

אַ פאַרשפּעטיקטער פויער
קנאַלט מיט דער בייטש
און יאָגט צום אייזערנעם טויער.

אין בית-מדרש וואו די טרייסט
איז טיף און אָפן,
זיינען יידן אַצינד אַנטלאָפן פון מאַרק-טאָל,
פון שרייען און שעלטן, פון שווערן פרנסה-עול,
פון ווינטיקע קעלטן.

די חלבנע ליכט צאנקען און צישן.
זקנים זיפצנדיק, פרום
מעשות פון פארצייטן,
זיי האלטן אין איין מישן
ארום די לאנגע, צעקארבטע טישן.

אויגן לייטערן זיך,
און טיף איז דער גלויבן:
אז גאט היט יעדן ייד,
און ער וועט פון פינצטערן גלות ארויסהויבן.

אוים מארק, אוים ווימלען.
זיי שוועבן אצינד אין ליכטיקע וועלטן,
און עס זיינען די הימלען —
זייערע בלויע געצעלטן.

פארשלאסן בריק און טויער.
אוועקגעשוואומען שרעק און פויער.
געסלעך טונקלען און שטומען.
און איבער אפענע גמרות
יידן מיט צעווינטלטע בערד
ניגונען און ברומען אומעטיק, פארקלערט.

דאס פנים בלענדט.
שאטנס ווי בייטשן
פלעכטן זיך אויף די ווענט.
יידן ניגונען און זוכן אין ספרים
קלוגע, קלארע טייטשן.

און ביז נאכטיקער שפעט דאס געבראכענע געמיט
פון יידן רעדט דורך מעשה און משל,
דורך א פרשה חומש מיט רש״י,
א פרק משניות, א בלעטל גמרא.

עליע מאירס הויכער, פארטראכטער שאטן
שפאנט אויף דער וואנט אין ברייטן טלית קטן.
שטיל און הארציק ער ברומט א זמר,
און עם קוויקט דאס קאלטע וואסער
פון טיפן האלצערנעם עמער.
און די דראטווע-ציער און נאדל-דרייער,
די רימערס און די דארפסגייער,
זיצן ביים אויוון, ארום טיש
מיט פיס סקריפנדיק, קרום,
און רעדן צו גאט דורך תהילים-ניגון
נאגנדיק, פרום.

יאסל איז אבער נייגעריק צו וויסן, וואס
האט זיך דארט געענדערט זינט די יארן, וואס
ער היימישט זיך איין אין די ווייטע לענדער.

יאסל שרייבט זיך איבער מיט זיין ייגגסטן חדר-חבר
שמואליק דעם מעבל-ארבעטער מיט די טיף-שווארצע אויגן
וואס ליכטיקן און פינקלען, ווען ער טוט צו די שניידער-מיידלעך
זיך באגריסן און מיט גרוים איידלקייט זיך בויגן.
שטעטל זאגט: נאך די טריט פון שטילן, שווארצן שמואליק
לויפן אלע מיידלעך פון די ארבעטער-הויפן.
זיין גוף גלייך און בייניק בויגט זיך,
ווען ער טענהט: אז די ישועה וועט קומען,
ווען אין קאמף וועט דער גאנצער פראלעטאריאט
גיין געאייניקט.
די ליבע צו אים ברענט,
ווייל ער איז שיין און אינטעליגענט.
און אין זיין הארץ שפינען זיך די טרוימען
וועגן דער סאציאלער רעוואלוציע, וואס דארף
אינגיכן אויפברעכן א נייעם באגינען.

מען מורמלט אין שטעטל: אַז אין די אוונטן,
נאָך דער אַרבעט זיצט ער ביים נאַפט-לעמפל
אַ מידער און שרייבט רעוואָלוציאָנערע לידער.

יאָסל זאָגט, אַז שמואליק איז אַן עכטער טאַלאַנט,
און אַז ער האָט שוין פון אים באַקומען לידער
וואָס קאָן סטייען אויף אַ נישקשהדיקן באַנד.
יאָסל האָט שמואליקן ליב, ווייל ער איז אַ היימישער יאַט,
און ער דרוקט זיינע לידער אין אַרבעטער-בלאַט.
זינט דער שמואליק האָט פון יאָסלען
געקראָגן ליטעראַרישע סמיכה,
באַרימט זיך זיין מאַמע די לאַנגע העניע:
אַז איר זון שרייבט פאַר די אַרבעטער אַ נייע סליחה . . .
די אַרבעטער-יוגנט גרויסט זיך מיט אים,
און ער טראָגט שוין דעם שטעמפל
פון אַ רעוואָלוציאָנערן פאָעט, וואָס
פאַרברענט זיינע נעכט, שרייבנדיק
לידער ביי אַ נאַפט-לעמפל.

אָט דער שמואליק שילדערט אין קלאָרע בילדער,
דאָס שטעטל פון די לעצטע יאָר, וואָס
יאָסל טראָגט אין זיך
פון זינט זיין אייליקן אָפּפאָר.
שמואליק גיט איבער:
עס איז דאָס זעלבע שטעטל
פון הייזער קאַלט און קויט,
אין וועלכן עס ברענט
אין צאָרן פון קאַמף די קנויט.
דאָך טוט מען טיפער אַ בליק,
איז עס נישט פון איין שטיק.
דאָס שטעטל האָט פיל פּאַזן.
כאָטש דער אַלטער, פרומער דור
פירט נאָך מחלוקתן איבער
אַ שוחט, אַ רב און אַ חזן.

אַ טייל פון דער באַלעבאַטישער יוגנט איז אַסימילירט,
און אַלץ ווערט ביי זיי אויף פּויליש געפירט.
אַט די זיינען אַן אידעאַלן, הויל.
זיי שפּרייזן גרופּעסווייז אין מאַרק צו ווייזן,
ווי שיין און שטאַרק דאָס פּוילישע לשון
קלינגט אין זייער מויל.
אַט־די מיט געבאָרגטע פלאַכע פּראַזן,
זעט אויס, אַרט נישט, וואָס אין איצטיקן פּוילן
שאָקלען זיך אונטער די פיס פון יידן אַלע פּרנסה־באַזן.
אָבער דאָס לעבן פון דער אַרבעטער־יוגנט
איז פּילזייטיק.
און אין דעם שטעטלדיקן שטייגער
איז אונדזער נייער אופן פילבאַדייטיק.
עס איז אַ לעבן פון זען די וועלט
אין העלע קאָלירן.
אַט־די יוגנט וועט עפענען
צום מאָרגן די שטראַלנדיקע טירן.
פאַרהאַן אויך פרומע בחורים
וואָס לערנען אין דער ישיבה חכמי לובלין.
אַנדערע זיינען געוואָרן חלוצים
און גרייטן זיך פאָרן קיין ציון.
ארץ ישראל איז פאַר פיל געוואָרן אַ גרויסער ענין.
פאַרהאַן שוין אַפילו חסידים, וואָס האַלטן,
אַז בלויז דאָס הייליקע לאַנד איז אַן אייביקער בנין.
קיין ארץ ישראל איז געוואָרן אַ גרוים פאַרעכץ.
פאַראַן שוין חסידים, וואָס האַלטן,
אַז עס איז אַ גרויסע מצוה דאָס בנין הארץ.
אָבער די מערסטע פון דער יוגנט זיינען קאָמוניסטן.
פיל זיצן אין תפיסות. די דאָזיקע יוגנט
קעמפט צו מאַכן אַ סוף פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם,
וואָס גיט אַ הונגער־לעבן אַ ווייסטן.

עס זאַמלט זיך אין האַרץ דער טרויער.
היטלער הרוצח אויף אונדזערע לעבנס לויערט.

טאַמער חלילה אַ קריג, וועט
אַ ייד האָבן ווינציקער ווערט פון אַ פליג.

דער טאַטע קרעכצט איבער שמואליקס שרייבן.
מיט תהילים־זאָגן ער וויל דאָס אומגליק פאַרטרייבן.
דערמאָנט מען פאַרן טאַטן דאָס שטעטל, גיסט זיך אָן
מיט טרויער זיין בליק.
ער עפנט דעמאָלט גיך די גמרא און זעצט זיך ביים קינדס וויג.
יאָסל פאַר זיך אַליין טראַכט פון דער נעכטיקער, שטעטלדיקער היים.
דער טאַטע טיף־פאַרשוויגן זיצט אָפט ביי דער גמרא,
און הערט נישט אויף דאָס קינד צו וויגן.
דעם טאַטן עקבערט אַ מחשבה:
יידן אין אַמעריקע לעבן בהרחבה.
אָבער איבער פוילישע יידן הענגט אַ גזר.
וועט דאָס זיין פאַר תורה דער שכר?
יאָסלס פנים אָנגעטאָן אין טרויער.
ער זעט היטלערס רוצחיש חייל
אויף יידיש לעבן לויערט.
דער פיין פלאַמט.
באַנאַכט איז אָפט דאָס געלעגער —
ברייענדיקער זאַמד.

ליכט

יאָסלס לידער און אַרטיקלען קריטיקירט מען אָפט אין
אַרבעטער־בלאַט.
אויפרעגנדיקע פראַגן שטעלט מען נאָך זיינס אַ רעפעראַט.
באַנאַכט, אין דער קיך דער אָנגעהייצטער,
זיצט ער פון פאַרדרוס אַן אויפגערייצטער.

דער טרויער שווערט,
כאָטש ליב איז די היים.

ער זיצט און קלערט
און ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין.

אויפֿן שויב קייקלט לבֿנה
איר זילבערנעם ציגל.
רואיק, זאַט שלאָפֿט
דאָס קינד אין וויגל.

דער דרויסן פֿאַרוויקלט
אין אַ דין־אייזיקער,
שנייאיקער ציך.
און אים דריקט דער שטענדיקער
געראַנגל מיט זיך.

ער איז שטענדיק אין קריג
מיט די שטייפֿע פֿען־שמירער,
וואָס גייען אַרום מיט אַ באַפֿעלערישן בליק
און זיינען די פֿאַרהאַרטעוועטע, שטרענגע פֿירער.

אים איז ענג.
כאַטש זיין ליד,
פֿאַרן אַרבעטער אין טיפֿן גלויבן
ער ברענגט.

שעהן זיצט ער און קלערט.
ביז עס לויכט אויף אין זיין געדאַנק:
אַז דאָס פֿאָלק איז דער קוואַל
פֿון זיין גלויביק געזאַנג.
און ער פֿאַרשטייט שמואליקס מיין:
דאָס פֿאָלק אין גלויבן לויטער, ריין.
און כל זמן עס וועט זיין הונגער,
אין הייזער קאַלט און קויט,
וועט ברענען אין צאָרן
פֿון קאַמף די קנויט.

יאָסל פרעגט זיך אַליין:
וואָס איז מיין ראָל?
און ער ענטפערט:
שטענדיק שטיין מיט די אָרעמע —
די האָרעווענדיקע פון פיינען־טאָל.

שעה נאָך שעה, און ער קוקט
אין הימל וואָס ליכטיקט
אין דער פראָסטיקער בלאָ.

עס בלישטשעט אינדרויסן דער שניי.
און יאָסל דערפילט די פרייד
פון קעמפן מיט די אַרבעטער
אין איין ריי.
און עס שטייען פאַר אים געשטאַלטן
פון אַרבעטער פירער וואָס האָבן
אַלע פיינען אויסגעהאַלטן, און זיינען
איצט די הייליקע אַרבעטער־מאַרטירער.

און פאַמעלעך, און דאָס פּאַפּיר ווערט
פאַרצויגן מיט סטראָפן
וועגן דעם שטייגער־לעבן, וואָס
איז פאַר זיינע אויגן פאַרבייגעלאָפן,
און עס שטאַרקט זיך אין אים דער באַגער
צו פאַרוואַרפן אין מאָרגן אַ שטריק און געפינען
אין פיין די טרער פון גליק.
און ער שרייבט דאָס ערשטע געזאַנג
וועגן די קעמפער וואָס זיינען אין גלויבן
שטאַרק ווי שטאָל, און זיי צעשליידערן
דעם צוימען־שטאַנג אין פיינען־טאָל.

אין שטוב שפרייט זיך פון רו די פרייד.
פייגע נייט אויפן מאַשין און טראַכט
פון די ערשטע, שווערע יאָרן פון גרין.

פייגע שטעפּט.
יאַסלען פירט דער טרוים צום פעטערס שטוב
מיט די הויכע, האַלצערנע טרעפּ, וואָס
שפּאַרן זיך צום אַלטן צווייגן-בוים.

ער שפּרייזט אַרויס פון קיך.
ער דערפילט אין זיך דאָס גליק
פון שילדערן מיט דינסטן שטריך
דאָס געשטאַלט פון יונג און אַלט.
און עס הויבט אים פון אָרט,
דאָס אָנהויבן וואָגלען מיט וואָרט
צו דער שוועל פון זיין נעכטן,
וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט
גלויבן אין אויפהעל פון אַ מאָרגן אַ גערעכטן.

פייגעס נאָדל-טריט
דין און געדיכט.
די פרייד אין יאַסלס געמיט
זוכט אין גאָלד-שטויב פון נעכטיקן וועג,
דאָס ליכט פון זיינע חלומדיקע טעג.
און ער דערפילט אין האַרץ טיף דאָס גליק,
וואָס זיינע ווערטער וועלן פאַרוואַרפן
צום מאָרגן אַ שטראַלנשטריק.

ער נענטערט זיך צו פייגען און זאָגט:
פייגע, וועגן דעם וואונדער פון ליבע
וואָס דאָס האַרץ טראָגט,
און באַהעפט אונדז ביידן,
איך וויל אַצינד מיט דיר ריידן.
וואָרים איך האָב פאַרטראַכט
צו שרייבן אַ ראָמאַן פון זינט
איך בין מיט היימישן קלומעקל
אָנגעקומען פון האַליפאַקס מיט דער באַן.
פייגע אַ פאַרגאַפטע הערט,
און די פרייד אין האַרצן טרערט.

זי פֿאַרמאַכט די מאַשין און זאָגט:
אַ גאַנצן אָוונט טראַכט איך היינט
פֿון די נעכטיקע יאָרן פֿון גרין.
איז שרייב זשע פֿון אונדזער שטייגער און שטאַם
און וועגן די וואָס צערייסן פֿון קנעכטשאַפֿט די צאַם.

יאָסל ענטפֿערט: אין מאָלן אַזאַ לעבנס-בילד
איך בין נישט געאיבט.
זאָל מיר ביישטיין די דערמוטיקונג
פֿון דיין האַרץ וואָס ליבט.
וואָרים איך באַגער, אַז ווי די טענער פֿון אַ האַרף,
זאָלן מיינע ווערטער שפּעטער אין מענטשנס הערצער
אַריינדרינגען שטיל, ציטערדיק און שאַרף.

פֿייגע רעדט שטיל מיט אַ צאַפּלדיק געפֿיל:
אַזאַ בוך וועט זיין פֿאַר מיר דאָס טייערסטע געשאַנק.
וואָרים דאָס איז אַ צייכן, אַז מיטן גליק פֿון אונדזער ליבע
וועט דיין טרויעריקער געדאַנק
צו די ליכטיקע הויכן גרייכן.
און אין דיין שטילן געזאַנג
וועט די שיינקייט פֿון אונדזער לעבן
קיינמאָל נישט ווערן פֿאַרצאַנקט.

דאָס קינד פֿאַרזינקט אין שלאָפֿן.
יאָסל ציטערט אויף אין ווייכן רויש
פֿון שטילע, פֿליסטערנדיקע סטראָפֿן:
„דו מיין יינגל, דו מיין בכור
אין געראַנגל, דערזע דו דאָס ליכט
פֿון דיין דור".

פֿייגע טוליעט זיך צו אים צו,
און עס פֿאַלט אויף זיי
פֿון נאַכט די רו.
און אויפֿן שויב, אויף אייזיקן געזיכט
שלייפֿן זיך די שטערן און שפּריצן מיט ליכט.

טייטש־ווערטער

(איבערזעצונגען פון ענגלישע ווערטער און פראַזן)

א.

אָפּים — קאַנטאָר, אַמט־צימער.
אָפּערעיטאָר — שטעפּער.
אָל אָן דהי פּייערינג לאַין — אַלע אויף דער שלאַכט־ליניע.

ב.

באָס — באַלעבאָס.
ביקאָוז — וואָרים, ווייל
באָט — אָבער.
באָנדל — פּעקל צוגעשניטן קליידער צום נייען.
בעיסמענטס — קעלערס.
באַר — משקה־פּלאַץ.
באָי — יינגל.

ג.

גאַרדן פרעש — גאָרטן פריש.

ד.

דעזאַינער — צייכנער פון נייע קליידער־מאָדעס.
דזשאַב — אַרבעט, פּרנסה.

ה.

האָנימון — האָניק־טעג נאָך דער חתונה.
האָנאָר — כבוד.

ו.

ווהאַט מאָר — וואָס נאָך.
וויל — צוואָה.
וועסט — מערב.
ווייטער — קעלנער.

ט.

טראָקל — קליינער לאַסט־אויטאָ.
טאַים — צייט.

י.

יוראָפּ — איראָפּע.

ל.

לאָרד — האַר, הערשער.
לאָט — פּלאַץ, שטיקל לאַנד.
לאָיער — אַדוואָקאַט.

מ.

מאָניע — געלט.
מאַנופעקטשורערס — פאַבריקאַנטן.
מאַרקעט — מאַרק, געגנט וואו נאָדל־פאַך אַרבעטער פאַרקויפן זייער אַרבעטס־קראַפט.
מאונטענס — בערג.
מסיו — הער.

ס.

סיזאָן — סעזאָן, זמן.
סעכּפּלמעיקער — סאמפּל־מאכער,
וואָס מאכט א מוסטער־קלייד.
סטאָר — קראָם.
סאָמטינג גרענד — עטוואָס גרויס־
ארטיקס.

ע.

עקספּיריענסד — דערפאַרענע.

פּ.

פּאַרטנער — שותף.
פּעיפּער — פּאַפּיר, צייטונג.
פּרעזענט — מתנה.
פּאַרלאָר — אויפנאַם־צימער.
פּאָטעיטאָ — קאַרטאָפל.

פ.

פעיקער — אָפּנאַרער, שווינדלער.

פעקטאָרי — פאַבריק.
פעיס — פּנים.
פאַני — מאָדנע.

ק.

קאַר — אויטאָמאָביל.
קאָמפּלעין — קריוודע, אָנקלאָגע.
קאָרנער — עק גאַס.
קרים — סמעטענע.
קרוק — דריי־קאָפּ, שווינדלער.

ר.

ריטש — רייך.
רעיז — העכערונג אין שכירות.

ש.

שאָפּ־טשערמאַן — פאָרזיצער פון
פאַבריק־קאָמיטעט
שעד — קאַמער.
שעפּער — פאַבריקן.

אינהאַלט:

אין די בערג

1 אינדערפרי — 6
2 נעכט אין פיין — 7
3 טויט — 9
4 אין טרויער — 11
5 טרערן — 13
6 אַ בריוו פון חבר גאַרמאַן — 15
7 גלוסטונג (א) — 18
8 גלוסטונג (ב) — 22
9 באַגער — 25

●

אין דערמאָנונג

10 ביים ראַד פון טראַק (א) — 30
11 מישעל (ב) — 33
12 פיער און הענריעט (ג) — 38
13 דער לעצטער ווינטער (ד) — 49
14 פיער רעדט וועגן זיך — 53
15 ביילעס בריוו — 55
16 מסיו פיקאַרד — 57
17 יאַסלס בריוו צו חבר גאַרמאַן — 61
18 אין רעגן — 64
19 פיער באַרואיקט — 67
20 פיער רעדט ווידער צו יאַסלען — 70

●

זונטיק

21 די פאַרמער פאָרן אין קלויסטער (א) — 74
22 זונטיק — מען פאָרט פון קלויסטער (ב) — 79
23 זונטיק — אין רעסטאָראַן — 80

●

צוריק אין שטאָט

24 צו דער באַן — 90
25 פרייד — 92
26 דער זעלבער שאַפּ — 96
27 מאַטסע אין הויז ביי פייגעס שוועסטער — 100

28 די טעלעגראמע 106
29 באַגעגעניש 108
30 ביי ר׳ הענעכן אין הויז 111

●

פרילינג

31 ערב חתונה 119
32 די חתונה 120

●

אין די ווייטן

33 די משפחה געזעגנט זיך מיט יאָסלען 129
34 אין באַן 133
35 שלום עליכם — חבר דיכטער 136
36 פייגעס בריוו 144
37 דער חלום פון גרויל 147
38 דאָס ליד צום טאַטן 150
39 דער העלדנטויט פון טאַטואי 156
40 די גוטע בשורה 162
41 יאָסל פאָרט אהיים 167

●

ווידער ווינטער

42 מיט זיך אַליין 176
43 פאָרן אהיימגיין 184
44 פעטש 187
45 ברוגז 193
46 משפחה׳דיק־נאָענט 200
47 חבר גאָרמאַן באַהאַלט זיך אויס 204
48 פיער אין טורמע 206
49 חנוכה אין הויז 207

●

ליכט

50 פייגעס טרויער 216
51 דעם טאַטנס פאַרדראָס 218
52 יאוש 221
53 ליכט 226
טייטש־ווערטער 231-232